STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10637

HISTORISHER MATERYALIZM

Herman Gorter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערמאַן גאָרטער

היסטאָרישער מאַטעריאַליזם

הקדמה פון קאַרל קאַוטסקי

יידיש ה. מיימון

פינפטע אויפלאַגע

פאַרלאַג „אַרבעטער-היים" וואַרשע

HERMAN GORTER

MATERJALIZM DZIEJOWY

WYDAWNICTWO „ARBEITERHEIM"

WARSZAWA 1926.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 25

אינהאלט:

זייט

I. וואָס איז אַזויגס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם? 3
II. וואָס איז ניש ט דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם? 5
III. איבערבליק איבער'ן אינהאַלט פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם. . 7
IV. דאָס „מאַטעריעלע" לעבען און דאָס „גייסטיגע" לעבען. . . . 14
V. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען בעשטימט דעם גייסט. 22

א. די וויסענשאַפט, דאָס קענען און דאָס לערנען. . . . 22
ב. די ערפינדונגען 29
ג. דאָס רעכט. 37
ד. די פּאָליטיק. 44
ה. זיטען און מאָראַל 56
ו. רעליגיע און פילאָזאָפיע. 90
ז. די קונסט. 111

VI. שלוס. 112
די קראַפט פונ'ם אמת. 114
די קראַפט פונ'ם יחיד. 116

צוזאץ:

קאַוטסקי'ס פאָרוואָרט צו דער דייטשער איבערזעצונג פונ'ם בוך. . 119

I.

וואָס איז אַזוינס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם?

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט צו טהון נישט בלויז מיט אַ פּאָליטישען און עקאָנאָמישען קאַמף, זי פיהרט געגען די פערמעגליכע קלאַסען אויך אַנ' א י ד ע ע ן - קאַמף.

מיט אַנדערע ווערטער: די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט צו טהון נישט בלויז מיט דער שטרעבונג, אַז דאָס פּריוואַט-אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, דאָס הייסט אויף נאַטור-קרעפטען, ווערקצייג און ערד, זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין אַ קאָלעקטיוו אייגענטום מיט דער הילף פונ'ם פּאָליטישען קאַמף, דהיינו: דורך אויסקעמפען און אַריינגעהמען אין די אייגענע הענד די מלוכה-מאַכט—זי פיהרט אויך געגען די פערמעגליכע קלאַסען אַ קאַמף פאַר אַוועלט-אָנשויאונג.

ווייל זי מוז עס פיהרען.

ווייל דער אַרבייטער, וועלכער וויל מיטהעלפען צום בעזיעגען די בורזשואַזיע און וועלכער וויל ברענגען דערצו, אַז זיין קלאַס זאָל בעקומען אין זייגע הענד די שליטה, מוז בייקומען ביי זיך אין אייגענעם קאָפּ די בעל-הבת'ישע געדאַנקען, מיט וועלכע עס האָבען איהם אָנגעפילט פון קינדווייז־אויף: רביים, לעהרער, מגידים, מטיפים, בעל-הבת'ישע שרייבער, רעדנער א. אַז. וו. עס איז נישט גענוג, ער זאָל געהערען צום פּראָפעסיאָנעלען פעראיין און צו דער פּאָליטישער פּאַרטיי—און שוין; ער מוז נאָך זיך אַליין איבערליך מאַכען פאַר אַנ'אַנדער מענש און נישט בלייבען דאָס, וואָס די הערשער האָבען געמאַכט פון איהם. מיר מיינען דערמיט צו זאָגען אָט-וואָס:

עס איז פאַרהאַן אַ געוויסער קוק אויף דאָס לעבען, אַנ'איבערצייגונג, מען קאָן אפשר זאָגען: אַ פילאָזאָפיע, פון וועלכער די בורזשואַזיע וויל נישט וויסען, אָבער דער אַרבייטער מוז זי אָננעהמען, אויב ער וויל זיין אימשטאַנד די בורזשואַזיע צו בעזיעגען.

די פאָרשטעהער פון די פערמעגליכע קלאַסען ווילען איינרעדען די אַרבייטער, אַז דער „גייסט” שטעהט העכער פונ'ם מאַטעריעלען געזעלשאַפטליכען לעבען, אַז דער גייסט (דער רוח) בעהערשט די מאַטעריע (דעם חומר). פון זייער זייט איז עס שטאַרק פערשטענדליך. ביז איצט האָבען זיי טאַקי

בענוצט דעם גייסט אַלס מיטעל צו זייער הערשאַפט: זיי האָבען אין זייער שליטה די וויסענשאַפט, דאָס געזעץ, דאָס רעכט, די פּאָליטיק, די קונסט, די רעליגיעזע אינסטיטוציעס—און איבער דאָס אַלץ הערשען זיי. האָבען זיי דערום שטאַרק חשק אויפצוקלערען די אַרבייטער, אַז אַזוי דאַרף עס בלייבען לעולם ועד, אַז דער גייסט בעהערשט דאָס מאַטעריעלע געזעלשאַפטליכע לעבען פון אייביג־אָן, אַז ער בעהערשט די אַרבייט פונ׳ם אַרבייטער אין דער פאַבריק, אין דעם וואַרשטאַט, אויפ׳ן פעלד, אויף דער שיף, אויף דער באַהן. דער אַרבייטער וואָס גלויבט דאָס, דער גלויבט שוין ממילא, אַז דער גייסט שאַפט פון זיך אַרויס די פּראָדוקציע, אַז ער בעשאַפט די אַרבייט און די געזעלשאַפטליכע קלאַסען,—דער דאָזיגער אַרבייטער וועט זיך שוין לאָזען טרעטען פון די בעלי־בתים מיט זייערע אַלע יוצר־משרתים: די כלי־קודש, געלעהרטע א. אַז. וו., ווייל די בעלי־בתים האָבען דאָך דעם גרעסטען טייל פון דער וויסענשאַפט, זיי האָבען די רעליגיעזע אינסטיטוציעס—זיי האָבען אַלזאָ דעם גייסט, און אויב דאָס איז אמת מוזען זיי טאַקי הערשען.

אָבער דער אַרבייטער, וואָס וויל ווערען פריי, וואָס וויל ברענגען דערצו, אַז די מלוכה זאָל אַריינפאַלען אין די הענד פון זיין קלאַס און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען ביי די הערשענדע קלאַסען אָבגענומען ווערען—דער מוז בעגרייפען, אַז די בעל־הבתים שטעלען־פאַר די זאַך מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף און אַז נישט דער גייסט בעשטימט דאָס לעבען, גאָר פערקעהרט: דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען בעשטימט דעם גייסט.

די דאָזיגע לעהרע טראָגט דעם נאָמען: היסטאָרישער מאַטעריאַליזם.

ווען דער אַרבייטער בעגרייפט עס, וועט ער זיך פריי מאַכען פון דער גייסטיגער הערשאַפט פון די פערמעגליכע קלאַסען און אַנטקעגען זייער אַרט דענקען וועט ער אַרויסשטעלען זיין אייגענעס דענקען, אַ מעהר שטאַרקס און אַ מעהר ריכטיגס.

און די דאָזיגע זאַך וועט האָבען נאָך אַ פעולה: דער אַרבייטער וואָס פערשטעהט עס וועט איינזעהן, אַז דאָס וואָס עס קומט־פאָר אַרום איהם אין דער מענשליכער געזעלשאַפט איז די אורזאַך פון דעם, וואָס עס קומט־פאָר ביי איהם אין קאָפּ, אַז ביי איהם אין קאָפּ ענטשטעהט דער סאָציאַליזם דערפאַר וואָס ער, דער סאָציאַליזם, וואַקסט־אַרויס אַרום איהם, אין דער געזעלשאַפט, און באמת איז דאָך טאַקי אַזוי: די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, דאָס סאָציאַלע לעבען גופא, געהט אויפ׳ן וועג צום סאָציאַליזם, און גרייט־צו דעם סאָציאַליזם. הייסט עס: דער אַרבייטער וועט איינזעהן און פיהלען, אַז ער פערמאָגט דעם אמת וועגען דער ווירקליכקייט; און דאָס וועט איהם געבען דעם מוט און דעם ביטחון, וועלכע זענען נויטיג פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דאָס דאָזיגע וויסען איז אַלזאָ פאַר דעם פּראָלעטאַרישען קאַמף פונקט אַזוי נויטהוענדיג, ווי דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין און די פּאָליטישע פּאַרטיי; מען מוז זאָגען, אַז אָהן דעם דאָזיגען וויסען קאָן דער עקאָנאָמישער און פּאָ-

ליטישער קאַמף נישט פאָלקאָם דורכגעקעמפט ווערען. וואָרום גייסטיגע שקלאַפעריי שטערט דעם אַרבייטער צו פיהרען ווי געהעריג דעם מאַטעריעלען קאַמף; דאַגעגען דאָס בעוואוסטזיין, אַז אַלס אָרימער פראָלעטאַריער איז ער פון דעסטוועגען גייסטיג שטאַרקער איידער זיינע בעהערשער, הייבט איהם שוין אויף העכער פון זיי און גיט איהם די קראַפט, צו בעזיעגען זיי אויך פאַקטיש.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז די לעהרע, וועלכע ערקלערט, אַז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען („דאָס סאָציאַלע זיין") בעשטימט דעם גייסט, טרייבט דאָס דענקען אין בעשטימטע וועגען און ענטשיידעט דעם רצון און די האַנדלונג פון פערזאָנען און קלאַססען.

דאָ אין בוך וועלען מיר פרובען וויזען דעם אַרבייטער די ריכטיגקייט פון דער דאָזיגער לעהרע—אַזוי איינפאַך און קלאָר, ווי ס'איז נור מעגליך.

II.

וואָס איז נישט דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם?

פון דעסטוועגען איידער מיר נעהמען-זיך קלאָר מאַכען, וואָס איז אַזוינס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, ווילען מיר אַפריהער זאָגען, וואָס איז ער נישט. דאָס טהוען מיר, כדי צו בעזייטיגען געוויסע פאָראורטיילען און פערמיידען מיספערשטענדניסען. מען דאַרף וויסען, אַז אויסער דעם דאָזיגען היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, וועלכע איז די פון פרידריך ענגעלס און קאַרל מאַרקס בעגרינדעטע לעהרע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, איז נאָך פאַרהאַן אַ פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם, אפשר גאָר עטליכע סיסטעמען פון דעם דאָזיגען מין. אָבער די דאָזיגע סיסטעמען פערגלעהמען זיך נישט, אַזוי ווי דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, מיט דער פראַגע: ווי אַזוי ווערט דער גייסט געצוואונגען דורך דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, דורך די פראָדוקציאָנס-אופנים, די טעכניק, די אַרבייט, צו געהן אין בעשטימטע וועגען—נאָר זיי קלעהרען וועגען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען קערפער און גייסט (חומר און רוח), מאַטעריע און נשמה, גאָט און וועלט א. אַז. וו. די דאָזיגע אַנדערע, נישט היסטאָרישע נאָר אַלגעמיין-פילאָזאָפישע סיסטעמען פרובען צו געבען אַן ענטפער אויף די פראַגע: אין וואָס פאַר אַ שייכות שטעהט דאָס דענקען בכלל צו דער מאַטעריע, אָדער ווי אַזוי איז דאָס דענקען אַרויסגעקומען? דאַגעגען דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם פרעגט: פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס אין אַ געוויסער צייט דענקט מען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט דווקא אַזוי און אַזוי? דער אַלגעמיינער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם וועט צום ביישפיל זאָגען: די מאַטעריע איז אַן'אייביגע זאַך און פון איהר קומט-אַרויס ביי געווי-

סע אומשטענדען דער גייסט, וועלכער פערשווינדט דערנאָך ווידער, ווען זיינע בעדינגונגען זענען שוין מעהר נישטאָ; אָבער דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם וועט זאָגען: דאָס וואָס די פּראָלעטאַריער דענקען אַנדערש ווי די פערמעגליכע קלאַסען, איז אַ רעזולטאַט פון די אָדער יענע בעשטימטע אורזאַכען.

דער אַלגעמיינער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם קלעהרט וועגען דעם מהות פון׳ם דענקען. אָבער דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם קלעהרט וועגען דער אורזאַך פון די ענדערונגען אין׳ם דענקען. דער ערשטער פּרובט צו ערקלערען די ענטשטעהונג, דער אַנדערער—די ענטוויקלונג פון׳ם דענקען. דער ערשטער איז פילאָזאָפיש, דער צווייטער היסטאָריש. דער ערשטער שטעלט-זיך אויף דעם צושטאַנד, ווען קיין שום דענקען, קיין שום גייסט איז נאָך נישט בנמצא; דער צווייטער שטעלט-זיך אויף דעם צושטאַנד, ווען דער גייסט איז שוין אַ „יש", ווען ער עקזיסטירט שוין (נאָר ער אינטערעסירט זיך, ווי געזאָגט, מיט די ענדערונגען, וואָס דער גייסט ווייזט-אַרויס אין דער געשיכטע)... דער גרויסער אונטערשייד איז שוין, דאַכט זיך, גענוג קענטיג.

ווער עס וויל קענען און וויסען די לעהרע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, מוז קודם-כל זיך גוט אַריינבעהמען אין קאָפּ דעם דאָזיגען אונטערשייד, וואָרום די געגנער און דערהויפּט די בעל-הבית׳ישע אינטעליגענץ, וואָס האָט ליעב צו שטאָלצירען דערמיט, אַז זי איז „נישט מאַטעריאַליסטיש, נאָר אידעאַליסטיש געזאָנען", היינט ווער רעדט נאָך די פרומאַקעס פון אַלערליי מינים—האָבען די טבע צונויפצומישען די דאָזיגע ביידע ענינים און, אָבשרעקענדיג מיט׳ן ערשטען, ווילען זיי פערמיאוס׳ן אין די אויגען פון דער יוגענד אויך דעם צווייטען. די דאָזיגע אַפּוטרופּסים פון „אידעאַליזם", מישטיינס געזאָגט, טענה׳ן אַזוי: דער מאַטעריאַליזם האַלט, אַז די גאַנצע וועלט איז נישט מעהר ווי אַ חומר, אַ מאַטעריע, וואָס בעוועגט-זיך מעכאַניש, אַז מאַטעריע און קראַפט איז דער אייביגער אייבציגער און אַבסאָלוטער יש, אַז דאָס דענקען איז בלויז אַן אויסדעמפונג פון מוח, אַזוי ווי די גאַל פון דער לעבער; די מאַטעריאַליסטען—זאָגען זיי—זענען אַ נייער מין געצען-דיענער, מאַטעריע-דיענער, און דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז דאָס אייגענע וואָס דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם... און פיעל מענשען, וועלכע קענען נישט די אמת׳ע מיינונגען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועגען דעם מהות פון׳ם גייסט (אַזוי ווי יאָזעף דיצגען האָט עס אויפגעקלערט)—גלויבען טאַקי אין די דאָזיגע פּלאַפּלעריי און האָבען ממש מורא פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער לעהרע; דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז פאַר זיי טרפה, ווי חזיר פאַר אַ פרומען ייד.

די דאָזיגע טענות זענען אָבער פאַלש. דורך אַ רייה ביישפּילען וועלען מיר דערווייזען, אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם בעהאַנדעלט גאָר נישט די פראַגען וועגען דער בעציהונג צווישען מוח און חומר, נשמה און מאַטע-

ריע, גאָט און וועלט, דענקען און זיין — נאָר ער פערנעהמט זיך בלויז מיט די ענדערונגען, וואָס ווערען דורך די געזעלשאַפטליכע ענדערונגען אַרויסגערופען אין׳ם דענקען.

נאָר פון דעסטוועגען ווען מיר ערקלערען, אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז נישט דאָסזעלבע וואָס דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם, מיינען מיר נישט צו זאָגען דערמיט, אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם קאָן נישט פיהרען צו אַן׳אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג. אַדרבה ווי יעדע עמפּירישע וויסענשאַפט איז אויך דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם אַ מיטעל צוצוקומען צו אַן׳אַלגעמיינער פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג. און דערין גופא שטעקט טאַקי אַ וויכטיגער טייל פון דער בעדייטונג, וואָס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם האָט פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט. ער דערנעהנטערט אונז צו אַן׳אַלגעמיינער פאָרשטעלונג וועגען דער וועלט. די דאָזיגע פאָרשטעלונג איז אָבער נישט קיין מעכאַניש־מאַטעריאַליסטישע, פּונקט אַזוי ווי זי איז נישט די תלמודיסטישע, די קאַטוילישע צי די עוואַנגעלישע צי די פרייזיניגע — זי איז גאָר אַן׳אַנדער פאָרשטעלונג, אַ נייע הבנה, אַ נייער קוק אויף דער וועלט, וועלכער איז אייגען בלויז דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער נאָך אַמאָל: דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז נישט די דאָזיגע וועלט־אַנשויאונג גופא; ער איז אַ וועג, אַ מיטעל, איינס פון די פיעל מיטלען צוצוקומען דערצו, — אַזוי ווי דער דאַרוויניזם, די גאַנצע נאַטור־וויסענשאַפט, מאַרקס׳ענס לעהרע וועגען קאַפּיטאַל און דיצגען׳ס לעהרע וועגען גייסט זענען אויך אַזעלכע מיטלען. איין איינציגס פון די דאָזיגע מיטלען איז נישט גענוג, אויף צוצוקומען צו דער דאָזיגער וועלט־אַנשויאונג, נאָר אַלע צוזאַמען פיהרען ערשט אַהין.

אַזוי ווי דאָ אין בוך בעהאַנדלען מיר בלויז דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, וועלען מיר, פערשטעהט זיך, וועגען דער אַלגעמיין־פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נישט רעדען בפרטות. נאָר ביי עטליכע ביישפּילען, וועלכע מיר וועלען ברענגען כדי צו מסביר זיין דעם ענין, וועלען מיר פון דעסטוועגען געפינען אַ געלעגענהייט אָנצווייזען אויך אויף די דאָזיגע אַלגעמיינע וועלט־אַנשויאונג; כדי אויך די דאָזיגע אַלגעמיינע, וועלכע בעשטעהט פון׳ם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם מיט נאָך פיעל אַנדערע וויסענשאַפטען, זאָל דעם לעזער געוויסערמאַסען בעקאַנט ווערען.

III.

איבערבליק איבער׳ן אינהאַלט פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם.

אַצינד שטעלט־זיך די פראַגע: וואָס איז דען דער אַלגעמיינער אינהאַלט פון אונזער לעהרע?

איידער מיר נעהמען־זיך בעווייזען די ריכטיגקייט פון אונזער לעה־

רע, ווע̇לען מיר טאַקי געבען צוערשט דעם לעזער אַן׳אַלגעמיינעם און קלאָרען איבערבליק איבער דעם, וואָס עס דאַרף דערוויזען ווערען.

פאַר יעדען אינעם, וועלכער קוקט זיך-צו צום געזעלשאַפטליכען לעבען, איז קלאָר, אַז די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט לעבען אין בעשטימטע בעציהונגען איינע צו די אַנדערע. געזעלשאַפטליך זענען זיי איינע צו די אַנדערע נישט גלייך, נאָר זיי צעפאַלען־זיך אויף גרופּעס אָדער קלאַסען, וואָס שטעהען אויף אַ העכערער און נידעריגערער שטאַפעל. דער איבערפלעכליכער צוקוקער וואָלט קאָנען מיינען, אַז די דאָזיגע בעציהונגען זענען בלויז אייגענטום־בעציהונגען: די איינע פערמאָגען ערד, נחלאות, די אַנדערע—פאַבריקען אָדער טראַנספּאָרט-מיטלען אָדער סחורות צום פערקויפען, אַנדערע ווידער פערמאָגען גאָרנישט. אויך וואָלט נאָך דער איבערפלעכליכער צוקוקער קאָנען מיינען, אַז דער אונטערשייד צווישען זיי אַלע איז דער־עיקר אַ פּאָליטישער: עטליכע גרופּעס האָבען אין זייערע הענד די מלוכה־מאַכט, אַנדערע ווידער האָבען נישט דערויף קיין שום דעה אָדער כמעט קיין שום דעה. אָבער ווער עס קוקט טיעפער אַריין, דער בעמערקט, אַז הינטער די אייגענטום־בעציהונגען שטעקען גאָר פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, אין וועלכע די מענשען שטעהען איינע צו די אַנדערע ביים פּראָדוצירען דאָס, וואָס די געזעלשאַפט דאַרף האָבען.

אַרבייטער, אונטערנעהמער, שיפס־אייגענטימער, רענטיערען, גוט-בעזיצער, אַרענדאַטאָרען, סוחרים און קרעמער, זיי אַלע זענען דאָס וואָס זיי זענען —צוליב דעם אָרט, וואָס זיי פערנעהמען אינ׳ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אין דער בעאַרבייטונג פון די פּראָדוקטען און אין זייער צירקולאַציע. דער דאָזיגער אונטערשייד איז נאָך טיעפער איידער דער חילוק, וואָס דער איינער האָט געלד און דער אַנדערער האָט גאָרנישט. וואָרום דער יסוד פון דער געזעלשאַפט איז דאָך די בעאַרבייטונג פון די קולטור-אוצרות.

אַלזאָ מיר, מענשען, געפינען־זיך אין אַרבייטס־ און פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען איינע צו די אַנדערע.

אָבער אויף וואָס זענען געשטעלט די דאָזיגע אַרבייטס-בעציהונגען? צי שוועבען דען די מענשען סתם־אַזוי אין דער לופט, אַלס קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער, גוט-בעזיצער, אַרענדאַטאָרען און טאָג-מענשען און ווי מען רופט זיי אַלץ דאָרטען די אַלע אַנדערע מינים מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט?

ניין, די דאָזיגע בעציהונגען זענען געבויט אויף דער טעכניק, אויף די ווערקצייג, מיט וועלכע די מענשען אַרבייטען אין דער ערד, אין דער נאַטור. די פאַבריקאַנטען און די פּראָלעטאַריער האָבען אַלס זייער יסוד די מאַשין, זענען פון דער מאַשין אָבהענגיג. ווען עס וואָלטען נישט זיין קיין מאַשינען, וואָלטען אויך נישט זיין קיין פאַבריקאַנטען און קיין פּראָלעטאַריער (אַלענפאַלס נישט אַזעלכע, ווי זיי זענען אַצינד).

דער איינפאַכער וועבשטוהל האָט געשאַפען די אַרבייט אינדערהיים

דורך דער אייגענער פאַמיליע, דער קאָמבינירטער הילצערנער וועב-שטוהל האָט שוין געשאַפען אַ געזעלשאַפט מיט קליינע מייסטערס און געזעלען, אָבער די גרויסע אייזערנע וועב־מאַשין, וואָס ווערט געטריבען דורך דאַמף אָדער עלעקטריע, האָט געשאַפען אַ געזעלשאַפט מיט גרויסע פאַבריקאַנטען, אַקציאָנערען, דירעקטאָרען, באַנקירען און לוין־אַרבייטער.

די פראָדוקציאָנס־בעציהונגען זענען פעסטע ראַהמען, אין וועלכע די מענשען זענען אַריינגעשטעלט. דער פראָדוקציאָנס־פראָצעס איז אַ מאַטעריעלער פראָצעס, און די ווערקצייג זענען אַזוי ווי די ווינקלען און לייסטען פון די ראַהמען, אין וועלכע מיר שטעהען.

די טעכניק, די ווערקצייג, די פראָדוקטיוו־קרעפטען זענען דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט, דער אייגענטליכער יסוד, אויף וועלכען עס שטעהט דער גאַנצער ריעזיגער און אַזוי פערוויקעלטער אָרגאַניזם פון דער געזעלשאַפט. אבער דיזעלבע מענשען, וועלכע שאַפען זייערע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען לויט זייער מאַטעריעלען פראָדוקציאָנס־אופן, שאַפען אויך לויט די דאָזיגע בעציהונגען זייערע אידעען, זייערע פאָרשטעלונגען, זייערע מיינונגען, זייערע פרינציפען. די קאַפּיטאַליסטען, די אַרבייטער און די אַנדערע קלאַסען, וואָס דורך דער טעכניק פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי לעבען זענען זיי געצוואונגען צו שטעהן אין בעשטימטע בעציהונגען איינע צו די אַנדערע—אַלס מייסטער און קנעכט, אייגענטימער און פראָלעטאַריער, ערד־אייגענטימער און טאָג-מענשען—די אייגענע קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער א. אַז. וו. דענקען אויך אַלס קאַפּיטאַליסטען, אַרבייטער א. אַז. וו. זיי שאַפען זייערע אידעען, זייערע פאָרשטעלונגען נישט אַלס אַבסטראַקטע וועזענס נאָר אַלס שטאַרק קאָנקרעטע ווירקליכע לעבעדיגע מענשען, מענשען וואָס לעבען אין אַ בעשטימטער געזעלשאַפט.

אַלזאָ נישט בלויז אונזערע מאַטעריעלע בעציהונגען הענגען־אָב פון דער טעכניק, זענען געבויט אויף דער אַרבייט, אויף די פראָדוקטיוו-קרעפטען; נאָר אַזוי ווי מיר דענקען טאַקי איבערהאַלב פון אונזערע מאַטעריעלע בעציהונגען און אונטער די דאָזיגע בעציהונגען, הענגען-אָב אויך אונזערע געדאַנקען דירעקט פון די דאָזיגע בעציהונגען און אינדירעקט אַלזאָ פון די פראָדוקטיוו־קרעפטען.

דאָס מאָדערנע געזעלשאַפטליכע לעבען פונ'ם מאָדערנעם פראָלעטאַריער איז געשאַפען דורך דער מאַשין. זיינע געזעלשאַפטליכע געדאַנקען, וועלכע נעהמען-זיך פון דער בעציהונג אין וועלכער ער שטעהט אַלס פראָלעטאַריער, זענען אַלזאָ אינדירעקט געבויט אויף דער מאָדערנער מאַשינעריע און פון איהר הענגען זיי אָב אינדירעקט. און דאָס אייגענע איז מיט אַלע קלאַסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער דאָס איז נאָך נישט גאָר; מען דאַרף נאָך וויסען אָט־וואָס:

נישט תמיד איז עס געווען אַזוי. אין דער פאַרצייטיגער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט זענען די וויכטיגסטע פּראָדוקציאָנס-מיטלען (די ערד, דאָס געמיינזאַם אויסגעבויטע הויז, די סטאַדעס) געווען אַ געמיינזאַם אייגענטום, נישט קיין פּריוואַט-אייגענטום. די וויכטיגסטע געזעלשאַפטליכע אַרבייט'ן האָט מען געמאַכט בצוזאַמען; אין דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס זענען אַלע גלייך געווען, פערשטעהט זיך הוק דעם אונטערשייד אין געשלעכט און עלטער, און אינ'ם אייגענטום איז נישט געווען קיין שום אונטערשייד אָדער בלויז גאָר אַ קליינער חילוק. אָבער נאָכדעם ווי די צעטיילונג פון דער אַרבייט איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז עס זענען געשאַפן געוואָרען פערשידענע פאַכען, און נאָכדעם ווי דורך דער בעסערער טעכניק און דורך דער צעטיילונג פון דער אַרבייט איז פּראָדוצירט געוואָרען אַנ' עודף איבער דאָס, וואָס איז דירעקט נויטווענדיג פאַר'ן לעבען — האָבען געוויסע פאַכען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך קענטניסען אָדער דורך קריעגס-פעהיגקייטען (ווי די כהנים אָדער קריעגס-לייט), פערשטאַנען אַריינצובעקומען אין זייערע הענד דעם דאָזיגען עודף און סוף-כל-סוף אויך די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. אַזוי-אַרום זענען אַרויסגעקומען די קלאַסען און די אַרבייטס-בעציהונגען ערשיינען פון דעמאָלט-אָן אין דער פאָרם פון פּריוואַט-אייגענטום.

„דורך דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק און דורך דער צעטיילונג פון דער ארבייט זענען אַלזאָ אַרויסגעקומען די קלאַסען. קלאַסען-בעציהונגען און אייגענטום-בעציהונגען זענען געבויט אויף דער אַרבייט. דורך דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, וועלכע האָט געשאַפען פאַר געוויסע פאַכען די מעגליכקייט צו פערכאַפּען די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, זענען אַרויסגעקומען פערמעגליכע און נישט-פערמעגליכע און די גרויסע מאַסע פון פאָלק איז געוואָרען: שקלאַפען, לייב-אייגענע און לוין-אַרבייטער".

און דער עודף, וואָס די טעכניק, די אַרבייט, פּראָדוצירט איבער דאָס, וואָס איז דירעקט נויטווענדיג — איז וואָס ווייטער אַלץ גרעסער געוואָרען און וואָס ווייטער איז אַלזאָ געוואָרען אַלץ גרעסער אויך דאָס עשירות פון די פערמעגליכע און אַלץ שאַרפער איז געוואָרען דער קלאַסען-געגענזאַץ צו די נישט-פערמעגליכע. אין אַ גלייכער מאָס איז אַלזאָ געוואַקסען אויך דער קלאַסען-קאַמף, — דער קאַמף, וואָס די קלאַסען פיהרען צוליב דעם אייגענטום אויף די פּראָדוקטען און אויף די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. און אַזוי איז דער דאָזיגער קאַמף געוואָרען די אַלגעמיינע פאָרם פונ'ם קאַמף, וואָס דער מענש אין דער געזעלשאַפט פיהרט פאַר זיין עקזיסטענץ. די אַרבייטס-בעציהונגען זענען אייגענטום-בעציהונגען, און אייגענטום-בעציהונגען זענען בעציהונגען פון די קלאַסען וואָס קעמפען צווישען זיך; און אַלע צוזאַמען זענען זיי געבויט אויף דער ענטוויקלונג פון דער אַרבייט און שטאַמען פונ'ם אַרבייטס-פּראָצעס, פון דער טעכניק.

די בעציהונגען, אין וועלכע עס שטעהט יעדער איינצעלנער מענש, גילטען נישט בלויז פאַר איהם אַליין, ווייל געזעלשאַפטליך שטעהט נישט דער מענש אין אַ ספּעציעלער בעציהונג צו אַנדערע מענשען, וואָס בלויז ער אַליין האָט מיט איהר צו טהון. אַנ׳אַרבייטער, צום בייששפּיל, איז נישט קיין **יחיד** אין זיין לאַגע אַלס לוין-אַרבייטער, **ער איז איינער פון פיעל**, ער איז אַ מיטגליד פון אַ קלאַס פון מיליאָנען, וועלכע געפינען זיך אַלס לוין-אַרבייטער אין דערזעלבער לאַגע וואָס ער. און אַזוי איז עס מיט יעדען מענש אין דער ציוויליזירטער וועלט: יעדער איינער געהערט צו אַ גרופּע, אַ קלאַס, וואָס זיינע מיטגלידער בעציהען זיך צום פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס אויף דעם איי־גענעם אופן. עס איז אַלזאָ אמת נישט בלויז דאָס, אַז **איין** אַרבייטער, **איין** קאַפּיטאַליסט, פויער א. אַז. וו. וועט געזעלשאַפטליך דענקען אַזוי, ווי די אַרבייטס-בעציהונגען מאַכען איהם דענקען—נאָר זיינע מיינונגען, זיינע אידעען, זיינע פאָרשטעלונגען וועלען זיין אין אַלגעמיינע שטריכען איינשטימיג מיט די מיינונגען, אידעען, פאָרשטעלונגען פון הונדערטער טויזענדער אַנדערע, וועלכע געפינען זיך אין דערזעלבער לאַגע וואָס ער. היוצא מזה: **אַזוי ווי עס איז פאַרהאַן אַקלאַסען-פּאָזיציע אינ׳ם אַרבייטס-פּראָצעס, אַזוי איז אויך פאַרהאַן אַקלאַסען-דענקען.**

און נאָך עפּעס האָבען מיר צו זאָגען צו דער אַלגעמיינער איבערזיכט וועגען אונזער לעהרע:

די אַרבייטס-בעציהונגען פון די פערשידענע קלאַסען: קאַפּיטאַליסטען, אונטערנעהמער, אַרבייטער א. אַז. וו. זענען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט (ווי בכלל אין אַ געזעלשאַפט וואָס איז צעשפּאָלטען אין קלאַסען) גלייכצייטיג אויך אַנ׳אייגענטום-בעציהונג. קאַפּיטאַליסטען, לוין-אַרבייטער, סוחרים, פויערים, פערנעהמען ספּעציעלע פּאָזיציעס נישט בלויז אין דער פּראָדוקציע, נאָר אויך אין דעם אייגענטום. דער **אַקציאָנער** וואָס שאַרט צו זיך אין די קעשענעס די דיווידענדען, שפּיעלט אינ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס נישט בלויז די ראָליע פון אַ געלד-באָרגער און פון אַ פּאַראַזיט, אַנ׳אוכל ואינו עושה, נאָר ער איז אויך אַ מיט-אייגענטימער פון דער אונטערנעהמונג, פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, פון דער נחלה, פון דעם ווערקצייג, פון די רויה-שטאָפען, פון די פּראָדוקטען. דער **סוחר** איז נישט בלויז דער אויסטוישער, דער פערמיטלער, נאָר אויך דער אייגענטימער פון די סחורות און פונ׳ם ריווח. דער **אַרבייטער** איז נישט בלויז דער אויסאַרבייטער פון די פּראָדוקטען, נאָר אויך דער אייגענטימער פון זיין אַרבייטס-קראַפט, וועלכע ער פערקויפט יעדעס מאָל, און פונ׳ם פּרייז וואָס ער דערהאַלט דערפאַר. מיט אַנדערע ווערטער: אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געטיילט אין קלאַסען, זענען די אַרבייטס-בעציהונגען איינצייטיג אויך אייגענטום-בעציהונגען

אָבער די טעלניק שטעהט נישט אויף איין אָרט. זי געפינט זיך אין אַ מעהר גיכער אָדער מעהר לאַנגזאַמער ענטוויקלונג און בעוועגונג: די פּראָדוקטיוו-קרעפטען וואַקסען, דער פּראָדוקציאָנס-אופן ענדערט זיך. און ווען עס ענדערט-זיך דער פּראָדוקציאָנס-אופן, מוזען זיך שוין דורכאויס ענדערן אויך די בעציהונגען, אין וועלכע די מענשען געפינען-זיך איינע צו די אַנדערע אין׳ם אַרבייטס-פּראָצעס. די בעציהונג פון די פריהערדיגע קליינע מייסטערס איינע צו די אַנדערע און צו זייערע געזעלען איז אַ גאַנץ אַנדערע, איידער אין דער איצטיגער צייט די בעציהונג פון די גרויסע אונטערנעהמער איינע צו די אַנדערע און צו דעם לוין-פּראָלעטאַריאַט. ווארום די מאַשינמעסיגע פּראָדוקציע האָט געבראַכט צו אַן ענדערונג פון די אַלטע בעציהונגען. און אַזוי ווי אין אַ קלאַסען-געזעלשאַפט (ווי ס׳איז שוין פריהער ערקלערט) זענען די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען איינצייטיג אויך אייגענטום-בעציהונגען—ווערען אויך די צווייטע געענדערט צוזאַמען מיט די ערשטע; און אַזוי ווי די מיינונגען, פאָרשטעלונגען, אידעען א. אַ. וו. בילדען-זיך א י נ ע ר ה אַ ל ב פון די בעציהונגען און ל ו י ט די בעציהונגען, אין וועלכע די מענשען לעבען—ענדערט זיך אויך זייער בעוואוסטזיין דעמאָלט ווען עס ענדערען זיך די אַרבייט, די פּראָדוקציע און דאָס אייגענטום.

די אַרבייט און דאָס דענקען געפינען זיך אין אַ כסדר׳דיגער ענדערונג און ענטוויקלונג. „פערענדערנדיג דורך זיין אַרבייט די קולטור, פערענדערט דער מענש איינצייטיג אויך זיין אייגענע נאַטור". דער פּראָדוקציאָנס-אופן פונ׳ם מאַטעריעלען לעבען בעדינגט דאָס ג אַ נ צ ע געזעלשאַפטליכע לעבען. „נישט דאָס בעוואוסטזיין פון די מענשען בעשטימט זייער זיין (זייער עקזיסטענץ), נאָר פערקעהרט: זייער געזעלשאַפטליכעס זיין בעשטימט זייער בעוואוסטזיין."

אָבער אויף אַ געוויסען שטאַפּעל פון זייער ענטוויקלונג פאַלען-אַריין די מאַטעריעלע פּראָדוקטיוו-קרעפטען פון דער געזעלשאַפט אין אַ ווידערשפּרוך מיט די עקזיסטירענדע פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען. די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען קאָנען זיך נישט ענטוויקלען אינערהאַלב פון די אַלטע בעציהונגען, זיי קאָנען דאָרט נישט אויסוואַקסען. דעמאָלט הייבט זיך-אָן אַ קאַמף צווישען די, וועלכע זענען פעראינטערעסירט אין די אַלטע פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען, און די, וואָס האָבען אַן אינטערעס אין דער ענטוויקלונג פון די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען. עס קומט אַן עפּאָכע פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, ביז די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען האַלטען-אָב דעם זיעג און עס ווערען געשאַפען נייע פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען, אין וועלכע זיי (די פּראָדוקטיוו-קרעפטען) קאָנען בליהען.

און דורך דער דאָזיגער רעוואָלוציע ענדערט-זיך אויך דאָס דענקען פון די מענשען, עס ענדערט זיך מ י ט איהר און א י ן איהר.

דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון אונזער לעהרע. כדי עס נאָך בע־

סער אויסצוטייטשען, וועלען מיר עס נאָך אַמאָל מסביר זיין אויף דעם פאָל־גענדען אופן:

I. די טעכניק, די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, בילדען דעם יסוד פון דער געזעלשאַפט.

די פּראָדוקטיוו־קרעפטען בעשטימען די פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען, דאָס הייסט: די בעציהונגען, אין וועלכע די מענשען שטעהען איינע צו די אַנ־דערע אינ'ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס

די פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען זענען איינצייטיג אייגענטום־בעציהונגען.

די פּראָדוקציאָנס־ און אייגענטום־בעציהונגען זענען נישט בלויז בעצי־הונגען פון פּערזאָנען, נאָר פון קלאַסען.

די דאָזיגע קלאַסען־בעציהונגען, אייגענטום־בעציהונגען און פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען (מיט אַנדערע ווערטער: דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען) בעשטימען דאָס בעוואוסטזיין פון די מענשען, דאָס הייסט: זייערע מיינונגען איבער רעכט, פּאָליטיק, מאָראַל, רעליגיע, קונסט א. אַז. וו.

II. די טעכניק ענטוויקעלט זיך כסדר.

די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, דער פּראָדוקציאָנס־אופן, די פּראָדוקציאָנס־בעציהונ־גען, די אייגענטום־בעציהונגען, די קלאַסען־בעציהונגען ענדערען זיך דערום נאָכאַנאַנד.

דאָס בעוואוסטזיין פון די מענשען, זייערע מיינונגען און פאָרשטעלונגען איבער רעכט, פּאָליטיק, מאָראַל, רעליגיע, קונסט א. אַז. וו. ענדערען־זיך אַלזאָ אויך צוזאַמען מיט די פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען און די פּראָדוקטיוו־קרעפטען.

III. די נייע טעכניק פאַלט־אַריין אויף אַ געוויסען שטאַפּעל פון איהר ענטוויקלונג אין אַ ווידערשפּרוך מיט די אַלטע פּראָדוקציאָנס־ און אייגענטום־בעציהונגען.

סוף כל סוף זיעגט די נייע טעכניק.

דער עקאָנאָמישער קאַמף צווישען די שיכטען, וועלכע זענען פּעראינ־טערעסירט אין די אַלטע פאָרמען (די קאָנסערוואַטיווע), און די שיכטען, וואָס זענען פּעראינטערעסירט אין די נייע קרעפטען (די פּראָגרעסיווע)—קומט זיי־צום בעוואוסטזיין אין יוריסטישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און קינסטלערישע פאָרמען.

אַצינד וועלען מיר פּרובען בעווייזען די ריכטיגקייט פון די דאָזיגע הנחות. אין אַ רייהעביישפּילען וועלען מיר דערווייזען, ווי אַזוי די ענדערונג אינ'ם דענקען איז אַ רעזולטאַט פון דער ענדערונג אין דער מענשליכער טעכ־ניק. ווען דאָס געלינגט אונז, האָבען מיר אונטערגעגראָבען אַ וויכטיגען טייל פונ'ם יסוד, אויף וועלכען עס שטיצט־זיך די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטען איבער די אַרבייטער. וואָרום דערמיט וואָלט זיין דערוויזען, אַז קיין שום

השגחת־הבורא אָדער גייסטיגע איבערמאַכט פון מענשען קאָן נישט אויפקהאַל־טען די אַרבייטער פון דער הערשאַפט איבער דער וועלט דעמאָלט, ווען זיי טעכניק מאַכט זיי פאַר די מאַטעריעלע און גייסטיגע בעהערשער פון דער וועלט.

IV.

דאָס „מאַטעריעלע" לעבען און דאָס „גייסטיגע" לעבען.

די ביישפּילען, וואָס מיר וועלען געבען, וועלען קודם־כל זיין זעהר איינפאַך. מיר ווילען, אַז זיי זאָלען פערשטאַנען ווערען אפילו פון אַרבייטער, וואָס פערמאָגען קנאַפּע ידיעות אין היסטאָריע; דערום מוזען זיי זיין איינ־פאַך און קלאָר, כדי זיי זאָלען האָבען אַן׳איבערצייגענדע קראַפט. מיר וועלען אויסקלייבען בכן גרויסע, ברייט־פערנומענע ערשיינונגען, וואָס זייער ווירקונג איז אומעדום אַנזעהעוודיג.

פערשטעהט זיך, אַז אויב אונזער לעהרע איז ריכטיג, מוז זי זיין גילטיג פאַר דער גאַנצער געשיכטע, דאָס הייסט: די גאַנצע געשיכטע דאַרף מען קאָנען ערקלערען דורך איהר. זי מוז זיין ביכולת צו ערקלערען יעדען קלאַסען־קאַמף, יעדע איבערקעהרעניש אינ׳ם דענקען פון די קלאַסען, פון דער געזעלשאַפט.

נאָר פון דעסטוועגען דאַרף מען זיין אַ גוטער קענער פון היסטאָריע, כדי צו ערקלערען דורך אונזער לעהרע ביישפּילען פון די פריהערדיגע יאָהר־הונדערטען. שפּעטער וועלען מיר נאָך אָנווייזען דערויף, ווי געפעהרליך עס איז צו וועלען אָנווענדען אונזער לעהרע אויף צייטען אָדער אומשטענדען, וועלכע מען קען נישט, אָדער מען קען זיי בלויז אַביסעל. סיי דער לעזער, סיי דער פער־פאַסער פונ׳ם דאָזיגען ביכעל האָבען נישט אַזעלכע גרויסע ידיעות אין היס־טאָריע. איבערהויפּט וועלען מיר נישט בלויז נעהמען גאַנץ איינפאַכע ביישפּילען בכלל, נאָר חוץ דעם וועלען מיר נעהמען די דאָזיגע ביישפּילען דער־עיקר פון אונזער אייגענער צייט, ס׳הייסט: אַזעלכע גרויסע ערשיינונגען, וואָס יעדער אַרבייטער קען אָדער איז אימשטאַנד צו קענען פון זיין אייגענער סביבה, אַזעלכע פערענדערונגען אין די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען און אינ׳ם גע־זעלשאַפטליכען דענקען, וועלכע מוזען זיך־וואַרפען יעדען לעבעדיגען מענש אין די אויגען. און אויסערדעם—אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס זענען העכסט אינ־טערעסאַנט פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אַרבייטענדען קלאַס און קאָנען פערענטפערט ווערען בלויז דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף אַזאַ אופן, וואָס איז פאַר דעם דאָזיגען קלאַס בעפרידיגענד.

נאָר געגען אונזער לעהרע ווערען דאָך געבראַכט זעהר וויכטיגע טענות,

וועלכע זענען אין פלוג גאָר שטאַרקע...

דערום וועלען מיר טאַקי יעדעס מאָל ביי יעדען מין גייסטיגע ערשיי־נונגען, וועלכע מיר וועלען אַרומרעדען, ווי: פערענדערונגען אין פּאָליטישע אידעען, אין רעליגיעזע פאָרשטעלונגען א. ד. גל.—ברענגען איינעם פון די וויכטיגסטע אַרגומענטען (טענות) פון אונזערע געגנער און גלייך אויפ׳ן אָרט אָבוועגדען, בעקעמפען, די דאָזיגע טענה, כדי אונזער לעהרע זאָל ביסלעכווייז קאָנען בעטראַכט ווערען פון אַלע זייטען און מען זאָל בעקומען וועגען איהר אַ גוטען און גענויערען בעגריף.

צום לייכטסטען איז צו דערקענען די מאַטעריעלע ענדערונגען, וועלכע געהמען־זיך פון דער ענדערונג אין דער טעכניק.

אין יעדען אינדוסטריע-צווייג, ביי די טראַנספּאָרט-מיטלען און אויך אין דער לאַנד-ווירטשאַפט—אומעדום ענדערט־זיך די טעכניק, ענדערען־זיך די פּראָדוקטיוו־קרעפטען. מיר זעהען עס טאָג-טעגליך פאַר אונזערע אויגען. צום ביישפּיל:

דאָס זעצען אותיות, די צוגרייטונג פון געדרוקטע זאַכען איז נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק אומעדום געמאַכט געוואָרען מיט דער האַנד; אָבער דער פאָרשריט פון דער טעכניק האָט געבראַכט אויף דער וועלט די זעץ־מאַשין, וועלכע גיסט אַליין די אותיות אונטער דער האַנד פונ׳ם מאַשין־זעצער און שטעלט זיי אַוועק אויף זייער אָרט.

דאָס בלאָזען גלאָז איז פאָרגעקומען מיט׳ן מויל; אָבער די טעכניק ער־פינדעט ספּעציעלע מכשירים, ווערקצייג, וואָס אַרבייטען־אויס פענסטער-גלאָז, פלאַשען א. אַז. וו.

פוטער פלעגט מען אין דער גאַנצער וועלט מאַכען נור מיט דער האַנד. האָט מען אָבער ערפונדען אַ מאַשין, וואָס פעראַרבייט אין אַ קורצער צייט גרויסע מאַסען מילך; די דאָזיגע מאַשין ווערט אַצינד זעהר ברייט בענוצט.

טייג ווערט געקנעטען מיט דער האַנד אין קעלער פונ׳ם קליינעם בעקער; אָבער עס זענען שוין פאַרהאַן ברויט-פאַבריקען, וואו די דאָזיגע אַר־בייט ווערט געטהון דורך דער מאַשין.

בעלייכטונג האָט מען אין דער אַלטמאָדישער ווירטשאַפט געוואוסט, אַז דאָס דאַרף צוגעגרייט ווערען דורך דער בעל-הבית׳טע. זי פלעגט ריין־מאַכען די לאָמפּ, אָנגיסען זי, שאַצען אַ נייעם קנויט. אָבער אין דער היינטיגער צייט איז פאַרהאַן גאַז אָדער עלעקטרישער שטראָם; צוגעשטעלט ווערט עס פון גאָר ווייט; ווי אַזוי? דורך דער מאַשין.

הכלל, אומעדום וואו דאָס אויג גיט נור אַ בליק, אין אַלע אינדוסטריע-צווייגען—זעהט מען אַ פערענדערונג פון דער פּראָדוקטיוו-קראַפט. און וואָס אַמאָל איז די פערענדערונג און ענטוויקלונג אַלץ אַ גיכערע, אַלץ אַ שנעלערע. דער מאַשין געלינגט אַצינד צו מאַכען אַזעלכע מלאכות, וואָס תחילת איז גאָר

נישט איינגעפאַלען, אַז אַ מאַשין זאָל עס קאָנען מאַכען.

און צוזאַמען מיט די פּראָדוקטיוו-קרעפטען ענדערען-זיך די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, ענדערט-זיך דער פּראָדוקציאָנס-אופן. וועגען דער וועב-מאַשין האָבען מיר שוין גערעדט, ווי אַזוי זי האָט געבראַכט צו נייע בעציהונגען צווישען די אונטערנעהמער גופא און אויך צווישען די אונטערנעהמער מיט די אַרבייטער. פריהער זענען געווען אַסך קליינע מייסטערס, מיט קליינע וואַרשטאַטען און פערהעלטניסמעסיג ווייניג לוין-אַרבייטער. אַצינד—הונדערטער טויזענדער לוין-אַרבייטער, פערהעלטניסמעסיג ווייניג פאַבריק-אייגענטימער, ווייניג אונטערנעהמער. די פאַבריקאַנטען פערנעהמען די לאַגע פון גרויסע שררות און שטעהען אַנטקעגען די אַרבייטער אַלס אַזיאַטישע דעספּאָטען. וואָס פאַר אַ נ׳איבערקעהרעניש מיר האָבען אין דער דאָזיגער בעציהונג! און פון דעסטוועגען האָט צו דעם אַלעם געבראַכט בלויז—די מאַשין.

וואָרום זי, די מאַשין, האָט עס איינגעבראַכט אוצרות, מטמונים, דעם וואָס איז געווען אימשטאַנד זי צו פערשאַפען זיך. זי האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט אַנידערצולעגען די קאָנקורענטען, בעקומען אויף קרעדיט אַ ריעזיגען קאַפּיטאַל, אפשר גאָר שאַפען אַ טרעסט. און זי, די פּראָדוקטיוו-קראַפט, האָט עס געבראַכט דערצו, וואָס די קליינע בעל-הבתים׳לעך זענען אַרויס נקי פון זייער ביסעל פערמעגען און טויזענדער זענען געצוואונגען געוואָרען צו שטעלען-זיך אַלס לוין-אַרבייטער ביי יענעם.

און וואָס האָט אויפגעטהון די נייע פּראָדוקטיוו-קראַפט אין דער אויסאַרבייטונג פון פוטער? די מאַשין, וואָס מאַכט פוטער פון טויזענדער ליטער מילך, איז פאַר דעם דורכשניטליכען פויער אַ צו־טייערע זאַך, און בכלל וועט ער גאָר האָבען צו ווייניג מילך פאַר אַזאַ מאַשין. דערום נעהמען־זיך צונויף הונדערט פויערים אינאיינעם, זיי קויפען אַזאַ מאַשין און פעראַרבייטען זייער מילך געמיינזאַם. אַלזאָ די פּראָדוקטיוו-קראַפט האָט זיך געענדערט, אָבער איינצייטיג האָבען זיך אויך געענדערט די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, דער גאַנצער אופן פונ׳ם פּראָדוצירען: דאָרטען וואו פריהער האָבען הונדערט געאַרבייט יעדער איינער בעזונדער און די ווייבער און די טעכטער פון די פויערים האָבען געמאַכט די פוטער אין דער פויערשער ווירטשאַפט—פאַבריצירען אַצינד הונדערט צוזאַמען און זיי לאָזען אַרבייטען געדונגענע מענשען, לוין-אַרבייטער, אויף זייער געמיינזאַמען חשבון. הייסט-עס: די פויערים, זייערע ווייבער, זייערע טעכטער און אַ קרייז פּראָלעטאַריער זענען אַריינגעטרעטען אין נייע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען איינע צו די אַנדערע און צו דער גאַנצער געזעלשאַפט.

האַלטען אין אָרדנונג אַנ׳אייל- אָדער נאַפט-לאָמפּ, איז געווען די זאַך פון דער בעל-הבית׳טע; הונדערטער טויזענדער פרויען האָבען געהאַט אין זייערע בעל-הבת׳ישקייטען צו זאָרגען, אַז אין שטוב זאָל זיין ליכטיג. אָבער איצט בויט-אויס די געמיינדע אַ גאַז-פאַבריק אָדער אַנ׳עלעקטריע-אַנשטאַלט—און

די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען האָבען זיך דורך דעם געענדערט. נישט דער ייִד: דער איינצעלנער מענש, פּראָדוצירט, נאָר אַ גרויסער געזעלשאַפטליכער אָרגאַן, די געמיינדע. עס קומט־אויף אין די טויזענדער אַ נייער מין אַרבייטער, וועלכע זענען פריהער געוועזען אַ זעלטענע זאַך: די געמיינדע־אַרבייטער, וועלכע שטעהען אין גאָר אַנ׳אַנדער בעציהונג צו דער געזעלשאַפט, ווי דער פריהערדיגער ליכט־פּראָדוצענט.

אין דער פריהערדיגער צייט פלעגען זיך־שלעפּען איבער׳ן לאַנד פּראַכט־וואָגענס, פּאָסט־קאַרעטקעס... אָבער די טעכניק האָט ערפונדען די לאָקאָמאָטיווען און די טעלעגראַפען און אַזוי־אַרום איז דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה מעגליך געוואָרען אַריינצונעהמען אין איהר רשות די טראַנספּאָרטירונג פון זאַכען, מענשען און ידיעות. און ווידער אַמאָל: הונדערטער טויזענדער אַרבייטער און בעאַמטע זענען אַריינגעטרעטען אין נייע פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען. די מאַסען מענשען אין דער געמיינדע, מדינה אָדער מלוכה, וועלכע שטעהען אין דער איצטיגער צייט אין אַ דירעקטער פּראָדוקציאָנס־בעציהונג צום כלל, זענען אַסך גרעסער, ווי אין אַמאָליגע צייטען די בעוואָפּענטע אַרמעען.

נישטאָ די מלאכה, אין וועלכער די טעכניק זאָל נישט איינפיהרען אַ נייעם פּראָדוקציאָנס-אופן. פון אויבען ביז אונטען, פון דעם וויסענשאַפטליכען כעמישען לאַבּאָראַטאָריום, פונ׳ם ערפינדערס לאַבּאָראַטאָריום ביז דער נידריגסטער אַרבייט, ווי צ. ב. די אַוועקפיהרונג פון מיסט אין אַ מאָדערנער גרויסער שטאָט — ענדערט-זיך כסדר די טעכניק און דער אופן פון דער אַרבייט. אין יעדער מלאכה קומען-פאָר איבערקעהרענישען אין דעם דאָזיגען אופן, אַז ערפינדונגען זענען שוין נישט מעהר אַ זאַך פון צופאַל אָדער פון געניאַלע פערזענליכקייטען, נאָר די זאַך פון מענשען וואָס לערנען-זיך ספּעציעל דערויף, וועלכע פאָרשען בעוואוסטזיניג לכתחילה אין אַ בעשטימטער ריכטונג.

איין פּראָדוקציאָנס-צווייג נאָך דעם אַנדערען ווערט געענדערט אָדער גאָר אינגאַנצען בעזייטיגט. דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון אַ מאָדערן קאַפּיטאַליסטיש לאַנד איז עהנליך צום לעבען פון אַ מאָדערנער שטאָט, אין וועלכער עס ווערען אויפגעשטעלט נייע געביידעס אויפ׳ן אָרט פון די אַלטע הייזער און קוואַרטאַלען.

די נייע טעכניק שאַפט דעם גרויסען קאַפּיטאַל, זי שאַפט אַלזאָ אויך די מאָדערנע באַנק און קרעדיט-אינסטיטוציעס, וועלכע פערפילפאַכען נאָך די קרעפטען פונ׳ם גרויסען קאַפּיטאַל.

שאַפט דעם מאָדערנעם האַנדעל, זי שאַפט דעם עקספּאָרט פון מאַסען-פּראָדוקטען און קאַפּיטאַלען, דורך וועלכע די ימים ווערען מיט שיפען בעדעקט און גאַנצע וועלט-טיילען ווערען אויסגענוצט דורך דעם קאַפּיטאַליזם צוליב צו בעקומען מינעראַלען אָדער לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען.

זי שאַפט יענע גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען, וואָס נור די

מלוכה איז בכּוֹלל זיי צו פערטיידיגען. זי שאַפט דערום די מאָדערנע מלוכה גופא מיט איהר מיליטאַריזם, מאַרינים (פלאָט-פּאָליטיק), קאָלאָניאַל-פּאָליטיק און אימפּעריאַליזם, מיט איהרע מתנות בעאַמטע און איהר ביוראָקראַטיע.

אוך איז דען נאָך נויטיג, אַז מיט די דאָזיגע ביישפּילען אין דער האַנד זאָלען מיר נאָך אויפמערקזאַם מאַכען דעם לעזער דערויף, ווי אַזוי די נייע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען איינצייטיג נייע אייגענטום-בעציהונגען? די צאָהל אייגענטימער פון פּראָדוקציאָנס-מיטלען אין דער דייטשער אימפּעריע האָט אין 1895 ביז 1907 ביי אַ שטאַרקער פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג זיך-פערקלענערט אין דער אינדוסטריע אויף 84,000, אין דער לאַנד-ווירטשאַפט—אויף 68,000; דאַגעגען האָט די צאָהל מענשען, וועלכע לעבען פון פערקויפען זייער אַרבייטס-קראַפט זיך-פערגרעסערט אין דער אינדוסטריע אויף דריי מיליאָן, אין דער לאַנד-ווירטשאַפט אויף 1,600,000. דאָס איז אַ פערענדערונג נישט בלויז אין די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, נאָר אויך אין די אייגענטום-בעציהונגען וואָס זענען געשאַפען געוואָרען דורך דער נייער טעכניק, וועלכע האָט דערשטיקט די קליין-פּראָדוקציע און האָט הונדערטער טויזענדער קינדער פון קליין-בירגער און קליינע לאַנדווירטען (פויערים) געמאַכט פאַר לוין-אַרבייטער. און איז דען דער אַזוי-גערופענער „נייער מיטעלשטאַנד" עפּעס אַנדערש ווי אַ קלאַס מיט נייע אייגענטום-בעציהונגען? דער בעאַמטען-שטאַנד, וואָס האָט זיך אונגעהויער פערגרעסערט, די אָפיצירען, די געלעהרטע פּראָפעסירען, די אינטעליגענץ, די בעסער בעצאָהלטע לעהרער, די אינזשעניערען, כעמיקער, אַדוואָקאַטען, דאָקטוירים, קינסטלער, אייגענטימער פון גרויסע מאַגאַזינען, דירעקטאָרען, וואָיאַזשאָרען, די קליינע קרעמער וואָס זענען אָבהענגיג פונ'ם גרויסען קאַפּיטאַל, די אַלע וואָס בעקומען פון דער בורזשואַזיע דירעקט אָדער אינדירעקט (דורך דער מלוכה) וועלכען-עס-איז לוין פאַר זייער דיענסט—דער דאָזיגער נייער מיטעלשטאַנד געפינט-זיך אין אַנ'אַנדער אייגענטום-בעציהונג ווי דער אַלטער זעלבשטענדיגער מיטעלשטאַנד. און די מאָדערנע גרויסע קאַפּיטאַליסטען, וואָס בעהערשען די וועלט און די וועלט-פּאָליטיק מיט זייערע בענק, סינדיקאַטען, טרעסטען און קאַרטעלען—זיי שטעהען אין גאַנץ אַנדערע אייגענטום-בעציהונגען צו דער געזעלשאַפט ווי די ווענעציאַנישע, האַנזעאַטישע אָדער די פלעמישע, האָלענדישע און ענגלישע סוחרים און פאַבריקאַנטען פון די פריהערדיגע יאָהרהונדערטען.

און אַחוץ דעם זענען די פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען נישט בלויז פּערזאָנען-בעציהונגען, נאָר קלאַסען-בעציהונגען.

די טעכניק שאַפט אויף איין זייט אַ צאָהל נישט-פערמעגליכע, וואָס וואַקסט בסדר, שנעלער ווי די בעפעלקערונג בכלל, און די דאָזיגע נישט-פערמעגליכע בילדען די מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג און פון דעם געזעלשאַפטליכען רייכטום בעקומען זיי כמעט גאָרנישט, און אויך אַ זעהר גרויסע צאָהל קליין-ביר-

גער און קליינע פויערים, בעאַמטע און אָנגעהעריגע צו די פערשידענסטע פראָפעסיעס, וועלכע קומען-אָב מיט בדעקלעך, מיט לחם צר ומים לחץ. אָבער אויף דער אַנדער זייט שאַפט די טעכניק אַ פערהעלטניסמעסיג קליינע צאָהל קאַפּיטאַליסטען, וואָס דורך זייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאַפט פערכאַפען זיי אַנ׳אונגעהויערע גרויסען טייל פונ׳ם געזעלשאַפטליכען רייכטום.

און די גרויסע סומען, וואָס זיי זאַמלען-אָן יעדעס יאָהר אַלס עודף פון זייערע איינקונפטען, נאָך אַלע הוצאות, ווערען אויסגענוצט פון דאָס ניי אויף עקספּלואַטירען די נישט-פערמעגליכע און ווענינ-פערמעגליכע אַרבייטער, קליינע פויערים און קליינע בירגער, די פרעמדע פעלקער פון די קאַפּיטאַליסטיש גאָר נישט ענטוויקעלטע לענדער, אַזוי אַז פון איין זייט זינקט מען אינ׳ם דלות און פון דער אַנדער זייט שווימט מען אין עשירות, אינ׳ם געזעלשאַפטליכען רייכטום.

די פּראָגרעסירענדע טעכניק שאַפט אַלזאָ נישט בלויז נייע פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען, נאָר איינצייטיג אויך נייע קלאַסען-בעציהונגען, אין אונזער פאַל — אַ גרעסערען פירוד צווישען די קלאַסען, אַ גרעסערען קלאַסען-קאַמף.

דאָס פערשטעהט יעדער איינער, נישט וואָהר? און באמת איז עס סאַך נישט שווער צו פערשטעהן. די קלאַסען זענען איצט איינע פון די אַנדערע מעהר דערווייטערט, דער איצטיגער קלאַסען-קאַמף איז גרעסער, ברייטער און טיעפער ווי מיט פופציג יאָהר צוריק. דער תהום איז מיט יעדען יאָהר געוואָרען ברייטער און טיעפער און ער פערגרעסערט זיך נאָכאַנאַנד. און עס איז קלאָר און דייטליך, אַז די אורזאַך דערפון איז די **טעכניק**.

די מאַטעריעלע זייט פון דער זאַך, וועלכע מיר ווילען ערקלערען, איז אַלזאָ לייכט צו דערזעהן. צידען דאַרף מען אַסך רעדען, כדי צו ערקלערען דעם זוהן אָדער דער טאָכטער פון אַ פעראָרימטען בעל-הבתישען ייד, וועלכע זענען געוואָרען פאַבריק-אַרבייטער אָדער לוין-אַרבייטער פון אַנ׳אַנדער מין, אַז זיי האָבען עס געמוזט ווערען צוליב דער טעכניק, צוליב דעם נייעם פּראָדוקציאָנס-אופן: אַז אין דער קליין-פּראָדוקציע זענען פאַר זיי נישט געווען קיין שום אויסזיכטען, אַז דער היינטיגער קאָנקורענץ-קאַמף איז צו שווער און קאַפּיטאַל האָט מען געדאַרפט האָבען אַ צו גרויסען פאַר זייערע כחות, אַז די גרויסע מאַסע זעלבשטענדיגע פּראָדוצענטען קאָן מעהר נישט האָבען קיין ערפאָלג אין דער קליינער פּראָדוקציע?... גרויסער קאַפּיטאַל איז גרויסע טעכניק; ווער איז עס אימשטאַנד אַרויסצוטרעטען געגען דער גרויסער טעכניק? דער מאָדערנער אַרבייטער פיהלט גאַנץ גוט, אַז די **מאַטעריעלע** לאַגע, די קנאַפּע ערנעהרונג, די שלעכטע וואוינונג, די אָרימע קליידונג איז פאַר איהם, פאַר זיין קלאַס, אַ רעזולטאַט פון די נייע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, וועלכע זענען דורך דער נייער טעכניק אַרויסגעוואַקסען פון די אַלטע

פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען. עס איז נישט שווער צו זעהן דעם דייטליכען צו־זאַמענהאַנג צווישען דעם מאַטעריעלען לעבען פון אַלע קלאַסען מיט די אייגענטום- און פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, אַלזאָ מיט די פּראָדוקטיוו-קרעפטען. קיינער קאָן שוין מעהר נישט זאָגען, אַז די טייערע מלבושים, דאָס זאַטע און גוטע אַריינעסען, די גרויסאַרטיגע דירה פונ'ם פאַבריקאַנט זענען גאָטס אַ ברכה; וואָרום עס איז קלאָר, אַז זיין שען לעבען און זיין פערמעגען האָט ער ערוואָרבען דורך עקספּלואַטאַציע. און ווען אַ סוחר אָדער אַ ספּעקולאַנט באַנקראָטירט, קאָן אויך מעהר קיינער נישט זעהן דערין די „השגחת־הבורא", גאָט'ס משפּט; וואָרום די אורזאַך וואָס האָט געבראַכט צו זיין מפּלה לאָזט זיך געפינען אויף דער פּראָדוקטען-בערזע, אויף דער געלד-בערזע... קיינער קאָן שוין מעהר נישט רעדען וועגען אַ צאָרן פון הימעל, ווען אַנ'אַרבייטער ליידט מאָנאַטען-לאַנג פון אַרבייטס-לאָזיגקייט, פון אַ קראַנקהייט און לעבט כּסדר אין נויט און אין עלענד; וואָרום די נאַטירליכע, אָדער בעסער געזאָגט, די געזעלשאַפטליכע אורזאַכען (וועלכע נעהמען-זיך אַלע פון דער נייער טעכניק), זענען גענוג בעקאַנט—וועניגסטענס, דעם אַר-בייטער. עס לאָזט זיך שוין אויך נישט זאָגען, אַז אינ'ם וואוילשטאַנד אָדער אונגליק פון יעדען איינצעלנעם מענשען זענען שולדיג זיינע פּערזענליכע גייסטיגע פעהיגקייטען אָדער זיין כאַראַקטער; וואָרום אין דער גרויס-פּראָדוקציע, וואָס פערלאַפּט די גאַנצע וועלט, איז ממש נישטאָ די מעגליכקייט פאַר מיליאָנען מענשען מיט די בעסטע טאַלענטען זיך ווי געהעריג אַרויס-צואַרבייטען.

די געזעלשאַפט האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה אין איהר ענטוויקלונג, אַז די מאַטעריעלע אורזאַכען פון אונזער מאַטעריעלען לעבען זענען קלאָר ווי דער טאָג—פּונקט אַזוי ווי אין דער קולטור אַזוי אויך אין דער געזעלשאַפט.

פּונקט אַזוי גוט ווי מיר ווייסען, אַז די זון איז דער מקור פון דעם גאַנצען נאַטירליכען לעבען אויף דער ערד, פּונקט אַזוי גוט ווייסען מיר, אַז דער אַרבייטס-פּראָצעס און די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען די אורזאַכען דערפון, וואָס אונזער געזעלשאַפטליך מאַטעריעל לעבען איז אַזוי, ווי עס איז.

זאָל נאָר דער אַרבייטער בעטראַכטען מיט אַ רוהיגען פעסטען בליק זיין אייגענע מאַטעריעלע עקזיסטענץ, די עקזיסטענץ פון זיינע קאָלעגען און פון די קלאַסען, וואָס שטעהען איבער איהם—וועט ער שוין איינזעהן, אַז דאָס וואָס מיר האָבען געזאָגט איז ריכטיג. און דאָס וועט איהם שיין בעפרייען פון געוויסע פאָראורטיילען און אַבערגלויבענס.

אַביסעל שווערער ווערט ערשט די פראַגע, ווען עס האַנדעלט-זיך וועגען דערקענען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען מאַטעריעלער אַרבייט, פּראָדוקציאָנס-

און אייגענטום-בעציהונגען מיט דעם גייסטיגען לעבען. די נשמה, דער גייסט, דאָס געמיט, דער שכל זענען דאָך עפּעס ביי אונז און ביי די פריהערדיגע דורות אַזוי לאַנג פאָרגעשטעלט געוואָרען אַלס דאָס „ריכטיגע”, דאָס בעסערע, דאָס אַלמעכטיגע!

און פון דעסטוועגען... ווען מ׳ר זאָגען: „דאָס געזעלשאַפטליכע זיין (דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען) בעשטימט דאָס בעוואוסטזיין”, איז טאַקי דער דאָזיגער כלל אין זיין גרויסער און ברייטער בעדייטונג אַ גרויסער נייער אמת. אָבער מען דאַרף דאָך וויסען, אַז שוין פאַר ענגעלס׳ן און פאַר מאַרקס׳ן איז אַסך געזאָגט און דערוויזען און אָנגענומען געוואָרען אַזעלכעס, וואָס האָט אָנגעוויזען אויף דערזעלבער ריכטונג, און וואָס האָט צוגעגרייט דעם העכערען אמת, וועלכען זיי האָבען געפונען.

צי גלויבט דען נישט, אָדער בעסער: צי ווייס דען נישט אַצינד, צום ביישפּיל, יעדער געבילדעטער מענש און צי האָבען נישט פיעל נאָך פאַר מאַרקס׳ן און ענגעלס׳ן קלאָר אויפגעוויזען, אַז געוואוינהייט, ערפאַהרונג, ערציהונג, סביבה—בילדען דעם מענשען אויך גייסטיג? און צי זענען דען אונזערע געוואוינהייטען נישט קיין רעזולטאַטען פון דער געזעלשאַפט? און די מענשען וואָס ערציהען אונז, צי זענען דען זיי אַליין נישט ערצויגען געוואָרען פון דער געזעלשאַפט, און צידען גיבען זיי אונז נישט קיין געזעלשאַפטליכע ערציהונג? איז דען אונזער ערפאַהרונג נישט קיין געזעלשאַפטליכע? מיר לעבען דאָך נישט איינזאַם, ווי ראָבינזאָן! אונזער סביבה איז דאָך קודם-כל די געזעלשאַפט. ערשט מיט אונזער געזעלשאַפט לעבען מיר אין דער קולטור. דאָס אַלץ ווערט און איז בעגריפען געוואָרען אויך פון נישט-מאַרקסיסטען, נישט-סאָציאַלדעמאָקראַטען.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם געהט אָבער ווייטער; ער נעהמט צונויף די אַלע פריהערדיגע וויסענשאַפטען, אָבער איינזייטיג געהט ער שוין טיעפער און ער זאָגט: געזעלשאַפטליכע ערפאַהרונג, געזעלשאַפטליכע געוואוינהייט, ערציהונג, סביבה—זיי גופא ווערען ווידער בעשטימט דורך די געזעלשאַפטליכע אַרבייט און די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען. אָט די לעצטע בעשטימען דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען. די אַרבייט איז דער וואָרצעל פונ׳ם מענשליכען גייסט. פונ׳ם דאָזיגען וואָרצעל וואַקסט דער גייסט אַרויס.

אויף איין געביט פונ׳ם גייסטיגען לעבען לאָזט זיך דאָס צום לייכטסטען דערקענען. דערום וועלען מיר טאַקי אָנהויבען פון דעם דאָזיגען פונקט.

V.

דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען בעשטימט דעם גייסט.

א. די וויסענשאַפט, דאָס קענען און דאָס לערנען.

אַ וויכטיגער טייל פונ'ם גייסט איז—די וויסענשאַפט (פערשטעהט זיך, אַז זי, די וויסענשאַפט, פערנעהמט נישט דעם גייסט אינגאַנצען). טאָ זאָל אדרבה דער אַרבייטער נעהמען קודם-כל אין בעטראַכט זיך אַליין, זיין אייגענע פערזאָן, און אַ קלעהר טהון: פון וואַנען נעהמט-זיך עס דאָס, וואָס זיינע קענטעניסען, די בילדונג וואָס ער האָט, זענען דווקא אין דער מאָס און נישט אין קיין אַנדערער, זענען דווקא פון דעם מין און נישט פון אַנ'אַנדערען... בכלל גערעדט, האָט בלויז דער אַרבייטער געוויסע ידיעות אין לעזען, שרייבען און רעכנען (מיר רעדען דאָ וועגען אַ געוועהנליכען מיטגליד פון דעם אַרבייטער-קלאַס, וועלכער געפינט זיך נישט אין קיין שום אויסנאַהמליכער לאַגע) אפשר האָט ער נאָך אַמאָל געלערנט עפּעס מעהר: חומש, נביאים, כתובים, אפשר אויך אַביסעל משניות, אַביסעל גמרא און אפשר גאָר (אויב ער איז געגאַנגען אין אַ שולע) אַביסעל געאָגראַפיע, אַביסעל היסטאָריע—אָבער דאָס אַלץ איז אַוועקגעפלויגען. לאָמיר נור זעהן, פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס ער האָט גראָד די דאָזיגע קנאַפּע בילדונג און נישט מעהר? אפשר איז עס אַ גאָט-זאַך דאָס, וואָס ער איז נישט קיין „אינטעליגענט”, קיין געבילדעטער מענש?

פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז נישט קיין גאָט-זאַך, נאָר דאָס ווערט בעשטימט דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס מיט זיינע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען. די מעשה איז אַזוי:

דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען, וועלכער הערשט אין די אַזוי-גערופענע ציווילייזירטע לענדער, האָט געדאַרפט האָבען פאַר זיינע וואַרשטאַטען אַרבייטער, וועלכע זאָלען נישט זיין קיין פולשטענדיגע עם-הארצים, גאָר אינגאַנצען „גראָבע-יונגען”. דעריבער האָט ער פאַר די קינדער פון די פּראָלעטאַריער איינגעפיהרט פאָלקס-שולען און בעשטימט די עלטער פון 12 ביז 14 יאָהר אַלס אַ גרענעץ, ביז וועלכער מען זאָל לאָזען די קינדער לערנען. די בורזשואַזיע האָט געדאַרפט האָבען אָט אַזעלכע אַרבייטער פאַר דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, נישט קיין גרעסערע עם-הארצים און נישט קיין גרעסערע קענערס. גרעסערע עם-הארצים וואָלטען געווען אַ חסרון. ווידער מעהר געבילדעטע—וואָלטען געווען צו טייער און וואָלטען געהאַט צו-גרויסע פּרעטענזיעס. וואָרום אַזוי ווי דער מאָדערנער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס נויטיגט-זיך אין בעשטימטע מאַשינען, וואָס זאָלען זיך-דרעהען וואָס-אַמאָל אַלץ שנעלער און זאָלען ליפערן אַלץ מעהר פּראָדוקטען—אַזוי נויטיגט ער זיך אין אַ בעשטימטען מין אַרבייטער, אין דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער זאָל זיין נישט דאָס, וואָס די פריהערדיגע אַרבייטער. דער כּח פונ'ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס רופט-אַרויס

ביי דער געזעלשאַפט אָט דאָס דאָזיגע בעדערפניס, ער שאַפט דאָס דאָזיגע בעדערפניס פון זיין נאַטור אַרויס. אין אַבצעהנטען יאָהרהונדערט, צום ביי-שפיל, האָט ער נאָך אַזעלכע אַרבייטער נישט געדאַרפט—און דערום זענען זיי נאָך טאַקי דעמאָלט נישט געווען.

און פונקט דאָס אייגענע איז אויך מיט דער בילדונג ביי די אַנדערע קלאַסען.

די קאַפּיטאַליסטישע גרויס־אינדוסטריע, די קאָמוניקאַציע און די לאַנד-ווירטשאַפט שטיצען־זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויף דער נאַטור־וויסענשאַפט. דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס איז אַ בעוואוסטזיניגער וויסענשאַפטליכער פּראָצעס; די נייע טעכניק האָט אַליין געלעגט דעם פונדאַמענט צו דער מאָדערנער נאַטור-וויסענשאַפט, דורכדעם וואָס זי האָט פאַר איהר ערפונדען ווערקצייג און האָט איהר פערשאַפט קאָמוניקאַציאָנס-מיטלען, וועלכע ברענגען איהר מאַטעריאַל פון אַלע לענדער. די פּראָדוקציע ווענדעט-אָן בעוואוסטזיניג די נאַטור-קרעפ-טען. דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס נויטיגט-זיך אַלזאָ אין מענשען, וואָס זאָלען פערשטעהן די נאַטור-וויסענשאַפטען, די מעכאַניק, די כעמיע, וואָרום נאָר אַזעלכע מענשען קאָנען איבערנעהמען די פיהרונג פון דער פּראָדוקציע און ערפינדען נייע מעטאָדעס, נייע ווערקצייג. און טאַקי דערפאַר ווייל דאָס איז אַ געזעלשאַפטליכע בעדערפניש פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, ווערען גע-גרינדעט רעאַל-שולען און הויכשולען, אָפט דערהויפּט פאַר דאָס שטודיום פון דער נאַטור, און מען לערנט דאָרטען יענע וויסענשאַפטען, וועלכע זענען נוי-טיג פאַר דער פיהרונג און ענטוויקלונג פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס.

אַלזאָ דאָס קענען, די קענטעניסען פון די דאָזיגע אַלע מעכאַני-קער, שיפען-בויער, אינזשעניערען, לאַנדווירטשאַפטליכע טעכניקער, כעמיקער, מאַטעמאַטיקער, לעהרער פון נאַטור-וויסענשאַפט—ווערען בעשטימט דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס.

אַצינד זאָלען מיר נעהמען פון דיזעלבע געזעלשאַפטליכע קלאַסען אַ צווייטען ביישפּיל. די טעטיגקייט פון די אַדוואָקאַטען, פּראָפעסאָרען פון יוריס-פּרודענץ און עקאָנאָמיע, ריכטער, רעגענטען (נאָטאַריוסען) א. אַז. וו.—צידען איז נישט געבויט די גאַנצע טעטיגקייט פון די אַלע דאָזיגע מענשען דערויף וואָס עס איז פאַרהאַן אַ בעשטימט אייגענטום-רעכט, בעשטימטע אייגענטום-בע-ציהונגען, דאָס הייסט, ווי מיר האָבען פריהער געזעהן: פּראָדוקציאָנס-בעצי-הונגען. צידען זענען נישט די רעגענטען, אַדוואָקאַטען א. אַז. וו. אַזעלכע מענשען, אין וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט נויטיגט-זיך, כדי צו דערהאַלטען און צו שיצען איהרע אייגענטום-רעכט? און וויבאַלד אַזוי, צידען איז זייער ספּעציעלער אַרט דענקען נישט אַריינגעגעבען אין זיי פון דעם בורזשואַזען קלאַס, און צידען שטאַמט נישט זייער דענקען פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, וועלכער האָט די בירגערליכע קלאַסען געשאַפען?

און דער גאַנצער מין הערשער (פון דער מלוכה צי פון דער מדינה)

די ביוראָקראַטיע, דער פּאַרלאַמענט—צידען עקזיסטירען זיי נישט דערפאַר, וואָס אויף די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען געשאַפען געוויסע אייגענטום-אינטערעסען אָדער קלאַסען-אינטערעסען, וועלכע מוזען געשיצט ווערען כלפּי פּנים (אויף אינעווענינ) געגען אַנדערע קלאַסען און כלפּי-חוץ (אויף אויסענווענינ) געגען אַנדערע פעלקער. די רעגירונג—צידען איז זי נישט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער בורזשואַזיע, וועלכער פערטיידיגט דאָס אייגענטום און די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע? זי, די רעגירונג, גופא און די קענטעניסען, וועלכע זי פערמאָגט צו דעם דאָזיגען צוועק, שטאַמען-אַרויס פון די געזעלשאַפטליכע בעדערפענישען, די בעדערפנישען פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס און פונ׳ם אייגענטום. די קענטענישען פון איהרע מיטגלידער דיענען אויף צו דערהאַלטען די עקזיסטירענדע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען און אייגענטום-בעציהונגען.

און וואָס איז די ראָליע פון דער גייסטליכקייט: רבנים, גלחים, כהנים? אויף וויפיל זיי זענען רעאַקציאָנער, דיענען זיי עפענטליך אויף צו דערהאַלטען די אַלטע געזעלשאַפט—מיט זייער פאָדערונג, אַז מען זאָל פאָלגען ווי אַ שקלאַף די עיקרים פון דער אמונה, די דאָגמען פון דער קירך, און בעשטימטע מצוות, געבאָטען. דערצו דיענען זייערע קענטענישען, דערצו ווערען זיי געלערנט אין די ישיבות, אין די ראַבינער-שולען, אויף די טעאָלאָגישע פאַקולטעטען. עס איז פאַרהאַן אַ געזעלשאַפטליכע בעדערפניש, אַ קלאַסען-בעדערפניש אויף מענשען, וואָס זאָלען פּרעדיגען, דרש׳נען וועגען די דאָזיגע זאַכען. ווידער אויף וויפיל זיי זענ׳ען פּראָגרעסיוועך, מעהר פאָרשריטליך, דרש׳נען זיי וועגען דער הערשאַפט פון גאָט איבער דער וועלט, די הערשאַפט פון דער נשמה איבער די חושים, פונ׳ם גייסט (דעם רוח) איבער דער מאַטעריע (דעם חומר), און אַזוי העלפען זיי דער בורזשואַזיע—וועלכע האָט זיי דערצו אויפגעהאָדעוועט—צו דערהאַלטען אין איהרע הענד די שליטה, די הערשאַפט, איבער דער אַרבייט.

אַלזאָ: דאָס פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-סיסטעם האָט אויף אַ געוויסען שטאַפעל פון איהר ענטוויקלונג זיך גענויטיגט אין גייסטליכע, יוריסטען, פּיזיקער—האָט זי זיי געשאַפען. און אַזוי ווי עס איז פאַרהאַן אַ געזעלשאַפטליכע בעדערפניש אויף די דאָזיגע מינים מענשען—פעהלען שוין די מינים נישט: די געזעלשאַפט האָט שוין כסדר די מענשען, וועלכע שפּיעלען די דאָזיגע געזעלשאַפטליכע ראָליעס. דער איינצעלנער מענש רעדט-זיך-איין, אַז ער קלויבט זיך אויס מיט זיין פרייען ווילען איינע פון די דאָזיגע פּראָפעסיעס און אַז זיינע מיינונגען, זיין „קאָפּ", זיין „האַרץ" זענען עס די אמת׳ע אורזאַכען, וואָס בעשטימען זיין טעטיגקייט. אָבער אין דער ווירקליכקייט ווערען די דאָזיגע מיינונגען בעשטימט דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס און ממילא איז אויך סוף-כל-סוף בעשטימט דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס די ברירה, וואָס דער מענש קלויבט זיך אויס.

„בעת דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוצירונג פון זייער לעבען, — זאָגט מאַרקס, — געהען די מענשען אַריין אין בעשטימטע, נויטווענדיגע, פון זייער ווילען נישט-אָבהענגיגע בעציהונגען, פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען". אוודאי איז עס אַזוי. די בעציהונגען זענען נויטווענדיג און פון אונזער ווילען נישט אָבהענגיג. זיי האָבען שוין עקזיסטירט, נאָך איידער מיר זענען געבוירען געוואָרען. מיר מוזען אַריינגעהן אין די דאָזיגע בעציהונגען; די געזעלשאַפט מיט איהר פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, מיט איהרע קלאַסען און בעדערפנישען האָט די שליטה איבער אונז.

אין יעדע איינע פון די דאָזיגע מינים פּראָפעסיעס דאַרף האָבען אַ בעשטימטען סכום און אַ בעשטימטען מין פון קענטעניש, כדי זי זאָל קאָנען ערפילען איהר פונקציע אין דער געזעלשאַפט. עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז פּונקט ווי די פונקציע גופא ווערען אויך די קענטענישען, וואָס נויטיגען זיך דערצו, בעשטימט דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס.

די ערשטע טענה פון אונזערע געגנער:

אין דער דאָזיגער ערשטער בעהאַנדלונג איבער דאָס קענטעניש האָבען מיר דערמאָהנט אַ זאַך, וואָס שפּיעלט אין דער געזעלשאַפט אַ וויכטיגע ראָליע און ממילא שפּיעלט עס אַ וויכטיגע ראָליע אויך אין אונזער לעהרע, וועלכע איז אַנ׳אמת׳ע אָבבילדונג פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז דאָס בעדערפניש.

דאָס בעדערפניש איז דאָך אָבער עפּעס גייסטיגעס. עס ווערט געפיהלט, דערווישט, בעקלעהרט אין דער נשמה, אינ׳ם געמיט, אינ׳ם גייסט, אינ׳ם מוח (געהירן) פונ׳ם מענשען.

און דערפון שמיעדען די געגנער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַ גע-וועהר געגען אונז.

זיי זאָגען אַזוי: אויב די אָרגאַנען פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס ווערען געשאַפען דורך דעם מענשענס אַ בעדערפניש, קומט דאָך אויס, אַז די סאַמע ערשטע אורזאַך איז דאָך גייסטיג און נישט געזעלשאַפטליך־מאַטעריעל, אַז די סיבה ראשונה פון דעם אַלעם איז אַ רוחניות׳דיגע און נישט קיין גשמיות׳דיגע...

די דאָזיגע טענה איז אָבער לייכט אָבצוּווענדען. וואָרום פון וואַנען נעהמען־זיך די בעדערפנישען? צידען נעהמען זיי זיך פונ׳ם פרייען ווילען, צידען זענען זיי געבויט אויף אַ מיינונג? צי זענען זיי אַ זעלבשטענדיגע ווירקונג פונ׳ם גייסט? — ניין, די בעדערפנישען שטאַמען פון דעם מענשענ׳ס לייבליכער (גשמיות׳דיגער) נאַטור. קודם-כל זענען זיי: דאָס בעדערפניש אין שפּייזונג, אין קליידונג, אין דירה, אָהן וועלכע די מענשען מוזען אויסגעהן און געהן צו-גרונד. דאָס שאַפען די שפּייזונג, די דירה, די קליידונג, אין וועלכע דער מענש נויטיגט זיך צוליב זיין אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג — דאָס איז דאָס ציעל פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס; שטענ-

דיג ווען מיר רעדען וועגען פּראָדוקציע, ווערט דערונטער פערשטאַנען די פּראָדוקציע פון יענע אַרטיקלען, וועלכע די מענשען דאַרפען האָבען צום לעבען.

נאָר אויב דער מענש האָט בכלל אַ בעדערפניש אין שפּייזונג, קליידונג און וואוינונג, ברענגט-מיט אָבער יעדער בעשטימטער פּראָדוקציאָנס-אופן אין זיין צייט זיינע אייגענע ספּעציעלע בעדערפנישען מיט זיך. די דאָזיגע בעדערפנישען האָבען זייער שורש, זייער וואָרצעל, אינ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס. צום ביישפּיל: די פּראָדוקציע פון אונזער לעבענס-בעדאַרף איז היינטיגען טאָג מעגליך בלויז מיט דער הילף פון דער גרויס-אינדוסטריע, אונטער׳ן שוץ פון דער מלוכה-מאַכט; זי דאַרף דערום האָבען אַ הויך-ענטוויקעלטע וויסענשאַפט, זי דאַרף האָבען מענשען וואָס קענען די דאָזיגע וויסענשאַפט. דער סטודענט, צום ביישפּיל, האָט דאָס בעדערפניש צו קענען מעכאַניק, יוריספּרודענץ, טעאָלאָגיע, מלוכה-וויסענשאַפט; אָבער ווער האָט איהם געגעבען דאָס דאָזיגע בעדערפניש? די געזעלשאַפט, זיין געזעלשאַפט, מיט איהר בעשטימטען פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, וועלכע קאָן נישט עקזיסטירען אָהן די דאָזיגע קענטענישען און וואָלט נישט קאָנען פּראָדוצירען אָהן זיי די לעבענס מיטלען. ווידער ביי אַן׳אַנדער פאָרם פון דער געזעלשאַפט וואָלט ער אפשר גאָר נישט בעגעהרט צו האָבען די דאָזיגע קענטענישען און וואָלט געשטרעבט צו גאָר אַנדערע לימודים, צו גאָר אַנדערע קענטענישען.

אויך דער אַרבייטער שפּירט אַ בעדערפניש צו קענען, און נעמליך: צו קענען דעם מהות פון דער געזעלשאַפט! ער שפּירט אַ בעדערפניש נאָך אַזאַ קענטניש, וואָס איז גאָר פון אַן׳אַנדער מין איידער דאָס, וואָס דער רעגירענדער קלאַס גיט איהם אין דער שולע; עס איז דאָס קענטניש, וועלכע מיר פּרובען איהם דאָ צו געבען. אָבער פון וואַנען נעהמט-זיך דאָס דאָזיגע בעדערפניש? פון׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס. וואָרום דער דאָזיגער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס מאַכט דעם אַרבייטער פאַר אַ מיטגליד פון אַ קלאַס, וואָס צעהלט זיך אין די מיליאָנען; אַ קלאַס וועלכער מוז קעמפּפען און קאָן זיעגען. וואָלט נישט געוועזען אַזוי, דעמאָלט וואָלט דער אַרבייטער די דאָזיגע קענטעניש נישט זוכען. אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט ער זי נאָך נישט געזוכט, ווייל דעמאָלט זענען נאָך די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען אַנדערע געוועזען און זיי האָבען נאָך ביי איהם דאָס דאָזיגע בעדערפניש נישט ערצויגען.

אַלזאָ עס איז אַ טעות, ווען מען גלויבט, אַז מיר ווערען געפיהרט דורך דאָס „בעדערפניש צו וויסען און צו קענען", דורך אַ גייסטיגע בעדערפניש פון דער נשמה. אַזוי קומט-אויס בלויז אויפ׳ן ערשטען קוק. אָבער ווען מען קלערט-אַריין טיעפער אין דער זאַך, דעמאָלט זעהען מיר, אַז דאָס דאָזיגע בעדערפניש איז אַריינגעגעבען איז אונז דורך די מאַטעריעל-געזעלשאַפטליכע בעציהונגען.

און דאָס, וואָס מיר האָבען געזאָגט, פּאַסט-זיך-צו נישט בלויז צו דער „העכערער" גייסטיגער בעדערפניש, דאָס אייגענע איז אויך ביי פיעל „נידריגערע" זאַכען; אויך די מאַטעריעלע בעדערפנישען ווערען אָפּט בעשטימט פון דער טעכניק, פון די פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען. צום ביישפּיל: דער אַרבייטער נויטיגט-זיך ווי יעדער מענש אין שפּייזונג; אָבער צי נויטיגט ער זיך אויך אין מאַרגאַרין, צי נויטיגט ער זיך אין די סוראָגאַטען פון שפּייזונג, קליידונג קאָמפּאָרט און שענקייט? באמת נישט. מען קאָן נאָר זאָגען דאָס, אַז דער מענש בעגעהרט פון זיין נאַטור אַרויס אַ קרעפטיגע שפּייזונג און אַ שענע וואַרימע קליידונג. אָבער דאָס פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-סיסטעם האָט געדאַרפט האָבען ביליגע שפּייזונג פאַר די אַרבייטער, זי האָט געהאַט דאָס בעדערפניש אָבצוזעצען מאַסען-אַרטיקלען—האָט זי די דאָזיגע סחורות געשאַפן ערשט נאָכדעם און דורכדעם האָט זיך געשאַפען ביי די אַרבייטער דאָס בעדערפניש אויף די ביליגערע און שלעכטע מאַסען-אַרטיקלען.

קיין שום מענש האָט נישט פון זיך אַרויס דאָס בעדערפניש צו פּראָדוצירען הונדערטטויזענד שטיק פון וועלכען עס איז אַרטיקעל, אָדער אַ בעדערפניש אין אַ געשווינדיגקייט פון הונדערט קילאָמעטער אַ שעה. אָבער ווער האָט עס געדאַרפט האָבען? די פּראָדוצענטען, וואָס קאָנקורירען צווישען זיך. און צוליב וואָס האָבען זיי עס געדאַרפט האָבען? צוליב דעם פּראָדוקציאָנס-סיסטעם. דאָס דאָזיגע סיסטעם שאַפט די מאַשינען, די מאַשינען דערגרייכען אַזאַ שנעלקייט און אַזאַ פּראָדוקטיוויטעט און ערשט נאָכדעם און דורכדעם הויבען אָן אַלע איינצעלנע מענשען אין דער געזעלשאַפט צו שפּירען דאָס דאָזיגע בעדערפניש.

אַזעלכע ביישפּילען קאָנען מיר ברענגען אין די הונדערטער. דער לעזער וועט זיי לייכט אַליין געפינען, ווען ער וועט זיך נאָר אַרומקוקען אַרום זיך.

„דאָס גאַנצע סיסטעם פון די בעדערפנישען, צי איז עס געבויט אויף דער מיינונג אָדער אויף דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע? דאָס רוב שטאַמען-אַרויס די בעדערפנישען—פון דער פּראָדוקציע, אָדער פון אַנ'אַלגעמיינעם צושטאַנד, וועלכער איז אויסגעוואַקסען דורך דער פּראָדוקציע. דער וועלט-האַנדעל דרעהט-זיך כמעט אויסשליסליך אַרום בעדערפנישען נישט פון דעם איינצעל-געברויך, נאָר פון דער פּראָדוקציע". און אַזוי קומט-אַרויס דאָס קענטעניש, דאָס „וויסען", אויך פון די בעדערפנישען פון דער פּראָדוקציע.

צווייטע טענה.

אונזערע געגנער זאָגען אַזוי: עס איז דאָך אָבער פאַרהאַן אַנ'אַלגעמיינער דראַנג צו קענען, צו וויסען, און דער דאָזיגער דראַנג איז פאַרהאַן ביי אַלע מענשען! לאָמיר אָננעהמען—זאָגען זיי,—אַז דער דראַנג נאָך אַ בעשטימטען

מין קענטעניש איז טאַקי אַ צייטליכע זאַך, אָבער דער אַלגעמיינער דראַנג איז דאָך אייביג.

דערויף ענטפערען מיר: בשום אופן נישט. פאַרהאַן פעלקער, וועלכע האָבען נישט לחלוטין קיין שום דראַנג נאָך קענטענישען, וועלכע זענען פול-שטענדיג צופרידען מיט דעם ביסעל „וויסענשאַפט", וואָס זיי האָבען בירושה פון זייערע פריהערדיגע דורות!

אין אַ רייכער טראָפּישער (הייסער) געגענד, וואו די נאַטור גיט דער בעפעלקערונג אַלץ וואָס זי דאַרף האָבען, זענען דאָרט די מענשען צופרידען דערמיט וואָס זיי קענען פלאַנצען טייטעלבוימער, אויסבויען זיך אַ סוכה און וואָס זיי קענען עטליכע פאַרצייטיגע מלאכות, וועלכע זיי האָבען בירושה פון דורות אָן. אין לענדער מיט אַ פרוכטבאַרער ערד און אַ קליינער פויערשער ווירטשאַפט קאָנען די איינוואוינער הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד בלייבען אין איין און דעמזעלבען צושטאַנד. זיי זוכען נישט קיין שום נייע קענטענישען, דערפאַר וואָס... דער פּראָדוקציאָנס-צושטאַנד פאָדערט עס נישט.

אַנ'אויסגעצייכענטער ביישפיל, וועלכען מיר האָבען פערגעסען צו דער-מאָהנען, זענען די פעלקער, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט ערד-אַרבייט ביי גרויסע טייכען, וועלכע געהען רעגעלמעסיג אַרויס פון די ברעגעס און בע-וואַסערען דאָס אַרומיגע לאַנד. די דאָזיגע פעלקער האָבען דורכדעם זיך-גענוי-טיגט אין אַ צייט-רעכנונג און זענען דערום גענויטיגט געוואָרען צו שטודירען די הימעלס-קערפּער, די פּלאַנעטען. דאָס זענען געוועזען די איינוואוינער פון עגיפטען (מצרים), מעסאָפּאָטאַמיען (בבל, אשור) און כינא; דורך דעם נילוס, דעם אייפראַט (פרת) און דעם האַנג-האָ זענען זיי געקומען צו דער אַסטראָ-נאָמיע. אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען נישט געשפּירט די נויטווענדיגקייט אין דער דאָזיגער קענטעניש (דערפאַר וואָס די נאַטור-בעדינגונגען פון זייער לעבען האָבען די נויטווענדיגקייט נישט אַרויסגערופען)—זענען דערצו נישט געקומען...

אַלזאָ, די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען—זיי שאַפען דעם דראַנג נאָך קענ-טענישען און זיי בעשטימען דעם מין און דעם סך פון די קענטענישען.

כדי צו זעהן דעם דאָזיגען אמת, זאָל דער אַרבייטער גענוי בעטראַכטען זיין סביבה. וועלכע אַרבייטער זענען ריהרעוודיג, זשעדנע נאָך קענטענישען, פול מיט דראַנג נאָך אַ געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג? יענע אַרבייטער, וואָס דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס לערנען זיי זיך אויס צו פער-שטעהן די ראָליע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט די אַרבייטער אין דער שטאָט און אין דער גרויס-אינדוסטריע. די טעכניק, די מאַשין אַליין זאָגט זיי, אַז עס איז מעגליך אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דער גרויטער פּראָדוק-ציאָנס-פּראָצעס פאַר זייערע אויגען לערנט זיי, אַז די אַלטע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען צו ענג פאַר די קרעפטען פון דער מאַשין. עס מוזען קו-מען נייע בעציהונגען. אַלס גלייכבערעכטיגטע זאָלט איהר אַליין זיין די

בעל-הבתים איבער די פּראָדוקציאָנס-מיטלען: דאָס איז די שפּראַך, וואָס די מאָדערנע שטאָט רעדט צו זיי. און דורך דער דאָזיגער שפּראַך פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס ווערט געשאַפען דער דראַנג ביי די שטאָטישע אַרבייטער נאָך קענטעניסען פיעל שטאַרקער ווי ביי דעם דאָרפס-אַרבייטער, וועלכער זעהט נאָך נישט דערוויל די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען פון אַזאַ נאָהענטקייט ווי דער שטאָטישער אַרבייטער.

בעמערקונג.

פונ׳ם ביישפּיל מיט די טראָפּישע לענדער, וואו דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס שטויסט נישט צו קענטעניסען, און די לענדער ביי די גרויסע טייכען, וואו דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס רופט יאָ אַרויס דעם דאָזיגען דראַנג, זעהט דער אויפמערקזאַמער לעזער, אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם בעטראַכט נישט דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס אַלס די איין-און-איינציגע אורזאַך פון דער ענטוויקלונג. אַ גרויסע בעדייטונג האָבען דערביי געאָגראַפישע פאַקטאָרען. מיר ברענגען דאָ אגב נאָך איין ביישפּיל און זעהר אַ וויכטיגען, דהיינו: דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס אין אייראָפּא וואָלט זיך קיינמאָל נישט ענטוויקעלט אַזוי גוואַלטיג און אַזוי שנעל, ווען דער קלימאַט וואָלט דאָ געווען טראָפּיש (הייס) און די ערד וואָלט כמעט אָהן בעאַרבייטונג געגעבען אַ שפע פון פרוכטען. דווקא די געמעסיגטע טעמפּעראַטור און די פערהעלטניסמעסיג אָרימע ערד האָבען דאָ געצוואונגען די מענשען צו שווערער אַרבייט און דורכדעם צום לערנען און צום קענען די נאַטור.

דער פאָרוואורף, אַז פאַר די סאָציאַל-דעמאָקראַטען איז דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס די איינציגע נישט-אָבהענגיגע טרייב-קראַפט פון דער ענטוויקלונג, איז אַלזאָ אַ פאַלשער. אויסער דעם קלימאַט און דעם נאַטירליכען צושטאַנד פונ׳ם לאַנד, אויסער די איינפלוסען פון דער אַטמאָספערע און פון דער ערד, וועלען מיר נאָך ווייטער, אינ׳ם גאַנג פון אונזערע ערקלערונגען, זיך בעקענען מיט נאָך אַנדערע טרייב-קרעפטען.

ב. די ערפינדונגען.

פאַרהאַן אַ געביט פון דער וויסענשאַפט, וואָס מוז פאַר זיך אַליין בעהאַנדעלט ווערען נאָך אַ ביסעל גענויער. דאָס איז דאָס געביט פון די טעכנישע ערפינדונגען.

מיר האָבען געזאָגט: די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען האָבען אַלס יסוד די טעכניק. קומט דען נישט אויס, אַז מיר אַנערקענען, אַז די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען האָבען אויך אַלס יסוד דעם גייסט? ווארום ערפינדונגען איז דאָך אַ זאַך פון גייסט...

אוודאי אַזוי; מיר אַנערקענען עס טאַקי. די טעכניק איז די בע-

וואוסטזיניגע ערפינדונג און אָנווענדונג פון ווערקצייג און דער ערפינדער און אָנווענדער איז דער דענקענדער מענש! און ווען די פאָרשטעהער פונ'ם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם זאָגען, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט איז געבויט אויף דער טעכניק, זאָגען זיי טאַקי דערמיט, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט איז געבויט אויף מאַטעריעלער און גייסטיגער אַרבייט.

אָבער, שטעהט עס דען נישט אין אַ ווידערשפרוך מיט דעם, וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט? קומט דען אַזוי-אַרום נישט אויס, אַז דער גייסט איז גאָר טאַקי די ערשטע טרייב-קראַפט פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג? וויבאַלד מיר זאָגען, אַז די געזעלשאַפט ווערט געשאַפען דורך דער טעכניק און די טעכניק ווערט געשאַפען דורך דעם גייסט—קומט דאָך אויס, אַז דער ערשטער שעפּפער איז דער גייסט!

נאָר, לאָמיר זיך צוקוקען צו דער זאַך אַ ביסעל נעהנטער.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם לייקענט אין קיין פאַל נישט, אַז דער גייסט געהערט צו דער טעכניק. וואָרום ווי קאָן דען זיין אַנדערש? די טעכניק איז דאָך דאָס ווערק פון מענשען. און מענשען זענען דענקענדע בעשעפענישען. און ווייטער: פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, אייגענטום-בעציהונגען זענען בעציהונגען פון מענשען; אין די דאָזיגע בעציהונגען ווערט געהאַנדעלט און געקלעהרט. אַלזאָ, אייגענטום- און פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען סיי גייסטיג סיי מאַטעריעל. דאָס לייקענען מיר נישט.

נאָר מיר לייקענען, אַז דער גייסט און זיין טעטיגקייט זענען, ווי אַנדערע ווילען האָבען, זעלבשטענדיג, אייגענמעכטיג, פרייוויליג, איבערנאַטירליך, אונבעגרייפליך. מיר זאָגען אַזוי: ווען דער גייסט ערפינדעט אַ נייע וויסענשאַפט, אַ נייע טעכניק—טהוט ער עס נישט סתם אין דער וועלט אַריין, ווייל איהם געפעלט אַזוי, נאָר צוליב אַ סאָציאַלען (געזעלשאַפטליכען) דראַנג אָדער בעדערפניש.

תחילת זענען דאָס רוב טעכנישע ערפינדונגען געמאַכט געוואָרען דורך מענשען, וועלכע זענען אַליין טעטיג געווען אינ'ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס. פאַרוואָס? ווייל ביי זיי האָט געלעבט דער דראַנג, צו מאַכען די אַרבייט בעסער, גיכער, צו ווערען רייכער אָדער מאַכען אַלעמען צוזאַמען רייכער! אַלץ איינס, ווי אַזוי די געזעלשאַפט איז געווען דאָרטען געשאַפען, קליין אָדער גרויס, אַלס נאָמאַדישע האָרדע אָדער איינגעזעסענער שבט, אַ פעאָדאַלע אָדער קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט—געווען איז דער דאָזיגער דראַנג געזעלשאַפטליך און ער האָט זיך גענומען פון אַנ'עקאָנאָמישער בעדערפניש. אין די געזעלשאַפטען מיט אַ קאָלעקטיוו אייגענטום איז דאָס געווען אַ סאָציאַלער דראַנג, צו טהון עפּעס פאַר'ן כלל, פאַר'ן גאַנצען קיבוץ—און אין די קלאַסען-געזעלשאַפטען מיט פּריוואַט-אייגענטום איז עס געווען דער געזעלשאַפטליכער דראַנג, צו טהון עפּעס פאַר'ן געזעלשאַפטליכען יחיד, פאַר'ן איינצעלנעם פּריוואַט-

אייגענטימער אָדער פאַר'ן גאַנצען קלאַס פון די פּריוואַט־אייגענטימער.

און דאָס איז גאָר נישט קיין חידוש, אַזוי ווי דער מענש איז אַ גע־זעלשאַפטליכע בעשעפעניש און די אַרבייט פון די מענשען איז געזעלשאַפט־ליך, איז אויך דער דראַנג צו פערבעסערן די אַרבייט ניט עפּעס אַזוינס, וואָס נעהמט־זיך ביי דעם איינצעלנעם מענשען אין זיין אייגענעם גייסט, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס נעהמט־זיך פון זיינע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען. דער דראַנג נאָך אַ פערבעסערטער טעכניק, נאָך ערפינדונגען, איז אַ געזעל־שאַפטליכער דראַנג; ער נעהמט זיך פון געזעלשאַפטליכע געדערפנישען.

אָט דאָס איז עס, וואָס עס זאָגען די פאָרשטעהער פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם. זיי לייקענען אין דער זעלבשטענדיגקייט, אין דער אייגענמעכ־טיגקייט, אין דער אויבערמאַכט פונ'ם גייסט. זיי זאָגען, אַז דאָס עקזיסטירענדע סאָציאַלע (געזעלשאַפטליכע) בעדערפניש טרייבט דעם גייסט איבער בעשטימ־טע רעלסען און אַז דאָס בעדערפניש גופא ווערט אויך געשאַפען דורך בע־שטימטע מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען. זיי לייקענען אַלזאָ אויך דאָ, אַז דער גייסט איז אַן'אַבסאָלוטער הערשער.

און די דאָזיגע פראַגע: דער צוזאַמענהאַנג צווישען טעכניק און וויסענ־שאַפט איז אַזוי וויכטיג, אַז מיר מעגען דערויף זיך אָבשטעלען נאָך אַביסעל לענגער, כדי צו בעטראַכטען עס גענויער.

לאָמיר געבען נאָך אַ פּאָר אויספיהרליכע ביישפּילען.

זאָלען מיר זיך פאָרשטעלען אַ האַנד־וועבער אין מיטעלאַלטער. דער האַנד־וועבער־שטוהל איז נאָך דעמאָלט אין אַלגעמיין גענוג פאַר די געזעלשאַפטליכע בעדערפנישען. דער האַנדעל, די קאָמוניקאַציע, דער אויסלענדישער מאַרק האָ־בען זיך נאָך נישט ענטוויקעלט אַזוי ווייט, אַז עס זאָלען זיין נויטיג נייע גרויסע פּראָדוקטיוו־קרעפטען. עס ווערט נאָך נישט געשפּירט קיין שום בע־דערפניש דערין. פון דעסטוועגען ליעגט שטענדיג דעם בעזונדערס שאַרפזי־ניגען וועבער זיין ווערקצייג אין קאָפּ און שטענדיג קלעהרט ער וועגען דעם, ווייל ער ווייס, אַז אַ גיכערע, בעקוועמערע פּראָדוקציע איז פאַר איהם פער־זענליך אַ מעלה. ערפינדעט ער אַ קליינע פערבעסערונג און ער ווענדט זי אָן. און די פערבעסערונג ווערט בעוואוסט אין זיין קרייז בעקאַנטע בעלי־מלאכות און מען טהוט איהם נאָך. און דערביי בלייבט עס. אַ קליינע ענדערונג אינ'ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, וועלכע בעדייט קוים־קוים עפּעס אַ פּראָגרעס, אַ פאָר־שריט, און זי בלייבט אפשר אויף צעהנדליגער אָדער הונדערטער יאָהרען די איינציגע ענדערונג. גענומען האָט זי זיך פונ'ם בעדערפניש פון אַן'איינצעל־נעם מענשען.

אָבער לאָמיר אָננעהמען פערקעהרט, אַז די קאָמוניקאַציע און דער האַנ־דעל (צום ביישפּיל אין פופצעהנטען, זעכצעהנטען און זיבעצעהנטען יאָהרהונ־דערט) זענען שטאַרק פערגרעסערט, אַז דער אויסלענדישער מאַרק האָט זיך גאָר נישט־דער־ערך צעשפּרייט, אַז עס זענען געגרינדעט קאָלאָניעס, וואָס

פערלאַנגען מאַנופאַקטור-סחורות פון דער מעטראָפּאָליע—דעמאָלט ווערט דאָס געזעלשאַפטליכע בעדערפניש און דער דראַנג נאָך אַ פערבעסערטער טעכניק, נאָך אַ גרעסערער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט אַן אַלגעמיינע ערשיינונג; דעמאָלט קלעהרט שוין נישט אַן'איינצעלנער מענש וועגען טעכנישע פערבעסערונגען, נאָר הונדערטער מענשען קלעהרען שוין וועגען דעם, און דעמאָלט דורך אַסך קליינע ענדערונגען, וואָס זאַמלען זיך שנעל אָן, ווערט געשאַפען אַ נייע ווערקצייג.

אַצינד לאָמיר זיך פאָרשטעלען איינעם פון די פריהעסטע ערפינדער פון דער דאַמף-מאַשין, אַ פּאַפּין צוםביישפּיל.

ביי פיעל מענשען איז פאַרהאַן אַ ספּעציעלער טאַלענט און ליעבע פאַר טעכניק. די מיליאָנען יאָהרען פון דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט האָבען עס איבערגעגעבען צו אונזערע דורות בירושה. און ביי געוויסע מענשען רייסען-זיך-אַרויס די דאָזיגע ליעבע און טאַלענט ווי גרויסע פלאַמען, ווען די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען ווירקען-מיט. די געזעלשאַפט אין וועלכער זיי לעבען, האָט שוין אַן'ענטוויקעלטע טעכניק; קלעהרען זיי וועגען אַ פערבעסערונג, וועלכע וואָלט קאָנען נאָך מעהר פערבעסערן די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציע. זייער געזעלשאַפטליכער שכל ווערט אויפמערקזאַם אויף די קראַפט פון דעם צונויפגעפּרעסטען וואַסער-דאַמף. און אויפ'ן גרונד פון די אַלטע ווערקצייג, וועלכע ווערען געבראַכט אין בעוועגונג דורך מענשען, בהמות, וואַסער אָדער ווינד, קלעהרען זיי אויס אַ נייעם אַפּאַראַט. זייער סאָציאַלער חוש איז אַזוי גרויס, זייער פרייד און זייער בעגעהר צו שאַפען עפּעס אַזאַ מין זאַך איז אַזוי שטאַרק, אַז זיי זענען מקריב צייט, געזונד פערמעגען, כּדי עס צו פערפאָלקאָמען און איינצופיהרען... אָבער דאָס אַלגעמיינע בעדערפניש עקזיסטירט נאָך פון דעסטוועגען נישט; דער דאָזיגער פאָרשריט פון דער טעכניק איז צו גרויס, די קאָסטען זענען אפשר צו הויך. וואָס קומט אַרויס?

עס קומט אַרויס, אַז די ערפינדונג ווערט נישט איינגעפיהרט, די פּראָבעס מוזען אָבגעשטעלט ווערען און זיי ווערען פערגעסען. אָפט שטאַרבט-אַוועק דער ערפינדער אַלס אַ רואינירטער מענש. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

דאָס איז אַזוי דערפאַר, וואָס ער האָט טאַקי מרגיש געוועזן (דערשפּירט) דאָס סאָציאַלע בעדערפניש, אָבער די געזעלשאַפט האָט עס נאָך נישט מרגיש געוועזן אָדער ווייניגסטענס נישט גענוג מרגיש געוועזן; ער איז געקומען אַביסעל צו פריה.

אַצינד לאָמיר אָבער נעהמען אַן'ערפינדער פון אונזער אייגענער צייט, אַן'עדיסאָן. ער איז טעכניקער; זיין לעבען איז נור איין אַריינקלעהרען אין דער טעכניק. אָבער ער איז שוין נישט קיין צו פריהע שוואַלב, וועלכע קלעהרט וועגען דעם וואָס עס איז נאָך נישט מעגליך. די געזעלשאַפט, ווייניגסטענס דער פערמעגליכער קלאַס, וויל דאָס אייגענע וואָס ער וויל. וואָ-

רום פאַר די קאַפּיטאַליסטען בעדייט די פערבעסערטע טעכניק אַ קאָלאָסאַלע פערגרעסערונג פון די פערדינסטען. יעדע ערפינדונג, וועלכע גיט די מעג־ליכקייט פון אַ שנעלערער און ביליגערער פּראָדוקציע, ווערט תיכף אָנגענומען. דאָס שטאַרקט זיין אַרבייטס-קראַפט און עס ווירקט, אַז ער קאָן זיך אַליין שטעלען זיינע אויפגאַבען, אַז ער איז שוין מעהר נישט אָבהענגיג פון צו-פאַל, נאָר פון זיין אייגענעם ווילען.

דער ערפינדונגס-דראַנג פון אַנ׳עדיסאָן איז אַ סאָציאַלער דראַנג, זיין ליעבע צו טעכניק איז אַ געזעלשאַפטליכע ליעבע, וואָס איז געשאַפען **אין** דער געזעלשאַפט און **דורך** דער געזעלשאַפט; אויך דער יסוד, אויף וועל-כען ער אַרבייט, איז געזעלשאַפטליך; דאָס וואָס ער האָט ערפאָלג און וואָס ער קאָן זיך שטעלען זיין ציעל בעוואוסטזיניג, פאָראויס—האָט ער צו פער-דאַנקען דער דאָזיגער געזעלשאַפט.

אַזוי קומט עס פאָר אַציגד גענוג אָפט, אַז עס ווערען ערפונדען נייע מאַשינען, אָבער זיי ווערען נישט איינגעפיהרט דערפאַר וואָס זיי זענען צו טייער. פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, צום ביישפּיל, זענען פאַרהאַן אויסגעצייכענ-טע מאַשינען, נאָר גרעסטענטיילס ווערען זיי נאָך גאָר נישט אָדער זעהר קנאַפּ בענוצט. פאַרוואָס? ווייל די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען נאָך צו בעגרענצט פאַר די דאָזיגע נייע קרעפטען. בכן זעהען מיר: אַז טאָמער קומט שוין אַרויס אַמאָל אַנ׳ערפינדונג דורכדעם וואָס אַנ׳איינצעלנער מענש דערשפּירט דאָס געזעלשאפטליכע בעדערפניש אויפ׳ן גרונד פון דער שוין עקזיסטירענדער טעכניק—ווערען אָבער אָנגענומען בלויז יענע ערפינדונגען, וועלכע די געזעל-שאַפט דאַרף פּראַקטיש האָבען און וועלכע זי קאָן אין איהרע בעשטימטע בעציהונגען איינפיהרען. אַלזאָ: **סיי די ענטשטעהונג סיי די ענט-וויקלונג פון דעם ווערקצייג האָט אַ געזעלשאַפטליכען כאַ-ראַקטער.** זייערע וואָרצלען דאַרף מען זוכען **נישט אינ׳ם גייסט פונ׳ם יחיד**, פונ׳ם איינצעלנעם מענשען, **נאָר אין דער געזעלשאַפט.**

צום סוף לאָמיר נעהמען אַ ביישפּיל פון דער צייט, ווען דער מענש האָט ערשט אָנגעהויבען צו מאַכען זיינע ערשטע ווערקצייג. מיר נעהמען דעם דאָזיגען ביישפּיל פון קאַוטסקי׳ס „עטיק און מאַטעריאַליסטישע בעגרייפונג פון דער געשיכטע”. דאָרטען לעזען מיר:

„קוים האָט דער פאַרצייטיגער מענש פערמאָגט אַ דובינע, איז ער שוין געווען אימשטאַנד צו געהן אויף יאַגד אויף גרעסערע חיות. אויב ביז דע-מאָלט איז זיין נאַהרונג בעשטאַנען דער-עיקר פון אויבס און שרצים, פייגעל-אייער און יונגע פייגעלעך, האָט ער שוין איצט געקאָנט אַנידערלעגען אויך גרעסערע חיות. פון איצט אָן איז דאָס פליישׁ געוואָרען וויכטיגער פאַר זיין שפּייזונג. אָבער דאָס רוב גרעסערע חיות האַלטען-זיך-אויף אויף דער ערד, נישט אויף די ביימער; די יאַגד האָט איהם אַלזאָ אַראָבגעצויגען פון דער לופטען (פון די ביימער) אויף דער ערד. נאָך מעהר: יענע חיות, וואָס אויף

זיי לויהנט זיך צום־מעהרסטען אויף יאַגד צו געהן, די מעלי-גרה, קאָן מען זעהר ווענינ טרעפען אין דעם פאַרצייטיגען וואַלד; זיי האָבען מעהר ליעב צו האָדעווען־זיך אויף ברייטע פעלדער און פרעריעס. אַלזאָ, וואָס מעהר דער מענש איז געוואָרען יעגער, אַלץ ענדער האָט ער געקאָנט אַרויסגעהן פונ'ם טראָפּישען פאַרצייטיגען וואַלד, אין וועלכען דער פאַרצייטיגער מענש איז געלעגען.

„די דאָזיגע שילדערונג, ווי געזאָגט, איז געבויט בלויז אויף השערות. עס קאָן זיין, אַז דער גאַנג פון דער ענטוויקלונג איז גאָר געווען פונקט דער היפך. פונקט אַזוי ווי ס'איז מעגליך, אַז די ערפינדונג פונ'ם ווערקצייג און געוועהר האָט געטריבען דעם מענשען, זיך־אַרויסצוקלויבען פון דעם וואַלד אין אַ פרייערען גראָז-פעלד מיט מעהר שיטערעביימער—פונקט אַזוי האָט אויך געקאָנט זיין, אַז די אורזאַכען, וועלכע האָבען פעריאָגט דעם פאַרצייטיגען מענש פון זיין פאַרצייטיגען מקום-מנוחה, אַז זיי זענען גאָר ערשט געווען דער גורם צו דער ערפינדונג פון געוועהר און ווערקצייג. לאָמיר אָננעהמען צום ביישפּיל, אַז די מאַסע מענשען איז געוואָרען גרעסער, ווי דאָס אָרט וואו זיי האָבען זיך געשפּייזט האָט געקאָנט אויסהאַלטען... אָבער דער קלימאַט איז כסדר טרוקענער געוואָרען און די פאַרצייטיגע וועלדער זענען דערום געוואָרען שיטער'ער און אין זיי האָט זיך בעוויזען אַלץ מעהר פעלד בעוואַקסען מיט גראָז. אין די דאָזיגע אַלע פאַלען איז דער פאַרצייטיגער מענש געצוואונגען געוואָרען, זיך־אָבצוזאָגען פון זיין לעבען אויפ'ן בוים און זיך מעהר צו בעוועגען אויף דער ערד; ער האָט דערום געמוזט אָנהויבען זוכען אַלץ מעהר היות פאַר זיין שפּייזונג און האָט שוין נישט געקאָנט זיך-שפּייזען אַזויפיל ווי ביזאַהער מיט פרוכטען פון די ביימער. דער נייער אַרט לעבען האָט איהם געפיהרט דערצו, אַז ער זאָל אַלץ אָפטער בענוצען שטיינער און שטעקענס, און אַזוי-אַרום איז ער געקומען נעהנטער צום ערפינדען די ערשטע ווערקצייג און געוועהר.

אָבער וואָס פאַר אַן'ענטוויקלונגס-פּראָצעס מען זאָל זיך נישט פאָרשטעלען, דעם ערשטען אָדער דעם צווייטען—און מעגליך איז, אַז דיביידע פּראָצעסען זענען פאָרגעקומען אין פערשידענע פונקטען אונאָבהענגיג איינער פונ'ם אַנדערען,—פון יעדען איינעם זעהט-זיך דייטליך אַרויס, וואָס פאַר אַן'ענגע געגענזייטיגע ווירקונג עס איז פאַרהאַן צווישען נייע פּראָדוקציאָנס-מיטלען און נייע לעבענס-אַרטען. יעדער איינער פון די דאָזיגע פאַקטאָרען שאַפט פון זיך אַרויס מיט אַ נאַטור-נויטווענדיגקייט דעם צווייטען, יעדער איינער ווערט על פּי נויטווענדיגקייט די אורזאַך פון פערענדערונגען, וועלכע טראָגען-אויס ווידער פון זייער זייט נייע פערענדערונגען. אַזוי-אַרום שאַפט יעדע ערפינדונג אויף אַן'אונפערמיידליכען אופן אַזעלכע ווירקונגען, וועלכע גיבען דעם שטויס צו אַנדערע ערפינדונגען און ממילא אויך צו נייע בעדערפנישען און לעבענס-

אַרטען; **די לעצטע ווידער רופען-אַרויס נייע ערפינדונגען א. אַז. וו.**—אַ קייט פון אונענדליכער ענטוויקלונג, וואָס ווערט אויף אַזויפיל פיעלאַרטיגער און גיכער, וואָס ווייטער זי פּראָגרעסירט און וואָס מעהר עס וואַקסט דערמיט די מעגליכקייט און לייכטקייט פון נייע ערפינדונגען".

קאַוטסקי דערצעהלט דאַן ווייטער, ווי אַזוי דער מענש, נאָכדעם ווי ער איז שוין איינמאָל אַריינגעפאַלען אויף דאָס פרייע מיט גראָז בעוואַקסענע פעלד, איז געקומען צו דער ערד-אַרבייט, צום בויען וואוינונגען, צום בענוצען פייער און צו דער פיהצוכט און ווי אַזוי עס זענען לויט דעם געענדערט געוואָרען דאָס גאַנצע לעבען פונ'ם מענש, זיינע בעדערפנישען, זיינע וואוינ-ערטער, זיינע מיטלען צו דערהאַלטען די עקזיסטענץ זיינע, און ווי אַזוי „**די איינע ערפינדונג האָט ענדליך נאָכגעצויגען נאָך זיך אַסך אַנדערע, קוים איז זי נור איינמאָל געמאַכט געוואָרען, קוים איז נור איינמאָל געלונגען צו שאַפען אַ דובינע אָדער אַ האַק**.

בעמערקונג.

די ערפינדונג פון דער נייער טעכניק (אויף וואָס עס שטעהט, אַזוי ווי מיר האָבען געזעהן, די וויסענשאַפט) קומט אַלזאָ פאַר דורך דעם געזעלשאַפטליכען דראַנג און דורך דאָס געזעלשאַפטליכע בעדערפניש, וואָס ווירקט אין דעם איינצעלנעם מענשען; און זי געלינגט פולשטענדיג ערשט ווען דאָס בעדערפניש איז אַנ'אַלגעמיין-געזעלשאַפטליכע. ביז דעמאָלט האָט פון דעסטוועגען דער גייסט פון ערפינדער מעהרסטענטיילס נישט געקאָנט פאָרויסזעהן די מעגליכע **רעזולטאַטען** פון דער ערפינדונג.

צי האָבען געזעהן די ערפינדער פון דער דאַמף-מאַשין, יאָ, צי זעהען אפילו איצט די ערפינדער פון דער ריעזיגער טעכניק אין אונזער צייט דעם קלאַסען-קאַמף צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל, וואָס זייערע ערפינדונגען צעברויזען איהם וואָס ווייטער אַלץ מעכטיגער און פערשאַרפען איהם וואָס ווייטער אַלץ מעהר. צי זעהען זיי די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וועלכע מוז אַרויסקומען דורך זייער ערפינדונג. דער מענש, אפילו דער געניאַלסטער, איז ביז איצט געבליבען בלינד פאַר דעם ענטוויקלונגס-פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט. צו זיינע טהאַטען איז ער געצוואונגען געוואָרען דורך געזעלשאַפטליכע בעדערפנישען. אונטער דעם קאַפּיטאַליזם זענען איהם די דאָזיגע בעדערפנישען אפשר אפילו נישט-קלאָר, אָבער דאָך פון דעסטוועגען בעקאַנט געווען, נאָר ער האָט נישט געוואוסט, וואוהין די בעפרידיגונג פון די בעדערפנישען וועט פיהרען די געזעלשאַפט. ער איז בעהערשט געוואָרען פון די געזעלשאַפטליכע קרעפטען. ער האָט געלעבט אין דער ממשלה פון דער נויטווענדיגקייט.

ערשט אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווען די פּראָדוקציאָנס-מיטלען וועלען זיין אַ קאָלעקטיווע אייגענטום, ווען זיי וועלען ווערען אָנ-

געוויענדעט און בעהערשט בעוואוסטזיניג, ערשט דעמאָלט וועט דער מענש דערקענען נישט בלויז די געזעלשאַפטליכע קרעפטען און בעדערפנישען, וועלכע צווינגען איהם צו טהון דאָס וואָס ער טהוט, נאָר ער וועט דערקענען אויך דאָס ציעל, צו וועלכען זיינע טהאַטען פיהרען און די רעזולטאַטען, וועלכע קומען פון זיינע אויפטהוען אַרויס. יעדע פערבעסערונג פון דער טעכניק וועט האָבען אַלס רעזולטאַט אַ גרעסער גליק, מעהר פרייהייט פאַר גייסטיגע און קערפערליכע ענטוויקלונג. קיין שום נייע ערפינדונג וועט נישט אַרויסרופען אַזעלכע נישט-פאָרגעזעהענע צרות, צו וועלכע עס איז קיין תרופה נישטאָ, נאָר יעדע ערפינדונג וועט ברענגען דעם איינצעלנעם מענש די פרייהייט צו אַ מעהר פאָלקאָמער ענטוויקלונג און דערמיט וועט זי כסדר פערפאָלקאָמען די בעדינגונגען פאַר דאָס גליק פון אַלע מענשען.

פערשטעהט זיך, די פראָדוקטיוו-קרעפטען, די מאַטעריעלע פראָדוקציאָנס-בעציהונגען שטויסען אונז צום סאָציאַליזם, און אויך אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט גופא וועלען מיר זיין אָבהענגיג פון די פראָדוקטיוו-קרעפטען, פון דעם סאָציאַליסטישען פראָדוקציאָנס-אופן. אויף אַזוי ווייט וועט שטענדיג דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען בעהערשען דעם גייסט, וועלען מיר קיינמאָל פריי נישט זיין. אָבער ווען מיר וועלען דאָס מעהר נישט איבערלעבען בלינד, פאַסיוו, ווען מיר וועלען מעהר נישט זיין געשלעפט דורך דער ווילד-צעלאָזטער בעוועגונג פון דער טעכניק, נאָר מיר וועלען פראָדוצירען בעוואוסטזיניג אַלס איין גאַנצער קיבוץ, ווען מיר וועלען פאָרויסזעהן די רעזולטאַטען פון אונזער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט—דעמאָלט וועלען מיר זיין, אין פערגלייך מיט איצט, פריי, דעמאָלט וועלען מיר זיין אַריינגעקומען פון דער פינסטערער ממשלה פונ׳ם בלינדען גורל אין דאָס הערליכע ליכט פון דער פרייהייט. די אַבסאָלוטע פרייהייט וועלען מיר אויך דעמאָלט נישט האָבען—דאָס געפינט זיך נור אינ׳ם מוח פון די אַנאַרכיסטען און פון די מיסטישע קלעריקאַלען; מיר זענען געבונדען אָן די עקזיסטירענדע פראָדוקציאָנס-קרעפטען. נאָר מיר קענען זיי פון דעסטוועגען אָנווענדען לויט אונזער געמיינזאַמען ווילען, פאַר אונזער געמיינזאַמער טובה וועגען. און דאָס איז אַלץ, וואָס מיר פערלאַנגען.

צווייטע בעמערקונג.

עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז אַ וויסענשאַפט, ווען זי איז שוין איינמאָל געשאַפען דורך אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע בעדערפניש, קאָן זי אויף אַ בעשטימטען שטאַפעל פון איהר ענטוויקלונג ווייטער זיך ענטוויקלען זעלבשטענדיג, אָהן אַ דירעקטען צוזאַמענהאַנג מיט דער געזעלשאַפטליכער בעדערפניש. צום ביישפיל: הגם די אַסטראָנאָמיע איז לכתחילה אַרויסגעקומען פון אַ געזעלשאַפטליכער נויטווענדיגקייט, האָט זי זיך אַצינד ענטוויקעלט אויך אויסערהאַלב פונ׳ם דירעקטען צוזאַמענהאַנג מיט די בעדערפנישען פונ׳ם

געזעלשאַפטליכען לעבען. דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דער זעלבשטענדיג גע-וואָרענער וויסענשאַפט, דער טעכניק און דער בעדערפניש קאָן מען פון דעסטוועגען שטענדיג געפינען, ווען מען בלייבט נור נישט ביי די אויסער-ליכע צווייגען אָדער בלומען, נאָר ווען מען זוכט די וואָרצלען פון דער וויסענשאַפט.

ג. דאָס רעכט.

דאָס „רעכט" האָט צו טהון מיט די ענינים פון מיינס און דיינס (שלי און שלך). דאָס רעכט איז די אַלגעמיינע בעגרייפונג: אין דער געזעלשאַפט ווע-גען דעם וואָס עס דאַרף געהערען צו מיר, צו דיר און צו אַן׳אַנדערען. ווי-לאַנג די פּראָדוקטיוו-קרעפטען און די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען פעסט, אַזוי לאַנג שטעהען אויך פעסט די דאָזיגע בעגריפען וועגען אייגענטום. אָבער דעמאָלט ווען יענע הייבען-אָן זיך צו וואַקלען, וואַקלען זיך אויך די. און דאָס איז נישט קיין חידוש. וואָרום פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען זענען דאָך איינ-צייטיג אויך אייגענטום-בעציהונגען, אַזוי ווי מיר האָבען שוין אויבען קלאָר אויפגעוויזען.

לאָמיר נעהמען פון אונזער אייגענער צייט עטליכע ביישפּילען פאַר די דאָזיגע ענדערונגען, ביישפּילען וואָס זענען יעדען איינעם בעקאַנט.

עס איז נאָך גאָר נישט אַזוי לאַנג פון דער צייט, ווען אין אַזאַ גרוי-סער שטאָט, ווי אַמשטערדאַם צום ביישפּיל, האָט ביי אַלעמען געהערשט די מיינונג, אַז די צושטעלונג פון בעלייכטונג און וואַסער און די זאָרג פאַר דער פּאַסאַזשירען-קאָמוניקאַציע איז אַ זאַך, פון וועלכער פּריוואַטע מענשען דאַרפען פערדיענען געלד; גאַז-אַנשטאַלטען, וואַסער-לייטונגען און טראַמוואַיען דאַרפען זיין דאָס אייגענטום פון פּריוואַטע מענשען. איצט האָט זיך עס געענדערט. איצט איז שוין געגוג פערשפּרייט דער בעגריף, אַז די דאָזיגע און נאָך אַנ-דערע פּרנסות דאַרפען זיין אַ קהל׳יש-אייגענטום, אַ געמיינדע-אייגענטום. דאָס איז אַ גרויסע איבערקעהרעניש אין דער בעגרייפונג פון׳ם „רעכט", אין דער ממשלה פון׳ם גייסט, וועלכער האָט אַ מיינונג, אַן׳איבערצייגונג אָדער אַ פאָר-אורטייל איבער מיינס און דיינס (שלי און שלך)... פון וואַנען נעהמט-זיך די דאָזיגע ענדערונג?

עס איז גאָר נישט שווער צו ערקלערען, אַז די נעהמט-זיך דירעקט פון אַן׳ענדערונג אין די פּראָדוקטיוו-קרעפטען

געשעהן איז עס אַזוי.

ווען האָלאַנד איז אַרונטערגעפאַלען אונטער׳ן איינפלוס פון דער גרויס-אינדוסטריע און פון׳ם וועלט-האַנדעל, האָט זיך די לאַגע פון׳ם מיטעלשטאַנד און פון׳ם אַרבייטער-קלאַס פערערגערט. נאָך דעם יאָהר 1870 איז די לאַגע נאָך ערגער געוואָרען. האָבען די דאָזיגע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג אָנ-געהויבען קלעהרען וועגען מיטלען, ווי אַזוי צו העלפען זיך געגען דער נויט,

און דורכדעם איז געשאַפען געוואָרען אַ פּאַרטיי פון מיטעלשטאַנד, צו וועלכער די אַרבייטער זענען צוגעשטאַנען. און גלייך ווי זיי האָבען געהאַט די מאַכט דערצו, האָבען זיי איינגעפיהרט די געמיינדע-פּראָדוקציע, כּדי זיי זאָלען מעהר נישט דאַרפען בעריסען ווערען דורך די פּריוואַטע געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען עקספּלואַטירט די גאַז-אַנשטאַלט, די וואַסער-לייטונג און דעם טראַמוואַי.

אַלזאָ, די נייע עקאָנאָמישע בעציהונג צווישען דעם גרויס-קאַפּיטאַל פון איין זייט און דער קליינער פאַבריקאַציע און האַנדווערקעריי פון דער אַנדער זייט, וועלכע איז אין תּוך געקומען די בעציהונג צווישען דער גרויסער מאַשין און דעם קליינעם ווערקצייג, האָט פאַר איין טייל פון דער געזעלשאַפט, פאַר עטליכע קלאַסען, געשאַפען אַ נייע נויטווענדיגקייט. עס איז געשאַפען געוואָרען אַ בעדערפניש אויף נייע אייגענטום-בעציהונגען, דורך וועלכע די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען זאָלען ווירקען נישט אַזוי האַרב. און די ליידענדע קלאַסען איז געלונגען אַריינצובעקומען אין זייערע הענד די מאַכט און זיי האָבען די נייע אייגענטום-בעציהונגען איינגעפיהרט.

פערהעלטניסמעסיג איז עס אַ גאַנץ קנאַפּער ביישפּיל. דען הגם די געמיינדע-פּראָדוקציע (אָדער אויך מלוכה-פּראָדוקציע) איז אַ גאַנץ אַנדער אייגענטום-פאָרם ווי די פּריוואַט-פּראָדוקציע פון איינעם אָדער עטליכע קאַפּיטאַליסטען, ווייס אָבער יעדער איינער, אַז די איצטיגע געמיינדע אָדער מלוכה זענען קאַפּיטאַליסטיש און אַז פאַר'ן קליינעם מענשעלע זענען די מעלות פון דער געמיינדע-פּראָדוקציע אָדער מלוכה-אייגענטום נישט אַזוי גוואַלטיג. אפשר ווערען מעהר די קליינע מענשעלעך נישט אַזוי אונפערשעמט בעריסען ווי דורך די קאָנצעסיאָנערען, אָבער געצופּט, געפליקט, געשוירען ווערען זיי סיי פון דער מלוכה סיי פון דער געמיינדע.

דערפאַר וועט זיין גרעסער און בעסער דער ביישפּיל פון אונזער אייגענער בעוועגונג.

וואָס זעהען מיר אין אונזער בעוועגונג?

מיר זעהען, אַז דער סאָציאַליזם וויל מאַכען די פּראָדוקציאָנס-מיטלען פאַר אַ געמיינזאַם אייגענטום. עס זענען שוין פאַרהאַן מיליאָנען סאָציאַליסטען, הגם מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק זענען נאָך כּמעט קיין שום סאָציאַליסטען אויף דער וועלט נישט געווען. פרעגט זיך, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פאָרקומען אַזאַ גרויסע איבערקעהרעניש אין דעם דענקען, אינ'ם בעוואוסטזיין פון אַזוי פיעל מענשען? ווי אַזוי האָט זיך עס אַזוי געענדערט דער בעגריף וועגען דעם, וואָס עס איז רעכט?

דער ענטפער דערויף איז דאָ אַסך קלאָרער, איידער ביים ערשטען ביישפּיל.

די גרויס-אינדוסטריע האָט געשאַפען מיליאָנען פּראָלעטאַריער, וואָס וויבאַלד עס בלייבט עקזיסטירען דאָס פּריוואַט-אייגענטום אויף פּראָדוקציאָנס-

מיטלען, קאָנען זיי קיינמאָל נישט צוקומען צו אַ פערמעגען און צו וואוילטאָג. אָבער ווען דאָס פריוואַט-אייגענטום וועט ווערען פערוואַנדעלט אין אַ קאָלעקטיוו אייגענטום, דעמאָלט שטעהט פאַר זיי דער וועג צו וואוילטאָג אָפען. דעריבער זענען זיי געוואָרען סאָציאַליסטען.

הוץ דעם האָבען קריזיסען און איבער-פראָדוקציע און אין דער לעצטער צייט די טרעסטען מיט זייער קאָנקורענץ וואָס שלינגט אַלץ איין און מיט זייער איינהאַמעווען די אינדוסטריע—אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס נעהמען-זיך דירעקט פון דעם היינטיגען פריוואַט-אייגענטום אויף פראָדוקציאָנס-מיטלען—געווירקט אויף דעם מיטעלשטאַנד אַזוי סבּות'דיג, אַז אויך אין יענע קרייזען בעטראַכטען שוין אַסך מענשען דאָס קאָלעקטיווע אייגענטום אַלס די איינציגע ישועה צו דער צרה און זיי ווערען סאָציאַליסטען.

אינ'ם סאָציאַליזם ליעגט קלאָר אויף דער האַנד דער דירעקטער צוזאַמענהאַנג צווישען דער ענדערונג אין די פּראָדוקטיוו־קרעפטען און פּראָדוקטיוו-בעציהונגען און דער ענדערונג אינ'ם דענקען.

צי האָט עס גאָט דעם סאָציאַליזם אונז אין קאָפּ אַריינגעגעבען? איז עס אפשר אַ מיסטישער פונק, אַ הייליגער גייסט? אַ ליכט, וואָס גאָט האָט אונז געוויזען?

איז עס אפשר אונזער אייגענער „פרייער גייסט”, וועלכער האָט געשאַפען די דאָזיגע הערליכע אידעע פון זיך אַרויס, פון זיין אייגענעם הוד שבהדר צי גדולה שבתפארת? איז עס אפשר אונזער אויסערגעוועהנליך דערהויבענער געפיהל פון מוסר, זיטליכקייט, מאָראַל, אַ געהיימניספולע קראַפט אין אונז, קאַנט'ס קאַטעגאָרישער אימפעראַטיוו?

אָדער אפשר האָט דאָס גאָר דער שטן, דער יצר-הרע, אַריינגעגעבען אין אונז די תאווה נאָך אַ קאָלעקטיוו אייגענטום? דער שטן, וואָס האָט נור דאָס איינציגע ציעל צו פעריאָגען אונז פון דער הייליגער תורה, אין וועלכער עס שטעהט: כי לא יחדל אביון מקרב הארץ; דער שטן, וואָס רעדט-איין אָבצושאַפען דעם סדר-העולם, וואו דער נגיד האָט די מעגליכקייט צו געבען צדקה דעם אָרימאַן און טהון אַזוי-אַרום מצוות, בזכות פון וועלכע עס שטעהט די וועלט?

ניין, קיין איינע נישט פון די אַלע סיבּות. נאָר די נויט איז עס, די געזעלשאַפטליכע נויט.

די דאָזיגע נויט נעהמט-זיך דערפון, וואָס די נייע פראָדוקטיוו-קרעפטען, וועלכע ליעגען צונויפגעפּרעסט אין דעם אויסגעוואַקסענעם העמדעל פון די אַלטע אייגענטום-בעציהונגען פון דער פריהערדיגער קליין-פראָדוקציע, ווירקען ווי אַ חורבן אין די קרייזען פון די אַרבייטער און קליינבירגער. די פערענטפערונג דורך דעם סאָציאַליזם קומט שוין פון זיך אַליין; וויייל יעדער אַרבייטער און אַ היבש ביסעל קליינבירגער קאָנען פיהלען און פערשטעהן, אַז דער דאָזיגער חורבן וועט אויפהערען, ווען מיר וועלען אַלע

צוזאַמען זיין די בעל-הבתים איבער די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. די אַרבייט איז דאָך שוין סיי-ווי געמיינזאַם, קאָלעקטיוו. די פּערענטפּערונג פון די שוועריגקייטען דורך דעם וואָס מען ווערט שאַפען אַ געמיינזאַם אייגענטום (אויף די מיטלען פון דער אַרבייט)—ליגט אַלזאָ פּשוט אויף דער האַנד.

און זאָל מען נישט זאָגען, אַז אויך אין די פריהערדיגע יאָהרהונדערטען האָט מען דאָך שוין געקלעהרט וועגען סאָציאַליזם, און אַז דער סאָציאַליזם קאָן אַלזאָ נישט זיין אַ פּועל-יוצא פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען וואָס הערשען אַצינד, אַז דער פּרינציפּ פון דער גלייכהייט פון אַלע מענשען איז אַנ׳אייביגער אידעאַל, וועלכער האָט געשוועבט אין אַלע צייטען פאַר דעם גייסטיגען בליק פון די מענשען.

זאָל מען נישט זאָגען אַזוי; דען דער סאָציאַליזם, וועגען וועלכען עס האָבען געקלעהרט צום ביישפּיל די איסיים אין ארץ-ישראל פאַר׳ן חורבן בית שני, אָדער די ערשטע קריסטען—איז געווען אַזוי פערשידען פונ׳ם סאָציאַליזם, וועלכען עס וויל איצט דער אַרבייטער-קלאַס, פּונקט אַזוי ווי די פּראָדוקטיוו-קרעפטען און די קלאַסען-בעציהונגען פון יענע צייטען זענען פערשידען פון די היינטיגע. די אַמאָליגע קאָמוניסטען האָבען געוואָלט האָבען אַ געמיינזאַמען קאָנסום (פערברויך,) זיי האָבען געוואָלט, אַז די רייכע זאָלען נעהמען זייער איבערפלוס, זייער שפע אין געברויכס-מיטלען (נישט אין פּראָדוקציאָנס-מיטלען), וואָס זיי האָבען נישט וואו אהינצוטהון, און זאָלען זיך טיילען מיט די אָרימעלייט, מיט די עניים און אביונים. נישט די ערד און די אַרבייטס-מיטלען זאָל מען האָבען געמיינזאַם, קאָלעקטיוו, נאָר די פּראָדוקטען. אין תוך גענומען איז דאָס אַלזאָ געווען אַ בעטלער-סאָציאַליזם: דורך דער גוטהערציגקייט פון די נגידים האָבען די אָרימעלייט צוזאַמען מיט די רייכע געוואָלט איינטיילען צווישען זיך די פּראָדוקטען.

אַזוי האָט אויך קריסטוס קיינמאָל נישט געפּרעדיגט עפּעס אַנדערש, ווי אַז די רייכע זאָלען זייער רייכטום אָבטרעטען. די רייכע זאָלען ליעבען די אָרימעלייט אַלס ברידער און פערקעהרט.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דאַגעגען לערנט, אַז די נישט-אייגענטימער זאָלען די אייגענטימער בעקעמפען און זאָלען ביי זיי אַוועקנעהמען דורך דער פּאָליטישער מאַכט די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. זי וויל נישט זיין קיין שותפ׳טע צו די פּראָדוקטען—אדרבה: דאָס וואָס יעדער איינער בעקומט אין פּראָדוקטען, אין געברויכס-אַרטיקלען, דאָס איז זיין אייגענס: מיט דעם דאַרף ער זיך נישט איינטיילען מיט קיינעם. דערפאַר וויל זי אָבער זיין אַ גלייכע בעל-הבית׳טע מיט זיי איבער די פּראָדוקציאָנס-מיטלען.

די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען אין די צייטען פון די איסיים און פון די ערשטע קריסטען מיט קנאַפּע צוויטויזענד יאָהר צוריק, האָבען נישט געקאָנט אַרויסרופען אונזער איצטיגע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אידעע, פּונקט

אַזוי ווי די פראָדוקטיוו-קרעפטען פון אונזער צייט קאָנען נישט ברענגען דעם אַרבייטער-קלאַס אין אייראָפּא צו שטרעבען נאָך דעם פאַרצייטיש־קריסטליכען אידעאַל. דעמאָלט ווען די פראָדוקטיוו-קרעפטען זענען נאָך געווען אַזוי קליין, אַזוי צעבּרעקעלט און צעוואָרפען, אַז אַ גרויסע געמיינשאַפט האָט זיי נישט געקאָנט בּעהערשען, איז די פילאַנטראָפּיע געווען די איינציגע, הגם אויך גענוג נישטיגע פערענטפערונג פונ׳ם עלענד, אַ פערענטפערונג וואָס איז אפילו אויף אַ טויזענדס-חלק נישט גענוג; אָבער אין אַ צייט, ווען די אַרבייט ווערט אַלץ מעהר געזעלשאַפטליך, איז דאָס געזעלשאַפטליכע אייגענטום דאָס איינציגע מיטעל געגען דעם עלענד און דערצו נאָך אַ מיטעל, וואָס איז פולשטענדיג גענוג.

און נאָך אַנ׳אַנדער בּעדייטענדען בּיישפּיל האָבּען מיר אינ׳ם קרימינאַל-רעכט. אויך דאָ איז פאָרגעקומען אַנ׳איבערקעהרעניש אין די מוחות פון פ׳על מענשען: סאָציאַליסטישע אַרבייטער גלויבען נישט מעהר אין דער פערזענליכער שולדיגקייט פון דעם פערברעכער. זיי גלויבען, אַז די אורזאַכען פונ׳ם פערברעך זענען געזעלשאַפטליך און נישט פערזענליך.

ווי אַזוי זענען זיי געקומען צו די דאָזיגע נייע געדאַנקען, צו וועלכע עס האָבּען זיך נישט געקאָנט אַרויפאַרבייטען אפילו די גרעסטע חוקרים פון דעם מוסר־היהדות, צו וועלכע עס איז נישט געקומען סיי דאָס קלעריקאַלע סיי דאָס ליבעראַלע קריסטענטום?

זיי זענען געקומען דערצו דורך דעם קאַמף געגען קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט זיין יסוד, ווי מיר האָבּען אויבען געזעהן, אינ׳ם פראָדוקציאָנס-פּראָצעס. די סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער זענען דורך זייער קריטיק פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג געצוואונגען געוואָרען נאָכצושפּירען די אורזאַכען פונ׳ם פערברעך און זיי האָבּען געפונען, אַז די דאָזיגע אורזאַכען ליעגען אין דער געזעלשאַפט. דער פראָדוקציאָנס-פּראָצעס, דער קלאַסען-קאַמף האָט זיי גענויטיגט צו קומען צו דער דאָזיגער השגה.

דאָס דאָזיגע בּעוואוסטזיין דרינגט-אַריין בּיסלעכווייז אין די קעפּ פון די סאָציאַליסטיש געלערנטע אַרבּייטער.

אין די ראַהמען פונ׳ם דאָזיגען בּיכעל קאָנען מיר נישט טיעפער צעגלידערן די דאָזיגע פראַגע; אָבער זי בּעווייזט אונז אויפ׳ס ניי, וואָס פאַר אַנ׳איבערקעהרעניש עס קומט-פאָר אינ׳ם דענקען צוליב די פערענדערטע פראָדוקציאָנס-בּעציהונגען. דען וואָס פאַר אַ גוואַלטיגער אונטערשייד! אָט דאָנישט-לאַנג האָט נאָך יעדער איינער געגלויבּט אין זינדיגקייט, יצר הרע, פערזענליכע שולדיגקייט, פרייען ווילען, אין נקמה פון גאָט און מענשען, אין שטראָף—אַצינד זעהען-איין די סאָציאַליסטען (אָבּער טאַקי בּלויז זיי אַליין), אַז ווען „דער אַנטי-סאָציאַלער מקום-פּורעניות פונ׳ם פערברעך, די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וועט זיין פערבּיכטעט, און יעדען איינעם וועט געגע-

בען זיין דער געזעלשאַפטליכער פּלאַץ פאַר זיין וועזענטליכער לעבענס-טעטיגקייט"—דעטאַלט ווערט דער סאָציאַלער פערברעך פערשווינדען.

בעמערקונג

און דאָ, ביים אַרומרעדען די דאָזיגע ביישפּילען פון די ענדערונגען אינ'ם דענקען וועגען רעכט און איי־גענטום, זעהען מיר איצט צום ערשטען מאָל זעהר קלאָר אַנ'ענטוויקלונגס-געזעץ פונ'ם מענשליכען דענקען, אויף וועלכען מיר האָבען נאָך ביז איצט נישט געקענט שאַרף אויפמערקזאַם מאַכען.

דאָס האָבען מיר שוין געזעהן גענוג, אַז די פּראָדוקטיוו-קרעפטען זענען די טרייב-פעדער, די אורזאַך דערפון וואָס אינ'ם דענקען קומט-פאָר אַנ'ענטוויקלונג. אַצינד ווידער זעהען מיר, ווי אַזוי די ענטוויקלונג קומט-פאָר. נעמליך: די ענטוויקלונג אינ'ם דענקען קומט-פאָר אין קאַמף, אינ'ם קלאַסען-קאַמף.

דאָס קאָנען מיר זעהר קלאָר מאַכען מיט די איינציגע ביישפּילען, וועלכע מיר האָבען אויבען געבראַכט, פון דער געמיינדע-פּראָדוקציע און פון די סאָציאַליסטישע בעגריפען איבער אייגענטום און רעכט.

די גרויס-אינדוסטריע האָט אונגעהייער שווער געמאַכט די לאַגע פון די קליינבירגער און אַרבייטער. וואָס מעהר די גרויס-אינדוסטריע איז געוואַקסען, אַלץ שווערער איז געוואָרען צו דערטראָגען די גאַז- און וואַסער-ליישונגס-מאָנאָפּאָלען, וועלכע מען האָט נאָך ביז-אַהער פערליטען. די אַרבייטער און קליינבירגער האָבען געזעהן אין די מאָנאָפּאָליסטען זייערע שונאים, און עס איז פאַר זיי געוואָרען אַלעבענס-בעדערפניש, פּטור צו ווערען פון די דאָזיגע מאָנאָפּאָליסטען. און ביי זיי אין די קעפּ איז געשאַפען געוואָרען דער געדאַנק: עס איז אַנ'אונגערעכט דאָס, וואָס די דאָזיגע מענשען טהוען; רעכט, אַהעכערעס רעכט איז, אַז די דאָזיגע פּראָדוקציאָנס-צווייגען זאָלען געהערען צום כּלל, צו דער געמיינדע. מיר, די אַרבייטענדע קלאַסען, מוזען בעקעמפען די דאָזיגע פּאַראַזיטען. דאַגעגען די פּאַראַזיטען האָבען געקלעהרט: אונזער רעכט איז צו זיין בעל-הבתים איבער די דאָזיגע פאַבריקען; מיר אַלס קלאַס וועלען פערלירען אונזער גאַנצען ריווח, ווען מען וועט צונעהמען ביי אונז איינע נאָך דער אַנדערער די פאַבריקאַציעס, פון וועלכע מיר האָבען הכנסות. מיר מוזען בעקעמפען די אַרבייטענדע קלאַסען.

די נייע בעגריפען וועגען רעכט האָבען זיך אַלזאָ ענטוויקעלט אין קאַמף. די ענטוויקלונג פון די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען האָט געבראַכט דעם נייעם קלאַסען-קאַמף און דער דאָזיגער קאַמף האָט פערשפּרייט דאָס נייע בעוואוסט-זיין וועגען רעכט.

און דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער פיהלט, אַז דורך דער גרויס-אינדו-

סטריע געהט ער גייסטיג, מאָראַליש און קערפּערליך צו-גרונד, האָט דערקענט די קאַפּיטאַליסטען אַלס זיינע פיינד. תחילת האָט ער געקלעהרט: מיר, די אַרבייטער פון דער דאָזיגער פאַבריק, ווערען עקספּלואַטירט, בעראַבעוועט, מיר געהען צו־גרונד, אונזער קאַפּיטאַליסט איז אונזער שונא; עס איז אַן אומרעכט, וואָס ער זאָל האָבען דעם גאַנצען ריווח און מיר גאָרנישט. מיר מוזען איהם בעקעמפען. און דערנאָך האָט דאָס אייגענע געקלעהרט דער פּראָלעטאַריאַט אין איין שטאָט, אין די איינצעלנע בראַנזשעס. און דערנאָך—דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט פון אַ גאַנץ לאַנד און פון דער גאַנצער וועלט. אלע האָבען שוין געקלעהרט: מיר, אַלס קלאַס, מוזען בעקעמפען דעם קאַפּיטאַליסטען-קלאַס. עס איז ריכטיג, אַז אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען זאָלען אַריינקומען אין אונזערע הענד. לאָמיר קעמפען פאַר אונזער רעכט.

אָבער די קאַפּיטאַליסטען האָבען געקלעהרט, תחילת אויך יעדערער בעזונדער, דערנאָך צוזאַמען, אָרגאַניזירט און אַלס מלוכה דווקא דעם היפּך. ריכטיג איז, אַז מיר זאָלען בלייבען ביי דעם, וואָס איז אונזער אייגענטום. לאָמיר צעשמעטערן די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. לאָמיר צוזאַמען אַלס קלאַס קעמפען פאַר אונזער רעכט.

און וואָס מעהר די טעכניק האָט זיך ענטוויקעלט, וואָס מעהר די האָט כסדר פערגרעסערט די פּראָדוקטיוו-קרעפטען און די רייכטימער אין די הענד פון די קאַפּיטאַליסטען און טיעפער, ברייטער און אונדורכטרעגליכער געמאַכט דאָס עלענד פונ'ם כסדר וואַקסענדען פּראָלעטאַריאַט, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסען דאָס בעדערפעניש פון די פערמעגליכע צו דערהאַלטען פאַר זיך זייער גרעסערען רייכטום און אַלץ שטאַרקער איז אויך געוואַקסען דאָס בעדערפעניש פון די נישט-פערמעגליכע צו בעקומען די פּראָדוקציאָנס-מיטלען אין זייער מאַכט. און אין דערזעלבער מאָס איז אויך געוואַקסען דער קאַמף פון די ביידע קלאַסען און דערמיט אויך דער כוח פון זייער דאָזיגער אידעע וועגען רעכט און אונרעכט.

אין דעם דאָזיגען ביישפּיל זעהט מען אַלזאָ זעהר קלאָר, אַז די בעגריפען וועגען רעכט און אונרעכט ענטוויקלען זיך אינ'ם קלאַסען-קאַמף און דורך דעם קלאַסען-קאַמף און אַז איין קלאַס קאָן ביסלעכווייז אָנהויבען צו האַלטען פאַר אונרעכט דאָס, וואָס ער האָט פריהער געהאַלטען פאַר ריכטיג, און וואָס מעהר עס שטייגט דער קלאַסען-אינטערעס, אַלץ ליידענשאַפטליכער פיהלט ער די אָדער יענע זאַך אַלס רעכט אָדער אונרעכט.

דער מאַטעריעלער קאַמף צוליב די פּראָדוקציאָנס-מיטלען איז אַלזאָ איינצייטיג אויך אַ גייסטיגער קאַמף וועגען רעכט און אונרעכט. דער אַנדערער קאַמף איז די גייסטיגע אָבשפּיגלונג פונ'ם ערשטען.

צווייטע בעמערקונג.

אייגענטליך איז דאָ נישט נויטיג אויפצווייזען, אַז איִנ׳ם דאָזיגען גייסטיגען און מאַטעריעלען קאַמף זיעגט סוף־כל־סוף יענער קלאַס, וואָס די ענטוויקלונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס מאַכט איהם פאַר דעם מעכטיגסטען, פאַר דעם בעזיצער פון דער גרעסטער גייסטיגער קראַפט און אמת׳ יענער קלאַס, וואָס צוליב די בעדערפנישען, וועלכע בעהמען־זיך פון זיין לאַגע, איז איהם בעשערט צו פערענטפערן די ווידערשפּרוכען צווישען די נייע פּראָדוקטיוו־קרעפטען און די אַלטע פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען. צום סוף פון אונזערע אויספיהרונגען וועלען מיר נאָך קומען דערצו. דאָ האָבען מיר אַריינצושטעלען אַנ׳אַנדער בעמערקונג, וועלכע דאַרף אָבווערפען אַ טענה פון אונזערע געגנער.

די טענה איז אַזאַ:

פאַרוואָס מענשען, וואָס געהערען צו די פערמעגליכע קלאַסען, וועלכע לויפען־איבער צו די נישט פערמעגליכע. פרעגט זיך, צי איז עס נישט אַ בעווייז, אַז נישט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען ענטשיידעט איבער דעם שכל, איבער דאָס דענקען, נאָר אפשר ענטשיידעט גאָר עפּעס הויכעס גייסטיגעס, עפּעס מיסטעריעז עטישעס איבער אונזערע געזעלשאַפטליכע האַנדלונגען?

דער תירוץ דערויף איז אַזוי:

אַנ׳איבערלויפער פון דעם קאַפּיטאַליסטישען לאַגער אין דעם פּראָלעטאַרישען קאָן עס טהון צוליב צווייערליי גרונדען—און אַמאָל קאָנען גאָר די ביידע גרונדען ווירקען צוזאַמען. ערשטענס קאָן זיין, אַז ער האָט אפשר איינגעזעהן, אַז די צוקונפט געהערט צום פּראָלעטאַריאַט. אויב אַזוי, ווערט קיינער נישט לייקענען, אַז דעם דאָזיגען שכל האָט איהם אַריינגעגעבען דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, די עקאָנאָמישע בעציהונגען, און אַז די טרייב־פעדער פון דער דאָזיגער טהאַט דאַרף מען זוכען נישט אין דער „פרייהייט“ פונ׳ם גייסט, נאָר איִנ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען. אָבער עס איז מעגליך אַ צווייטע סיבה, אַ געפיהל־אורזאַך: צום ביישפּיל, ווייל דער דאָזיגער מענש וויל זיך ליבערשט געפינען צווישען די שוואַכערע, איידער צווישען די אונטערדריקער. ביים אַרומרעדען די זיטליכקייט וועלען מיר אויפווייזען, אַז אויך אין דעם דאָזיגען פאַל וואָרט ער בעשטימט דורך געפיהלען, וואָס זייער שורש ליעגט אין דעם נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישען לעבען, און נישט דורך עפּעס מיסטעריעזעס, איבערנאַטירליכעס אָדער אַבסאָלוט גייסטיגעס.

ד. די פּאָליטיק.

אויב די סאָציאַליסטישע בעגריפען איבער אייגענטום און פאַרברעך גיבען אַלזאָ אַ קלאָר ביישפּיל, ווי אַזוי די פּראָדוקטיוו־קרעפטען בעאיינפלוסען דעם שכל, דאָס דענקען, ווי אַזוי עס קומט־אַרויס דער גייסטיגער קאַמף פון די קלאַסען און ווי אַזוי ער מוז קומען צו דער ענטשיידונג—געפינען

מיר נאָך אסך מעהר קלאָרעביישפּילען אין דער פּאָליטיק.

און אויך דאָ מוזען מיר נעהמען אַלס ביישפּיל דאָס, וואָס די סאָציאַ-ליסטען דענקען, ווייל אין זייערע קעפּ ווירקען די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען צום שטאַרקסטען.

אויך ביי דעם גרויסען פאַבריקאַנט, דעם גרויסען באַנקיר אָדער סוחר א. אַז. וו. ווירקען די נייע פּראָדוקטיוו-קרעפטען זעהר שטאַרק אויפ'ן גייסט. ער קלעהרט וועגען גרויסע אונטערנעהמונגען, ריעזיגע רווחים, שאַפונג פון קאַרטעלען, אויסלענדישע מערק און קאָלאָניעס, וועגען דער שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלען פלאָט און אַ מעכטיגער אַרמעע, כדי צו פערגרעסערן זיין איינ־פלוס, זיין רייכטום, זיין מאַכט. אָבער וואָס פאַר אַ שטאַרקער אונטערשייד עס זאָל נישט זיין אין גראַד צווישען זיין דענקען מיט'ן דענקען פון די קאַפּיטאַליסטען און הערשענדע קלאַסען אין די פריהערדיגע יאָהרהונדערטען, איז אָבער דער אופן, דער אַרט פון זיין דענקען אַלעמאָל דער אייגענער.

די מוחות פונ'ם מיטעלשטאַנד דענקען אויך אַנדערש ווי פריהער. דאָס וואַקסען פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען האָט זיי פערשטויסען אין אַ געפעהרליכע זייט, פון וואַנען זיי קענען אַרונטערפאַלען אין די מחנות פון פּראָלעטאַריאַט. ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען דערפון, דורך קרעדיט, מלוכה-הילף, קאָאָפּעראַטי-ווען, וועגען דעם אַלעם קלעהרען זיי — גאַנץ אַנדערש ווי זייערע טאַטעס, ווי זייערע פריהערדיגע דזרות האָבען געקלערט. אין די דאָזיגע מוחות זעהט-אויס אַצינד אַנדערש, ווי צום ביישפּיל אין 18-טען יאָהרהונדערט. פון דעסטוועגען דרעהט-זיך זייער שכל אין דער אַלטער ריכטונג: ריווח, ריווח, פּריוואַטער ריווח!

דער גייסט פונ'ם נישט-סאָציאַליסטישען אַרבייטער איז אויך פול מיט אַנ'אַנדער אינהאַלט, ווי צום ביישפּיל דער גייסט פון זיין קאָלעגע אין דער ערשטער העלפט פון 19-טען יאָהרהונדערט. העכערער לוין, קירצערע אַר־בייטס-צייט, מלוכה-הילף, אַ בעסער לעבען—דאָס טומלט זיך איהם אין קאָפּ; דאָס רודערט זיך ווי אין אַ ביהנשטאָק, דאָס רוישט ווי אַ מיהל-ראַד אין די דאָ-זיגע נישט-סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס (אַזוי צום ביישפּיל די אַזוי-גערופע-נע קריסטליך-סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס אין מערב־אייראָפּא, וועלכע זענען דורכ-געדרונגען מיט'ן אַנטיסעמיטיזם). עס זשומט און ברומט, און שטענדיג קלינגט דאָסזעלבע וואָרט: אָרגאַניזאַציע, אַ בעסער לעבען. אָבער אויך די דאָזיגע מענשען געהען נאָך אין די אַלטע וועגען: זיי ווילען האָבען אַ גרעסערען נוצען פונ'ם קאַפּיטאַל, פונ'ם פּריוואַט-אייגענטום—אויפ'ן גרונד פונ'ם פּריוואַט-אייגענטום גופא.

ביי די סאָציאַליסטען דאַגעגען—דאָ לעבט שוין גאָר עפּעס אַנדערש, דאָ לעבט עפּעס גאַנץ נייעס, וואָס איז נאָך אין דער דאָזיגער פאָרם קיינ-מאָל אויף דער וועלט נישט געוועזן. שטעהענדיג אַליין אויפ'ן גרונד פונ'ם פּריוואַט-אייגענטום, ווילען זיי דאָס פּריוואַט-אייגענטום אָבשאַפען; לעבענדיג

אַליין אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, ווילען זיי די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה אומוואַרפען. זייערע געדאַנקען, געבוירען און אויפגעהאָדעוועט אין דעם הייבעל פון קאַפּיטאַליזם, ווילען אָבוואַרפען דאָס דאָזיגע הייבעל. זייערע געדאַנקען אַ ל יי ן ווילען אַ נ ד ע ר ע געדאַנקען ווערען. דער אַרבייטער-קלאַס וויל פערניכטען דעם שורש פון זיין אייגענער עקזיסטענץ, דעם קאַפּיטאַל און דאָס פּריוואַט-אייגענטום אויף פּראָדוקציאָנס-מיטלען. די דאָזיגע ווירקונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען איז דאָ גאָר אַנ'אַנדערע ווי ביי די אַנדערע קלאַסען, פיעל גרעסער, פיעל טיעפער, פיעל ראַדיקאַלער; און דערום איז דאָס סאָציאַליסטישע דענקען דער בעסטער ביישפּיל פאַר דעם איינפלוס פון דער טעכניק אויפ'ן גייסט.

אין דער פּאָליטיק ווייזט זיך אַסך קלאָרער אַרויס דער צוזאַמענהאַנג צווישען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און דענקען אויך דערפאַר, וואָס די פּאָליטיק נעהמט-אַריין אין זיך דאָס ווילען, דאָס בעגעהרען, דאָס שטרעבען, דאָס דענקען, דאָס טהון אין דער מלוכה, דאָס גאַנצע מאָדערנע מלוכה-לעבען פון אַלע קלאַסען; דערפאַר וואָס דער בירגער פון דער מלוכה, וועלכער פערמאָגט פּאָליטישע רעכט, מוז נאָכקלעהרען איבער דער גאַנצער געזעלשאַפט און איהרע טיילען און ווערט אַלזאָ אין זיין גאַנצען גייסטיגען לעבען בוכשטעבליך פערכאַפּט דורך דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

וועלכע פּאָליטישע פראַגע איז איצט די וויכטיגסטע, און קאָן אונז דערום דיענען צום בעסטען אַלס ביישפּיל?

דאָס איז די ס אָ צ י אַ ל ע פ ר אַ ג ע, די פראַגע פונ'ם קאַמף צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל.

די דאָזיגע פראַגע איז ענטשטאַנען דורך דעם קאַפּיטאַל, דאָס הייסט אַלזאָ דורך דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען.

און לויט דעם אופן, ווי אַזוי די מענשען פערנעהמען אַ שטעלונג צו דער דאָזיגער פראַגע, קאָן מען צום בעסטען דערקענען, ווי דאָס וואַקסען פון דער טעכניק צווינגט זיי צו בעקומען אַנדערע געדאַנקען אין קאָפּ.

צי זענען געווען צום ביישפּיל מיט זעכציג יאָהר צוריק אַסך מענשען, וועלכע האָבען געקלעהרט איינצופיהרען אַ געזעצליכען אַרבייטס-טאָג פאַר די פּראָלעטאַריער, אָדער פרויען- און קינדער-שוץ, אָדער אַנ'אונגליקס-פערזיכע-רונג? אַזעלכע מענשען זענען געווען נור איינצעלנע—און די וואָס האָבען שוין יאָ געקלעהרט דערפון, האָבען געהאַט ידיעות פון העכער ענטוויקעלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועגען אַזאַ מין אַרבייטער-שוץ. און מיט הונדערט יאָהר צוריק האָט נאָך מן-הסתם קיינער נישט געקלעהרט וועגען דעם.

נאָר ווי אַזוי איז עס אַריינגעקומען אין קאָפּ דער דאָזיגער שענער געדאַנק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף געשיצט ווערען דורך דער געזעלשאַפט?

ס'איז שווערליך צו זאָגען, אַז דער יושר, די מענשענליעבע האָבען עס אַרויפגעבראַכט אויפ'ן דאָזיגען געדאַנק; ווייל נאָך איידער מען האָט אַנ-

געהויבען אַזוי „יושר'דיג" צו קלערען, זענען טויזענדער טויזענדער אַרביי־טער געשטאָרבען פון צו פיעל אַרבייטען, קראַנקהייטען, וועניג עסען און אונגליקען, טויזענדער טויזענדער האָבען אָבגעפינסטערט זייער עלטער אין עלענד און נויט. און וועגען יושר האָט מען שוין דעמאָלט גאַנץ גוט גע־וואוסט. טויזענדער יאָהרען פלוידערט מען שוין וועגען יושר און מענשענ־ליעבע. און אויב מען האָט ביז אַהער נישט געקלערט וועגען מלוכה-הילף און אַצינד קלערט מען יאָ—מוז דאָ אַליין ווירקען גאָר אַן אַנדער סיבה.

און צו ענטדעקען די דאָזיגע סיבה איז נישט שווער. די מעשה איז פשוט. דעמאָלט האָט נאָך דער פּראָלעטאַריאַט נישט געהאַט קיין מאַכט און ער האָט נאָך אַליין נישט געקאָנט צווינגען די פּערמעגליכע קלאַסען צו קיין שום אַנדער זאַך, ווי סיידען צו פּריוואַטער וואוילטעטיגקייט און אַבי־סעל השגחה איבער אָרימע־לייט.

אָבער פּאַרוואָס האָט נאָך דעמאָלט דער אַרבייטער נישט געהאַט קיין מאַכט? די סיבה דערפון איז געלעגען אין דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, וועל־כער האָט נאָך די אַרבייטער נישט געהאַט אָרגאַניזירט. זייער צאָהל איז אַפילו געווען גענוג גרויס, אָבער זיי זענען געווען צעוואָרפען אין קליי־נע אונטערנעהמונגען און צוליב דעם האָבען זיי געקאָנט ענטוויקלען אַ קנאַ־פּע קראַפט.

נאָר ווען דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס זענען זיי געצוואונגען געוואָרען צו אַרבייטען הונדערטער מענשען צוזאַמען אין ווארשטאַטען און פאַבריקען, האָבען זיי אָנגעהויבען בעקומען דאָס בעוואוסטזיין וועגען זייער קראַפט און פּונקט אַזוי ווי מען האָט זיי אָרגאַניזירט צו דער אַרבייט, האָ־בען זיי זיך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען צום קאַמף. דער דאָזיגער קאַמף, וואָס איז אַרויסגעקומען פון'ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, דאָס דאָזיגע אַרויסטרעטען, האָט געבראַכט די פערשידענע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט צו נייע גע־דאַנקען און האָט אַרויסגערופען אַן איבערקערעניש אין זייער גייסט.

קודם-כל נאַטירליך אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואו דער נייער פּראָ־דוקציאָנס-פּראָצעס איז אַרויסגעטרעטען פריהער ווי ערגעץ אַנדערש. די דאָ־זיגע ביישפילען געהען מיר דאָ פאַרביי; מיר ווילען בלויז אָנווייזען דערויף, אַז דאָרטען איז אונטער דער דראַנג פון די נייע צושטאַנדען ענטשטאַנען דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם פון סען-סימאָן, פוריע און ראָבערט אָוען, און אַז פרידריך ענגעלס דורך זיין קענען די ענגלישע פּראָדוקציאָנס-צושטאַנדען און קאַרל מאַרקס דורך זיין שטודירען די פראַנצויזישע און ענגלישע פּאָלי־טיק זענען געקומען צו זייער דענקען, צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער טעאָריע.

אָבער אויך אין דייטשלאַנד ווייזט זיך אַרויס דער אמת דערפון, וואָס מיר זאָגען וועגען דער פּאָליטיק.

פון דער רעוואָלוציע אין 1848 זענען די אַרבייטער אַרויסגעקומען מיט

לעדיגע הענד. דאָס פּרייסישע דריי-קלאַסען-וואַהלרעכט האָט זיי געלאָזט פּאָליטיש אָהן אַנ'איינפלוס. קיין שום געזעץ האָט זיי נישט געשיצט געגען די שלעכטע רעזולטאַטען פון דער שטייגענדער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

אָבער אין אָנהויב פון די זעכציגער יאָהרען האָבען די אַרבייטער זיך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען. צוריקגעשטויסען פון דער בורזשואַזיע, האָבען זיי געגרינדעט אונטער לאַסאַל'ס פיהרונג דעם אַלגעמיינעם דייטשען אַרבייטער-פעראיין", וועלכער האָט אָנגעהויבען פיהרען דעם קאַמף פאַר דאָס אַלגעמיינע גלייכע וואַהלרעכט. דער הערשענדער יונקער-קלאַס איז אויפמערקזאַם געוואָרען; די קאָנסערוואַטיווע רעדעלפיהרער האָבען אָנגעהויבען רעדען וועגען דער הויכער מיסיע פון דער מלוכה צו שיצען די געדריקטע.

די פּראָפּאַגאַנדע פונ'ם „אַלגעמיינעם דייטשען אַרבייטער-פעראיין" האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. ביסמאַרק האָט איינגעפיהרט דאָס אַלגעמיינע וואַהלרעכט, וועלכעס ער האָט צוגעזאָגט שוין פאַר דעם עסטרייכישען קריעג, תחילת פאַר דעם צפון-דייטשען בונד און דערנאָך פאַר דער ניי-געגרינדעטער דייטשער אימפּעריע.

בעבעל, ליבקנעכט, שווייצער, און וואָס ווייטער אַלץ מעהר פיהרער פון פּראָלעטאַריאַט זענען אַריין אין פּאַרלאַמענט. פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען („געווערקשאַפטען") זענען געגרינדעט געוואָרען. די צאָהל סאָציאַליסטישע שטימען איז ביי יעדע וואַהלען געשטיגען. די ביידע פּראַקציעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָבען זיך פעראייניגט. די הערשענדע קלאַסען איז וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ מעהר נישט-היימליך, אַלץ ערגער אויפ'ן הארצען, וואָס מעהר עס איז געשטיגען די מאַכט פון סאָציאַליזם. און ביסמאַרק האָט געפּרובט פערקנעבלען דעם סאָציאַליזם מיט דעם בעוואוסטען „סאָציאַליסטען-געזעץ".

אָבער בלויז מיט גוואַלט האָט זיך נישט געלאָזט אונטערדריקען דעם אַרבייטער-קלאַס. די וואַהלען פון יאָהר 1881 האָבען געוויזען, אַז דאָס סאָציאַליסטען-געזעץ האָט גאָר אַ שוואַכע פּעולה. כדי איינצושטילען די אונצופרידענהייט, האָט עפּעס געמוזט געטהון ווערען, און עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ קייזערליכער מאַניפעסט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט: „פּאָזיטיווע מיטלען לטובת דעם אַרבייטער". דעם פּאַרלאַמענט האָט מען אין יאָהר 1882 פאָרגעלעגט אַ געזעץ וועגען פערזיכערונג אויפ'ן פאַל פון קראַנקהייט און אין 1884 איז דאָס געזעץ שוין פאַרטיג געווען.

און נישט-קוקענדיג אויפ'ן סאָציאַליסטען-געזעץ געהט די סאָציאַליסטישע בעוועגונג מעכטיג פאָרווערטס. ביי די וואַהלען פון 1884, 1887, 1890 שטייגט איהר צאָהל שטימען פון 550,000 אויף 760,000 און 1,400,000. דאָס סאָציאַליסטען-געזעץ האָט אַ מפּלה; ביסמאַרק פליהט-אַראָב פון זיין שטעל. די פעברואַר-מאַניפעסטען פון יאָהר 1890 זאָגען-צו אַרבייטער-שוץ און געזעצליכע גלייכבערעכטיגונג פאַר די אַרבייטער.

וואָס פאַר אַ ריעזיגע איבערקעהרעניש איז דאָס אַלץ אינ'ם דענקען;

אין אַ גאַנץ לאַנד, די אַלע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג! אַלע נעהמען-אָן אַ שטעלונג צו דער סאָציאַלער פראַגע, דאָס הייסט צום קלאַסען-קאַמף!

און ווי קלאָר זעהט מען אָן די שייכות דערפון מיט דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק! די סטאַטיסטיק ווייזט אונז, אַז גראָד צום אָנהויב פון די זעכציגער און די זיבעציגער יאָהרען און צום סוף פון די אַכציגער יאָהרען האָט זיך די אינדוסטריע גוואַלטיג ענטוויקעלט, דווקא אין דער צייט, ווען דער סאָציאַליזם איז צום שטאַרקסטען געוואַקסען. מען וואָלט כמעט געקאָנט ציהען איינע נעבען די אַנדערע אַלס דריי פּאַראַלעלע ליניעס די צאָהלע פון דער וואַקסענדער פּראָדוקציע און פון דער וואַקסענדער אַרמעע פון די פּראָלעטאַרישע קעמפער און דערנעבען די פּאָליטישע מיינונגען פון די הערשענדע קלאַסען. דאָס וואַקסען פון איין רייה איז צוגעפּאַסט צום וואוקס פון דער אַנדערער רייה; דער קאַמף פון די קלאַסען שטאַמט בעשיינפערליך פון דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק.

און ווי קלאָר ווייזט זיך דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג: **ד ע ר ק אַ מ ף**! נישט צוליב די הויכע פרומע בעגריפען פון אמת און יושר, אָבער אויך נישט דורך דעם פרייען ווילען אָדער דורך די אייגענמעכטיגע ווירקונג פון דעם שכל, אָדער דורך דעם דראַנג פון עפּעס אַ מיסטישען „צייט-גייסט”, זענען קייזער און קאַנצלער, מיניסטאָרען און פּאָליטיקער געקומען צו זייערע נייע מיינונגען. דאָס האָבען די אַרבייטער אַליין, שטיצענדיג-זיך אויף זייער אַרבייט, דורך זייער אָרגאַניזאַציע, זייער פּראָפּאַגאַנדע, זייער ק אַ מ ף—געצוואונגען די בורזשואַזיע צו ענדערן דעם אינהאַלט פון איהר גייסט.

מיט יעדען מין מיסטיק דאַרף מען זיך דאָ אָבגעזעגענען. דער אמת׳ער צוזאַמענהאַנג פון די ערשיינונגען ליעגט דאָ אַזוי אָפען פאַר אונז, ווי די בעוועגונגען אינ׳ם סיסטעם פון דער זון.

די ענטוויקלונג פונ׳ם גייסט פון די אַרבייטער האָט זיך גענומען פון דער טעכניק און די ענטוויקלונג אינ׳ם גייסט פון דעם פערמעגליכען קלאַס האָט זיך גענומען פון דער ווירקונג, וואָס עס האָבען געהאַט אויף זיי די געדאַנקען, די מחשבות פון די אַרבייטער—די געדאַנקען, וועלכע זענען אויסגעדריקט געוואָרען אין טהאַטען (אין מעשים).

און נאָך מעהר זעהט זיך עס אָן אין דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג. די צוזאָגעכטס׳ן פון דער רעגירונג האָבען נישט געווירקט, אַז די אַרבייטער זאָלען זיך אָבהאַלטען פון געבען ווייטער זייערע שטימען פאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און כסדר אַלץ מעהר. די הערשער האָבען איינגעזעהן, אַז כדי אַריינצונאַרען אַזאַ זעלבסטבעוואוכטע אַרבייטערשאַפט זענען נויטיג גרעסערע רעפאָרמען, איידער די וואָס זיי האָבען געהאַט השק צו געבען. און די סאָציאַלע רעפאָרם האָט זיך פערצויגען. די מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט איז שוין צו גרויס געווען.

די פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען האָבען זיך אין די נײַנציגער יאָהרען ענט-װיקעלט אין מעכטיגע אָרגאַניזאַציעס, װעלכע האָבען עפּעס אָבגעשלאָגען בײַ די קאַפּיטאַליסטען לטובת די אַרבײַטער. קלעהרען שױן די הערשענדע קלאַסען װי-דער װעגען אונטערדריקען מיט געװאַלט. עס װערען אַרײַנגעטראָגען פּאָרשלאָ-גען פון „פערמאַכען“ און „צוכטהױז“,—נאָר עס פעהלט דער מוט זײ דורכ-צופיהרען.

אַזױ גרױס איז געװאָרען די אָרגאַניזאַציע, דאָס קלאַסען-בעװאוסטזײן, דער שׂכל, די מאַכט פון די אַרבײַטער, אַז די הערשענדע קלאַסען פערלירען שױן די האָפנונג צו קאָנען אַרײַננאַרען זײ דורך רעפאָרמען אָדער אונטער-דריקען מיט געװאַלט. און זײ נעהמען זיך צום בעפעסטיגען זײערע אײגענע מאַכט-מיטלען, כדי צו זײן גרײט צום קאַמף פאַר דער הערשאַפט. אין ער-געץ שטעהען נישט די קלאַסען װי דאָ אַזױ שאַרף, אַזױ בעװאָפענט פון קאָפּ ביז די פיס אײנע געגען די אַנדערע. און װאָס איז די סיבה דערפון? די סיבה איז די, װאָס אין אײראָפּא האָט זיך די גרױס-אינדוסטריע אין ערגעץ נישט אַזױ צעבליהט, אין ערגעץ נישט אָנגעזאַמעלט אַזעלכע אוצרות, אין ער-געץ האָט זיך די טעכניק נישט ענטװיקעלט אַזױ געװאַלטיג װי איז דײַטש-לאַנד אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען.

נישט קוקענדיג אויף דער געפאַהר צו דערעסען מיט די סך אײנצעל-הײטען, לאָמיר דאָך אַרײנדרינגען נאָך אַביסעל טיפער אין די דאָזיגע פראַ-גען; װאָרום גרױס איז דער אינטערעס פונ׳ם אַרבײַטער צו פערשטעהן די זאַך **גרונדליך**.

ביז איצט האָבען מיר אַנטקעגענגעשטעלט די פערמעגליכע קלאַסען אַלס אײן אײנציגען קלאַס אַנטקעגען דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר דאַרפען אָבער נעהמען אין אַכט, אַז צװישען זײ גופא זענען פאַראַן בעדײטענדע פער-שידענהײטען און די ענטװיקלונג פון דער טעכניק װירקט נישט אויף אַלע פערמעגליכע אויף אײן און דעמזעלבען אופן. די דאָזיגע אונטערשײדען מוזען מיר נאָך אַרומרעדען.

די מאַטעריעלע לאַגע און די פּאָליטישע געדאַנקען פון די קלאַסען װערען דורך דער ענטװיקלונג פון דער טעכניק איבערגעאַנדערשט אויף שטאַרק פערשידענע אופנים. אַלס בײַשפּילען לאָמיר נעהמען פון אײן זײט דעם מי-ליטאַריזם און דעם אימפּעריאַליזם, פון דער אַנדער זײט די סאָציאַלע געזעצ-געבונג.

די שאַרפע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנקורענץ צװינגט די גרױס-קאַפּיטאַלי-סטען פון אַלע לענדער צו פיהרען אַ קאָלאָניאַל-פּאָליטיק. האָט שױן אַ מלוכה אין איהר מאַכט אַ קאָלאָניאַלע געגענד, דעמאָלט קאָנען דאָרט די קאַפּיטאַ-ליסטען פון דער דאָזיגער מלוכה שעפּען פאַר זיך אַסך מעהר אוצרות, אײ-דער אין פרעמדע קאָלאָניעס. אין דער אײגענער קאָלאָניע דרינגען זײ פון

אַנהויב-אַן אַריין בעסער; זייער אייגענע מלוכה פיהרט זיי פאָרווערטס, אונ-
טערשטיצט און שיצט זיי אויפ'ן בעסטען אופן. אַ קאָלאָניע איז קודם-כל
אַן אָביעקט פון עקספּלואַטאַציע פאַר דער מעטראָפּאָליע. די אַרבייטס-קראַפט
איז ביליג, ס'איז ערלויבט צו בעגעהן-זיך מיט גוואַלט און צוואַנג, די קאָ-
לאָניאַלע רווחים זענען אָפט ריעזיג גרויס. דער קאַפּיטאַל, וועלכער איז פאַר-
האַן אַלס עודף אין דער מעטראָפּאָליע, קאָן דאָרט אַלזאָ אַריינגעלעגט ווערען
און ברענגען ריווח. דערום שטרעבען צום ביישפּיל די דייטשע גרויס-קאַפּי-
טאַליסטען דערצו,—בזועהענדיג מיט קנאה די ריעזיגע רווחים, וואָס די פרעמ-
דע קאַפּיטאַליסטען שלעפּען אַרויס פון די קאָלאָניעס,—אַז די קאָלאָניאַל-מאַכט
זאָל וואָס ווייטער אַלץ מעהר זיך פערשפּרייטען.

דערצו איז אָבער נויטיג אַ שטאַרק מיליטער, בעזונדערס אַ שטאַרקער
פלאָט; נישט בלויז אויף צו אונטערטעניגען די קאָלאָניעס גופא, נאָר קודם-כל
אויף אַרויסצוטרעטען אַנטקעגען די אַנדערע קאָלאָניאַל-מלוכות, וועלכע שטרע-
בען צו דעמזעלבען ציעל. דערום פאָדערען די גרויס-קאַפּיטאַליסטען מיליאָנען
פאַר דער אַרמעע און פאַר'ן פלאָט.

אָבער די אַרמעע האָט נאָך אַן אַנדער צוועק. זי דאַרף שיצען די פער-
מעגליכע געגען דעם אַרבייטער-קלאַס, וועלכער טרעט דראָהענד אַרויס. ווען
די אַרבייטער, די מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג, אָרגאַניזירען זיך פעסט
און פערנעהמען זיך אויף דער עקזיסטירענדער אָרדנונג,—ווי קאָן דען אַ מינ-
דערהייט פון הערשער אַנדערש בלייבען אויף איהר פלאַץ סיידען דורכדעם,
וואָס אַ גוט בעוואָפענטע, גוט דיסציפּלינירטע אַרמעע פאָלגט בלינד די בע-
פעהלען פון איהרע עלטסטע אונטער שרעק און מורא פאַר באַרבאַרישע
שטראָפען? דער פחד פאַר דעם סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט ווירקט, אַז
די בורזשואַזיע זאָל לעגען הונדערטער מיליאָנען אויף דער אַרמעע.

אָבער נאָך מעהר. די מיטלען, וואָס מען דאַרף האָבען דערצו, דאַרפען
געבראַכט ווערען דורך די גביר'ישע קלאַסען וואָס ווייניגער און דורך די אָרי-
מערע קלאַסען וואָס מעהר... צוליב דעם דאָזיגען גרונד האָבען די הערשענדע
קלאַסען איינגעפיהרט די אינדירעקטע שטייערן, וועלכע זענען נוגע דער-
הויפּט די קליינע מענשעלעך. די פויערים, בעלי-מלאכות און אַרבייטער.

די סאָציאַלע געזעצגעבונג וואָלט זיין זאָהן שום צווייפעל גאָר אַ טייערע
מעשה, ווען זי זאָל טאַקי זיין צוגעפּאַסט צו אַלע פאָדערונגען, וואָס מוזען
געשטעלט ווערען. אמת, אינגאַנצען פערמיידען די דאָזיגע צרה איז נישט
מעגליך; מען האָט דאָך עפּעס פאָרט מורא פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט. אָבער
צו טייער דאַרף זי אויך נישט קאָסטען די פערמעגליכע קלאַסען. און דערום
מוז זי שוין בהכרח (נויטוועדיגערווייז) זיין אַ קנאַפּע און אגב נאָך אַרויס-
לעגען אויף די אַרבייטער אַ טייל פון די קאָסטען.

דאָס איז, בקיצור גענומען, דער געדאַנקען-גאַנג פון די גרויסע קאַפּי-
טאַליסטען, די אייגענטימער פון באַרג-גרובענס און באַרג-זאַוואָדען.

אונטערנעהמער אין דער מעטאַל-אינדוסטריע, די טעקסטיל-פאַבריקאַנטען, די גרויסע שיפען-אייגענטימער און באַנקירען.

אַצינד וועט יעדער איינער פערשטעהן, אַז די נייגונג פונ׳ם דאָזיגען קלאַס נאָך וואָס מעהר פאַנצער-שיפען און סאָלדאַטען און נאָך וואָס אַ גרעסערע קאָלאָניאַל-מאַכט און זייער אַנטיפאַטיע צו גוטע סאָציאַלע רעפאָרמען ווייזען-זיך-אַרויס אַלץ שטאַרקער, וואָס גרעסער עס ווערען די אינטערעסען פון דעם דאָזיגען קלאַס. אַ שטאַרקער אימפעריאַליזם און מיליטאַריזם און אַ קנאַפע סאָציאַלע רעפאָרם געהען אַלזאָ האַנד ביי האַנד.

אויף אַנ׳עהנליכען אופן בעציהט זיך צו די דאָזיגע פראַגען דער יונקער-קלאַס (דער קלאַס פון די גרויסע ערד-אייגענטימער, פריצים). אַלס קליינקעפּעלדיגע פריצים זענען זיי גלייכגילטיג צו דער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק און מאַריניזם (פלאָט-פּאָליטיק); נאָר אויף וויפיל זיי בעקומען דערפון נייע ראַיאָנען פאַר זייער הערשאַפט מיט גוטע פעטע שטעלעס אין דער אַדמיניסטראַציע, אין דער פערוואַלטונג פון די נייע קאַנטען, בעטען זי זיך-איבער ביסלעכווייז, אַלס רעגירענדע פּאַרטיי, און זיי זענען שוין מסכים אויף דער זאַך. דערפאַר האָבען זיי די פולשטענדיגע חזקה אויף דער אַרמעע, אין וועלכער זיי פערנעהמען אַלע אָפיצירען-שטעלעס; און די בורזשואַזיע מיט איהר פחד פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט דאַרף די האָבען נויט׳ג ווי דאָס אויג אַלס בעל-הבתים איבער דער אַרמעע. אַזוי איז פרייסען צום ביישפּיל אויפגעקומען אַלס מיליטער-מלוכה; איהר שטעלונג אַלס גרויסמאַכט איז געבויט אויף דער אַרמעע, דערום פאָדערן די יונקערס פאַר דער אַרמעע אַלץ פרישע הונדערטער מיליאָנען.

אַז דאָס געלד, וואָס מען דאַרף דערצו האָבען, דאַרף געשאַפען ווערען פון אינדירעקטע שטייערן, פון צאָלען (פּאָשלינעס) — פערשטעהט זיך שוין ממילא. בפרט אַז די דאָזיגע פּאָשלינעס ברענגען נאָך אַיין מיליאָנען פאַר די יונקערס פערזענליך; אָהן די דאָזיגע פּאָשלינעס וואָלטען זיי שוין לאַנג באַנקראָט געווען.

די דאָזיגע יונקערס זענען דם-שונאים פונ׳ם אַרבייטער-קלאַס און די ערשטע געגנער פון דער סאָציאַלער רעפאָרם. די אַמאָליגע דאָרפישע איינוואוינער, וועלכע זענען פון דעם יונקערישען דעספּאָטיזם אַנטלאָפען אין שטאָט אריין, בעטראַכטען זיי אַלס זייערע אַנטלאָפענע שקלאַפען. פערבעסערן זייער לאַגע וואָלט דאָך, לויט זייער מיינונג, בעדייטען: נאָך מעהר צוהעלפען צום אַנטלויפען פון דאָרף. און בלויז דאָס לעצטע צווינגט זיי איינצוהאַלטען אַביסעל די שלעכטע בעהאַנדלונג פון די דאָרפישע אַרבייטער. ווייל אַנדערש וואָלטען זיך אַלע אַרבייטער סוף-כל-סוף צעלאָפען.

אַנדערש בעציהט זיך צו די דאָזיגע פראַגען דער מיטעל-קלאַס.

אין דער אַרמעע און פלאָט און בעזונדערס אין די קאָלאָניעס איז גאָר דער מיטעל-קלאַס נישט אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט. דער האַנדעל מיט די קאָלאָניעס איז שוואַך, און אַלס אַנ׳אָבזאַץ-ראַיאָן פאַר דער אינ-

דוסטריע האָבען די קאָלאָניעס בלויז אַ קליינע בעדייטונג.

דער מיטעל־קלאַס, וועלכער בעשטעהט פון קליינע פאַבריקאַנטען, סוחרים, בעל־מלאכה׳ס, פויערים — האָט אמת צוזושטעלען פון זיך אַרויס בעאַמטע פאַר דער מלוכה און פאַר דער געמיינדע, פאַר גרויסע אינדוסטריעלע און סוחרי־שע אונטערנעהמונגען (אויף וויפיל ער דאַרף נישט האָבען די מענשען פאַר זיך אַליין, צו בעשעפטיגען זיי אין זיינע אייגענע פרנסות); אָבער דערמיט שעפט זיך שוין אויס זיין אינטערעס צו דער אַרמעע, פלאָט און קאָלאָניעס. נאָר פון דעסטוועגען שלעפט זיך־נאָך דאָס רוב פונ׳ם מיטעל־קלאַס נאָך דער פּאָליטיק פון די גרויסע הערען און געוועהנליך זעהען מיר, אַז די פאַרלאַמענטאַרישע פאַרשטעהער פון די געשעפטס־לייט און פויערים, די צענטרום־לייט און די פריידיגע, שטימען פאַר פעסטונגען, פאַנצער־שיפען און קאָלאָניאַלע אויסגאַבען.

אפשר שטעקט דערין אַ ווידערשפרוך צו דעם, וואָס מיר האָבען אויפגעוויזען, דהיינו: אַז די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען קעהרט איבער די בעדערפנישען פון די מענשען, פון די קלאַסען און קעהרט דערמיט איבער אויך זייער פּאָליטיק? אַ דייטשישער פויער אָדער קליינבירגער האָט דאָך נישט אַזאַ גרויסע בעדערפניש אין קאָלאָניעס און קריעגס־שיפען, אַז ער זאָל דערפאַר צאָהלען מיט חשק הויכע שטייערן!

כדי גוט צו פערענטפערן די דאָזיגע זאַך, מוזען מיר נעהמען אין אַכט, אַז אַ גרויסער טייל פונ׳ם מיטעלשטאַנד איז פולשטענדיג אָבהענגיג פון קאַפּיטאַל. נישט בלויז דערפאַר וואָס ער, דער מיטעלשטאַנד, שטעלט־צו די בעאַמטע פאַר די פּריוואַטע שטעלעס און מלוכה־שטעלעס, נאָר קודם־כל דערפאַר וואָס ער לעבט פון קרעדיט. נעמליך, די פויערים און די קליינע סוחרים. פאַר זיי לויהנט זיך, אַז עס זאָל זיין אַנ׳איבערפליסיגער קאַפּיטאַל, ווייל דעמאָלט האָבען זיי אַ ביליגען קרעדיט. אָבער פון וואַנען קאָן זיך נעהמען אַנ׳איבערפלוס אין קאַפּיטאַל? פון אַ בליהענדער אינדוסטריע און אַ בליהענדען האַנדעל. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז דער דאָזיגער טייל פון מיטעלשטאַנד מוז האָבען אַזאַ מין טאַקטיק: צו שטיצען ווי ווייט עס איז נור מעגליך אַלץ, וואָס עס מאַכט אין פלוג מעכטיג די מלוכה און דעם קאַפּיטאַל: די אַרמעע, דעם פלאָט, די קאָלאָניעס.

אַ גרויסער טייל פון מיטעלשטאַנד, ווי די קליינע פאַבריקאַנטען, די בעל־מלאכה׳ס וואָס האַלטען געזעלען, די פויערים וואָס האַלטען פאַרמאַבקעס און די פיעל קרעמער, לעבט הוץ־דעם דירעקט פון עקספּלואַטירען די אַרבייטער. אין דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבייטער זענען זיי שותפים מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטען. און זיי פיהלען עס טאַקי; זיי פיהלען, אַז גרעסערע הוצאות אויף סאָציאַלע רעפאָרמען וועט זיין פאַר זיי אַ צרה, וועט שווערער מאַכען זייער עקזיסטענץ — און דעריבער קעמפען זיי געגען די אַרבייטער.

דירעקט האָט אַלזאָ אַ גרויסער טייל פון מיטעלשטאַנד קיין שום אינ־טערעס נישט אין מיליטאַריזם. אָבער ער האָט דערין אַנ׳אינדירעקטע; אינטערעס. דערפאַר האָט ער אַ דירעקטען אינטערעס אין דער עקספּלואַ-טאַציע פון די אַרבייטער.

אַזוי זעהט עס אויס מיט יענעם טייל פון מיטעלשטאַנד, וועלכער האָט פון די קאַפּיטאַליסטען מעהר טובות ווי רעות.

אַנדערש איז אָבער מיט דעם טייל, וואָס שטעהט נעהנטער צום פּראָ־לעטאַריאַט. דער קליינער פּויער, דער קליינער אַרענדאַטאָר, דער קליינער האַנדווערקער, דער קליינער קרעמער, דער קליינער בעאַמטער מיט׳ן קליינעם געהאַלט—אויך זיי הענגען-אָב אַלע פון׳ם קאַפּיטאַל, אָבער בלויז אַזויפיל, אויף וויפיל זיי ווערען פון איהם דערדריקט. קיין קרעדיט האָבען זיי נישט; דאַ-געגען זענען זיי מקורב צום פּראָלעטאַריאַט, דען אָפט מוזען זיי לעבען פון זיין קונדשאַפט. זיי זענען אַלזאָ געגען דעם מיליטאַריזם און זיי זענען, הגם נישט אַזוי פעסט ווי די אַרבייטער, פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען.

און אין דער מאָס, וואָס די ענטוויקלונג פון דער טעכניק פערגרעסערט דעם פּראָלעטאַריאַט און עס שטאַרקט-זיך די געפאַהר פאַר׳ן אָרימען מיטעל-קלאַס אַריינצופאַלען אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט און עס ווערט שווע-רער דער דרוק פון דער מלוכה און פון׳ם קאַפּיטאַל—אין דער אייגענער מאָס ענדערט-זיך אויך דאָס דענקען פון די דאָזיגע שיכטען פון מיטעלשטאַנד; זייער ווילען ווענדעט-זיך אַלץ מעהר געגען קאַפּיטאַל.

דער דאָזיגער טייל פון מיטעלשטאַנד האָט אַלזאָ נישט קיין דירעקטען אינטערעס, אָבער ער האָט דערפאַר אַנ׳אינדירעקטען אינטערעס אין סאָציאַ-לע רעפאָרמען.

און אַזוי־ווי די אויבערשטע שיכטען פון׳ם מיטעלשטאַנד האָבען נישט קיין דירעקטען אינטערעס אינ׳ם גרויס-קאַפּיטאַל, און די אונטערשטע שיכטען האָבען נישט קיין דירעקטען אינטערעס אין סאָציאַלע רעפאָרמען, איז דער־פאַר דאָס פּאָליטישע דענקען פון די דאָזיגע אַלע שיכטען עפּעס נישט-זיכער און וואַקעלדיג. עס קומט פאָר אַמאָל, אַז די העכערע שיכטען זענען אַביסעל נוטה מעהר אויף דער זייט פון די אַרבייטער, און אַמאָל קומט ווידער פאָר, אַז די נידעריגע שיכטען זענען גאָר נוטה עפּעס מעהר אויף דער זייט פון׳ם קאַפּיטאַליסטישען אינטערעס, אמת נישט אויף אַ לענגערע צייט. אויך ווערען לייכט די דאָזיגע שיכטען אַ שפּילכעל אין די הענד פון אויפגעקומענע פּאַר-שוינען און אינטריגאַנטען.

קלאָר שפּיגעלט זיך דאָ אָב די ווירקונג פון די פּראָדוקציאָנס־ און איי־גענטום־בעציהונגען

דער אַרבייטער־קלאַס—דאַכט זיך, אַז מען דאַרף עס גאָר נישט זאָגען—האָט נישט סיי קיין דירעקטען סיי קיין אינדירעקטען אינטערעס אין אימפּע-ריאַליזם, מיליטאַריזם און קאָלאָניאַל-פּאָליטיק. די דאָזיגע אַלע זאַכען עקספּלואַ-

טירען דעם אַרבייטער און מאַכען שוועריג אָדער אונמעגליך די ערנסטע סאָציאַלע רעפאָרמען. קריעג און נאַציאָנאַלע קינאה ברעכען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער, יענס גרויטע געוועהר, מיט וועלכער זיי וועלען בעזיעגען דעם קאַפּיטאַליזם, אַזוי ווי מיר וועלען נאָך ווייטער ווייזען.

אימפּעריאַליזם און מיליטאַריזם זענען די פערצערטעלטע, אָבגעהיטע פאַוואָריטען פון דער בורזשואַזיע—אָבער די טויט-פיינד פונ'ם פּראָלעטאַריאַט. ווידער דער מיטעלקלאַס וואַקעלט-זיך צווישען ליבע און האַס צו די דאָזיגע אָבשיקענישען, און דער גרעסטער טייל פון מיטעלקלאַס לויפט-נאָך די מעכטיגע.

אַ ראַדיקאַלע סאָציאַלע רעפאָרם איז די זאַך, פאַר וועלכער די רייכע פערמעגליכע ציטערען ווי פאַר אַ רוח, און פאַר די אַרבייטער איז זי אַ שפרונגברעט צו דער מאַכט. אָבער דער מיטעלקלאַס שלעפּט-זיך-אַרום ווי אַ צעמישטער אַהין און אַהער.

אַזוי שפּיגלען-זיך-אָב די פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען אין די פּאָליטישע אידעען פון די קלאַסען. דען די מאָדערנע טעכניק ברענגט דעם גרויס-קאַפּיטאַל דעם מאָנאָפּאָל, די גרויסע רייכטימער; זי מאַכט דעם מיטעלקלאַס אָבהענגיג פונ'ם קאַפּיטאַל אָדער זי לאָזט איהם אַרומשוועבען צווישען פערמעגליכקייט און אָרימקייט; ביי די פּראָלעטאַריער נעהמט זי אַוועק יעדע פּערזענליכע פערמעגליכקייט, יעדע פּערזענליכע מאַכט.

דאָס פּאָליטישע דענקען פון די קלאַסען איז דער גייסטיגער רעפלעקס (אָבשפּיגלונג) פון דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס מיט זיינע אייגענטום-בעציהונגען.

אַ טענה.

עס קומט-אויס שטאַרק מעכאַניש, אַז גאַנצע קלאַסען פון דענקענדע מענשען זאָלען זיין געניטיגט צו דענקען אַלע דאָס אייגענע. אויך די געגנער פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם שטעלען-אַרויס די דאָזיגע טענה.

אָבער ווער עס פערקלעהרט-זיך וועניגסטענס אויף אַ ווײַלע וועגען דעם פאַקט, אַז די קלאַסען ווערען געטריבען דורך זייער **אינטערעס**, אַז זייער קלאַסען-אינטערעס איז פאַר זיי די פראַגע פון זייער זיין אָדער נישט-זיין אַלס קלאַס—דער וועט זיך נישט וואונדערן און דעם וועט די דאָזיגע טענה וועניג-וואָס אַהרען. **דען די קלאַסען גופא פערטיידיגען זייער עקזיסטענץ.** אויב דער יחיד, דער איינצעלנער מענש, מוז אָנווענדען אַלץ וואָס איז מעגליך, כדי צו דערהאַלטען זיין עקזיסטענץ—אַ פשיטא שוין אַ קלאַס, וואָס איז דורך זיין צוזאַמענווירקונג און זיין געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע טויזענד מאָל שטאַרקער פאַר'ן יחיד, פאַר'ן איינצעלנעם מענש.

נאָר יעדער מענש קעמפט סוף-כל-סוף דעם פּאָליטישען קלאַסען-קאַמף לויט זיינער פעהיגקייטען. דער אַרבייטער דאַרף ווידער-אַמאָל בלויז אין זיין סביבה זיך אַרומקוקען, כדי זיך צו איבערצייגען, אַז דער ליכטיגער, פייערדיגער גייסט און דאָס וואַרימע האַרץ געהט ענדער נאָך דעם רוף פון דער

ענטוויקעלטער טעכניק, ווי די שלאָפּמיץ, דער בטלן, דער פּהדן. די רעוואָ-לוציע פון דער טעכניק מאַרשירט שנעל, די מענשען געהען-נאָך אַביסעל לאַנגזאַמער אָבער סוף-כל-סוף קומט-נאָך די מאַסע, סוף-כל-סוף קומען-נאָך אַלע. דער כח פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטיוו-קרעפטען איז אַלמעכטיג.

מען טאַפּט כמעט אָן מיט דער האַנד די ערשיינונג, ווי מיליאָנען פּראָ-לעטאַריער, געהען אויפ'ן רוף פון דער מאָדערנער טעכניק תחילת לאַנגזאַם, דערנאָך אַלץ גיכער און געהען-אַריבער מחנות-וויז צו דער סאָציאַל-דעמאָ-קראַטיע.

דער יחיד (דער איינצעלנער מענש) האָט אַלזאָ אַ גרויסע בעדייטונג אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט; די ענערגישע, די פייערדיגע, די עמפּפינדליכע, די געניאַלע, די איבערגעבענע פערגיכערען דעם גאַנג פון אַ קלאַס, אין דער צייט וואָס די נאַרישע, די פוילע און גלייכגילטיגע פערצע-גערען איהם. אָבער קיין שום מענש, ווי געניאַל, איבערגעגעבען אָדער פייערדיג ער זאָל נישט זיין, קאָן נישט געבען דער געזעלשאַפט אַזאַ ריכטונג, וואָס זאָל זיין געגען דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, און קיין שום טיפּש אָדער פוילענצער אָדער סתם בטלן קאָן דעם שטראָם נישט פערהאַלטען. דאָס גע-זעלשאַפטליכע לעבען איז אַלמעכטיג. דער יחיד, וועלכער שטעלט זיך איהם אַנטקעגען, ווערט צעשמעטערט. און דאָס דאַרף מען נאָך אויך וויסען, אַז — דער ווידערשטאַנד גופא פונ'ם איינצעלנעם מענשען ווערט אויך בעשטימט דורך דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען.

ה. זיטען און מאָראַל

אַצינד זענען מיר שוין פאַרטיג מיט די אַזוי-גערופענע נידריגע געבי-טען פונ'ם גייסט און מיר האַלטען ביי די אַזוי-גערופענע העכערע: די זיטען, די זיטליכקייט (מאָראַל), די רעליגיע, די פילאָזאָפיע, די קונסט. די דאָזיגע געביטען ווערען דורך די הערשענדע קלאַסען געשטעלט העכער פאַר די ער-שטע, ווייל יענע האָבען נאָך צופיעל שייכות מיט דער מאַטעריע, אָבער די דאָזיגע „העכערע" ווייזען-אויס צו שוועבען הויך איבער אַלץ וואָס איז מאַטעריעל, איבער אַלץ וואָס איז חומר און גשמיות. דאָס רעכט, די פּאָליטיק, די נאַטור-וויסענשאַפט, ווי הויך זיי שטעהען נישט גייסטיג, בעהאַנ-דלען דאָך בלויז די ערדישע, מאַטעריעלע, אָפט געמיינע, מיאוסע ענינים. אָבער פילאָזאָפיע, רעליגיע, מאָראַל, קונסט ווייזען-אויס צו זיין ריין גייסטיג, שען און הימליש. אַן'אַדוואָקאַט, אַ פּאָליטישער טהוער, אַן' אינזשעניער אָדער לעהרער זעהען-אויס וועניגער דערהויבען ווי אַ קינסטלער, אַ רב און אַ פילאָזאָף.

מיר האָבען אַ קנאַפּען חשק מסכים צו זיין אויף דער דאָזיגער איינ-טיילונג. אָבער אמת איז, אַז אויך פאַר אונז זענען די קונסט, די פילאָזאָפיע,

די רעליגיע און די מאָראַל שווערליכע געביטען. דווקא דערפאַר, וואָס די הערשענדע קלאַסען האָבען פון די דאָזיגע געביטען געמאַכט איבערנאַטירליכע ווינקעלעך, וואָס האָבען נישט קיין שום שייכות מיט דער ערד, מיט דער געזעלשאַפט און זענען ריין גייסטיג, און ווייל די דאָזיגע מיינונג האָט זיך אַריינגעכאַפּט ווי אַ פאָראורטייל אין אַלע מוחות, דערום איז עס שווערער פאַרצושטעלען אויך דאָ דעם צוזאַמענהאַנג, די שייכות צווישען דעם דענקען און דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. מיר וועלען זיך דאָ מוזען צווינגען מסביר צו זיין דעם ענין דאָפּעלט קלאָר.

מיר הויבען־אָן מיט דעם סאַמע איינפאַכען פון די דאָזיגע פיער געביטען: די זיטען.

דאָ מוז מען שאַרף אונטערשיידען צווישען זיטען און זיטליכקייט. אַ זיטע (מנהג) איז אַ פאַרשריפט פאַר בעשטימטע פאַלען, זיטליכקייט—דאָס איז שוין עפּעס אַלגעמיינעס. ביי ציוויליזירטע פעלקער איז צום ביישפּיל אַ זיטע נישט צו געהן נאַקעט; זיטליכקייט איז צום ביישפּיל דער ואהבת לרעך כמוך (ליעבען דעם נאָהענטען ווי זיך צליין). דאָס וועניגער איינפאַכע, די זיטליכקייט, די מאָראַל, וועלען מיר בעהאַנדלען נאָך די זיטען.

צוויי קלאָרע, זעהר אַלגעמיינע ביישפּילען פון אונזער אייגענער צייט, פון דעם, וואָס דער אַרבייטער זעהט טאָג־טעגליך פאַר זיינע אויגען, בעווייזען, ווי שטאַרק די זיטע ווערט געענדערט דורך דער ענדערונג אין די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען.

פריהער איז געווען אַ זיטע, אַז דער אַרבייטער-קלאַס זאָל נישט דאגה'ן איבער די עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען. נישט בלויז וואָס די אַרבייטער האָבען נישט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף דער רעגירונג, נאָר אפילו די געדאַנקען פון די אַרבייטער האָבען זיך אויך נישט פערנומען מיט איהר. זיי האָבען זיי, הייסט עס, אפילו אויפ'ן רעיון נישט אַרויפגענומען. בלויז אין צייטען פון אַ גרויסער שפּאַנונג, אין דער צייט פון אַ קריעג מיט אויסלאַנד אָדער ווען הערשער, אַריסטאָקראַטען, גייסטליכע און בורזשואַזיע האָבען געקעמפּט צווישען זיך,—דעמאָלט זענען אויך די אַרבייטער-מאַסען אויפמערקזאַם געוואָרען און האָבען זיך פעראינטערעסירט; דעמאָלט האָט יעדער צד געפּרובט צו געווינען די אַרבייטער פאַר זיך, דעמאָלט זענען געווען מאָמענטען, ווען די אַרבייטער האָבען געפיהלט, אַז אויך זייער אינטערעס שטעהט אין קאָן; דעמאָלט האָבען זיי מיטגעמאַכט די קאַמפען אָדער האָבען זיך געלאָזט אויסנוצען. אָבער וועגען אַ דויערהאַפטיגען פּאָליטישען לעבען איז ביי זיי קיין רייד נישט געווען.

אַצינד איז דאָס אַלץ גאָר אַנדערש. זעהר פיעל אַרבייטער, נישט בלויז וואָס זיי לעבען-מיט דאָס פּאָליטישע לעבען, נאָר אין די לענדער, וואו די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט שוין געלערנט דעם פּראָלעטאַריאַט, איז דער פּראָ-

לעטאַריאַט געוואָרען אַ קלאַס, וועלכער בעטייליגט זיך אין דער פּאָליטיק צום שטאַרקסטען.

און נאָך אַ ביישפּיל:

פריהער איז געווען אַ גוטע זיטע, אַז דער אַרבייטער זאָל אין אָוועַנד זיצען אינדערהיים, איצט איז אַ זיטע—און וואָס אַמאָל אַלץ מעהר,—אַז דער אַרבייטער זאָל אין אָוועַנד געהן אויף אַ פערזאַמלונג פון זיין פאַך, פון זיין פּאַרטיי אָדער פון אַ פּראָלעטאַרישען בילדונגס-פעראיין.

די דאָזיגע זיטען נעהמען-זיך פונ׳ם קלאַסען-אינטערעס, און דער קלאַסען-אינטערעס נעהמט-זיך פון די אייגענטום-בעציהונגען. פריהער זענען נאָך חוץ דעם די הערשענדע קלאַסען געווען פעראינטערעסירט, אַז די אַרבייטער זאָלען זיין שפּאָרזאַם, רוהיג, בעשיידען, הכנעה׳דיג און זאָלען זיך-פערנעהמען מיט פּאָליטיק בלויז אין ספּעציעלע מאָמענטען. און ווייל דער אַרבייטער-קלאַס איז צוליב דער דאַמאָלסדיגער טעכניק שוואַך געווען, האָט ער דער-לאָזט, אַז די הערשענדע קלאַסען זאָלען איהם דאָס אַריינקלאַפּען אין קאָפּ. און די דיענער פון די הערשער, די מגידים, די שולען, און שפּעטער אויך די צייטונגען האָבען שטענדיג גע׳דרש׳נט און געלערנט דאָס אייגענע.

אַצינד איז אָבער דער קלאַסען-אינטערעס פון די אַרבייטער געוואָרען אַן׳אַנדערער; די טעכניק האָט איהם געענדערט, און גלייכצייטיג האָט זי די אַרבייטער געמאַכט גענוג שטאַרק, אַז זיי זאָלען מעהר נישט הערען דאָס וואָס עס זאָגען די פּני, די אדונים. דורך דעם קלאַסען-אינטערעס האָט די זיטע אָנגענומען אַן׳אַנדער כאַראַקטער: דער וואָס איז נישט אָרגאַניזירט—דער איז אַצינד אַ טעמפּער, גלייכגילטיגער, אַ שלעכטער אַרבייטער; דאַגעגען דער ענערגישער אָרגאַניזאַציע-מענש איז דער גוטער אַרבייטער.

וואָרן—יעדען איינעם איז קלאָר, נישט וואָהר?—לויט דער זיטע נאָך, לויט ווי עס איז אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט, רופט מען עמיצען אָדער עפּעס—„גוט" אָדער „שלעכט".

אַצינד איז גוט דווקא דאָס, וואָס איז דער היפּך פון דעם וואָס איז פריהער גוט געווען. געהן אויף דער גאַס אַרויס, אויף אַ פערזאַמלונג, אויף אַ דעמאָנסטראַציע—דאָס איז אַצינד גוט. דען די טעכניק גיט איצט דעם אַרבייטער-קלאַס די זיכערע האָפנונג אויף דעם זיעג, און דער זיעג פון די אַרבייטער איז גוט פאַר זיי און גוט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט.

ווען עמיץ זאָגט, אַז די בעגריפען וועגען גוט און שלעכט האָבען זיך אין פערשידענע צייטען געענדערט, נישט אַלעמאָל געווען די אייגענע—האָט דערויף די בורזשואזיע שטאַרק פּאַראיבעל. אָבער ווער עס וויל בעטראַכטען די פאַקטען רוהיג, אָהן צביעות און אָהן אַ שום „וצדקתך", דער וועט בע-מערקען, אַז פערשידענע פעלקער און קלאַסען—אָדער איין פאָלק פּי איין קלאַס אין פערשידענע צייטען—האָבען איינע און דיזעלבע זאַכען גערופען אַמאָל גוט און אַמאָל שלעכט. די גאַנצע געשיכטע איז פול דערמיט. דאָ ווייזען

מיר בלויז אָן אויף די זײַטען, וועלכע רעגולירען די בעציהונג פון די ביידע געשלעכטער (דאָס מענער-געשלעכט און דאָס פרויען-געשלעכט) און דאָס חתונה-האָבען; עס איז געווען בעוואוסט, אַז ביי פערשידענע פעלקער און קלאַסען אָדער אין פערשידענע צייטען זענען די דאָזיגע זײַטען פ ע ר ש י ד ע ן.

נעהמען מיר אַצינד נאָך אַן אַנדער, זעהר אַלגעמיינעם בײַשפּיל פון אונזער אייגענער צייט. אויסער דעם פאַרוועהרטס-שטרעבענדען אַרבייטער-קלאַס איז פאַרהאַן נאָך אַ גרויסער טייל פון דער מענשהייט, וועלכער זוכט די פריי-הייט אין דער געזעלשאַפט: די פרויען.—אָבער פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס די פרויען, וואָס בסך-הכל אָט דאָ-נישט-לאַנג זענען זיי ערצויגען געוואָרען בלויז צו שטוביגער בעל-הבית׳ישקייט און צום חתונה האָבען, האָבען איצט אין די הונדערטער אָנגעהויבען זוכען נאָך אַן׳אַנדער ציעל: אַן׳אַרבייטס-פעלד אין דער געזעלשאַפט?

ביי דער פּראָלעטאַרישער פרוי האָט זיך עס גענומען פון דער גרויס-אינדוסטריע. די אַרבייט ביי דער מאַשין איז אָפט אַזוי לייכט—הגם דורך דער לאַנגער אַרבייט ווערט זי שווער,—אַז פרויען און מיידלעך קאָנען זי אויס-פיהרען. ז׳עם פאַבריקאַנטס פערדינסטען, זיין אַרבייטס-לויהן, האָבען נישט גע-קלעקט אויף צום לעבען; פרויען און קינדער האָבען געמוזט געהן אויף דער פאַבריק, כדי צו פערדינען און די פאַמיליע זאָל האָבען פרנסה. אַזוי-אַרום זענען די פּראָלעטאַרישע פרויען אַריינגעקומען אין די אינדוסטריע און זייער צאָהל האָט זיך פערגרעסערט אַלץ מעהר און מעהר.

און דורכדעם האָט זיך געענדערט ביי די דאָזיגע פרויען דער אינהאַלט פון גייסט!

דער סאָציאַליסטישער געדאַנק, אַ רעזולטאַט פון דער אַ ר ב יי ט וואָס זיי טהוען, איז אַריינגעדרונגען אויך אין זייערע קעפּ. אין עטליכע לענדער, ווי אין דייטשלאַנד צום בײַשפּיל, האָבען שוין די פּראָלעטאַרישע פרויען דורכ-געמאַכט אַ היבשע שטרעקע אויף דעם וועג פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַני-זאַציע; אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבען זיי אָנגעהויבען צו געהן מיט דעם דאָזיגען וועג. די אַרבייטער-פרוי, די יונגע אַרבייטערין זענען גע-וואָרען מיט-קעמפּפערינס פונ׳ם מאַנספּערשוין אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי און אינ׳ם פּראָפעסיאָנעלען פעראיין! וואָס פאַר אַן׳אונטערשייד איז עס געגען פריהער, ווען די פרוי האָט פערריכט די מלבושים, געוואַשען וועש, געזאָרגט פאַר דער שטוביגער בעל-הבית׳ישקייט און פאַר די קינדער און מעהר גאָרנישט געטוהן!

ביי דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער-פרוי לעבט אויך דער געדאַנק וועגען אַ צייט, ווען דאָס מיידעל און די פרוי וועט זיין פ אָ ל ק אָ ם זעלבשטענ-דיג, פ אָ ל ק אָ ם פריי אַלס פּראָדוצענטין. אין דער געזעלשאַפט פון דער צו-קונפט וועט קיינער נישט האָבען קיין בעל-הבית איבער זיך, סיי די פרוי סיי דער מאַנספּערשוין, סיי אינ׳ם פאַמיליען-לעבען סיי אין דעם ווערקשטעל,

די איינצעלנע מענשען וועלען לעבען איינע נעבען די אַנדערע אַלס פרייע און גלייכע.

און אויך דער דאָזיגער געדאַנק איז אַריינגעגעבען געוואָרען דער פרוי דורך דעם פראָדוקציאָנס-פּראָצעס.

די בירגערליכע פרוי שטרעבט אויך נאָך בעפרייאונג. און אויך ביי איהר שטאַמט דער דאָזיגער געדאַנק פונ׳ם פראָדוקציאָנס-פּראָצעס. דען ווען די גרויס-אינדוסטריע איז אויפגעקומען, האָט זיך ערשטענס פערקלענערט די אַרבייט פון דער פרוי אין דער שטוביגער בעל-הבת׳ישקייט. וואָרן די גרויס-אינדוסטריע פּראָדוצירט די סאַמע פערשידענע זאַכען, ווי ליכט, קליידער, לעבענס-מיטלען, אַזוי ביליג, אַז מען וויל זיי שוין מעהר נישט מאַכען אָדער צוגרייטען אינדערהיים; צווייטענס איז די קאָנקורענץ געוואָרען אַזוי שאַרף, אַז די פרויען און טעכטער פונ׳ם קליינבירגערטום האָבען געמוזט מיט-פּערדיענען אויף פרנסה און זוכען שטעלעס אין דער שולע, אין קאָנטאָר, אין אַפּטייק א. אַז. וו.; דריטענס האָט זיך ביי דער בורזשואַזיע פערקלענערט די צאָהל חתונות צוליב דעם העפטיגען קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, צוליב די העכערע פּרעטענזיעס צום לעבען און די שטרעבונג נאָך תענוגים און לוקסוס, אַלץ רעזולטאַטען פונ׳ם מאָדערנעם פּראָדוקציאָנס-אופן.

דער גייסט פון דער בירגערליכער פריילין איז דערום נוטה צו אַ גרעסערער געזעלשאַפטליכער פרייהייט; איהר דענקען האָט זיך געענדערט. ווען מען זאָל זי פערגלייכען מיט איהר באָבען איז זי ממש אַ נייער מענש.

אין דער צייט וואָס די פּראָלעטאַרישע פרוי האָט אין זינען די בעפרייאונג פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט און דערמיט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט (דערצו ברענגט איהר דער פּלאַץ, וואָס זי פערנעהמט אינ׳ם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס), קלעהרט די בירגערליכע פרויענרעכטלערין בלויז וועגען דער בעפרייאונג פון דער בירגערליכער פרוי. זי וויל ברענגען די פרוי צו דער מאַכט אין דער בירגערליכער געזעלשאַפט גופא; זי וויל געבען דער פרוי אַ קאַפּיטאַליסטישע מאַכט—און דאָס, פערשטעהט זיך, איז מעגליך, ווען זי אונטערדריקט די אַרבייטער עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פונקט אַזוי שטאַרק, ווי דאָס טוהט אַצינד די מאַנסבילשע בורזשואַזיע.

די פרויענרעכטלערין וויל „נישט בעפרייען די פרוי פונ׳ם אייגענטום, נאָר זי וויל איהר פערשאַפען די פרייהייט פון אייגענטום, זי וויל איהר נישט בעפרייען פונ׳ם שמוץ פון יאָגען זיך נאָך געלד, נאָר זי וויל איהר געבען די פרייהייט פון דער קאָנקורענץ״. אָבער די אַרבייטער-פרוי וויל זיך און אַלע פרויען און אַלע מאַנסלייט בעפרייען פונ׳ם דרוק פון אייגענטום און פון דער קאָנקורענץ און מאַכען דורכדעם אַלע מענשען ווירקליך פריי.

הגם צווישען די אידעאַלען, מיט וועלכע עס זענען פול די קעפּ פון די דאָזיגע ביידע פרויען, איז פאַרהאַן אַזאַ חילוק, ווי צווישען די נאַכט-ליכטיגקייט מיט׳ן פולען זונען-שיין, שטאַמען אָבער דאָך די געדאַנקען פון די ביי-

דע פרויען — פונ׳ם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס; זיי אונטערשיידען זיך נאָר צוליב די פערשידענע אייגענטום-בעציהונגען, אין וועלכע דיביידע „שוועסטער" זע-נען געשטעלט.

די פולשטענדיגע בעפרייאונג פון דער פרוי, די בעפרייאונג פון די אַר-בייטער, די בעפרייאונג פון דער מענשהייט, וואָס פאַר אַ גליהענדע געפיהלען גיבען זיי אין אונז אַריין! וואָס פאַר אַ ליידענשאַפט און אימפּעט רופען זיי ביי מיליאָנען אַרויס, וואָס פאַר אַ קוואַלען ענערגיע לאָזען זיי אויפשטראָמען אין אונז! און וואָס פאַר אַ הערליכע גאָלדענע און רויזענרויטע טרוימען ברענ-גען זיי אונז אין די שעה׳ן פון רוה נאָכ׳ן קאַמף! דעמאָלט קאָן זיך דאַכטען, אַז דער גייסט פונ׳ם מענשען רופט-אַרויס מיט זיין אייגענעם כוח די דאָזי-גע גאַנצע ענערגיע, די דאָזיגע קאָכיגע קאַמפּס-לוסט און די דאָזיגע ענטפּי-קענדע טרוימען! אָבער, ליעבע פריינד, לאָמיר קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז דער דאָזיגער גוואַלטיגער ווילען פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, די דאָזיגע גליקליכ-קייט נאָך אַ זיעג און די אייזען-שטאַרקע האָפנונג נאָך אַ מפּלה, דער דאָזיגער ריעזיגער אידעאַליזם פון די אַרבייטער — דער העכסטער, ברייטסטער און הער-ליכסטער אויסדרוק פונ׳ם גייסט, וואָס איז נאָר ווען-עס-איז געווען אויף דער וועלט, ווייל ער איז אין העכסטען גראַד בעוואוסטזיניג און אויפ׳ן טיעפסטען אופן אידעאַליסטיש — אַז די דאָזיגע שענסטע גייסטיגע ערשיינונגען זענען צו-בויפגעוואַקסען מיט דער אַרבייט, מיט׳ן ווערקצייג, וועלכע האָבען דעם וואָרצעל זייערען פעסט אין דער ערד, אין דעם גשמיות׳דיגען לעבען.

די דאָזיגע ביידע ביישפּילען בעווייזען לויט די צוויי סאַמע בעדייטענ-דע איבערקעהרענישען אין די זיטען פון אונזער צייט, ווי ריכטיג עס איז אונזער לעהרע פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם. אַצינד ווילען מיר אַריבער-געהן צו דער אַלגעמיינער זיטליכקייט, צו דער מאָראַל.

נאָר דערוויל, כדי צו פערלייכטערן דאָס אַריבערגעהן דערצו און אַלזאָ פערשטענדליכער מאַכען די גאַנצע טעמע, ווילען מיר קודם נעהמען נאָך אַ ביישפּיל, וועלכער געהערט שוין נישט צו די זיטען פון דער אַלטעגליכער אַרבייט, ווי למשל דאָס בעזונדערע די אַרבייטער-פערזאַמלונגען און די אַרבייט פון פרויען אין ביוראָס, קאָנטאָרען א. אַז. וו. — אָבער ער געהערט אויך נישט צו יענע כלומרשט אַלערהעכסטע געביטען פון זיטליכקייט, ווי די ליעבע צום צווייטען, די ליעבע צום אמת א. אַז. וו.

דער דאָזיגער ביישפּיל, וואָס מיר נעהמען אַלס אַנ׳אַריבערגאַנג, איז די ליעבע צום פאָטערלאַנד, דער פּאַטריאָטיזם.

אויך אין דעם דאָזיגען געפיהל, אין דעם דאָזיגען געדאַנק זעהען מיר אין אונזער אייגענער צייט, ווי עס קומט-פאָר אַ גוואַלטיגע איבערקעהרעניש און ווידער-אַמאָל גרעסטענטיילס דערהויפּט ביי די אַרבייטער.

פריהער, ווען דער אַרבייטער־קלאַס איז נאָך נישט געווען כמעט קיין שום זעלבשטענדיגע געזעלשאַפטליכע מאַכט, איז ער געווען פּאַטריאָטיש, דאָס הייסט: ער האָט נישט געוואוסט צו טוהן עפּעס בעסערס, ווי נאָכגעהן נאָך די הערשענדע קלאַסען פון זיין לאַנד אין דעם קאַמף געגען אויסלענדישע מלוכות. אמת, עס לעגט זיך נישט שטאַרק אויפ׳ן שכל, אַז די דאַמאָלסדיגע פּראָלעטאַריער און די קינדער פון דעם דאַמאָלסדיגען פויערים- און בירגער-שטאַנד, וועלכע האָבען זיך געלאָזט רעקרוטירען פאַר דער אַרמעע אָדער פאַר׳ן פלאָט, האָבען דאָס געטוהן פאַר גרויס ליעבע צום פאָטערלאַנד. דער גרעסטער טייל האָט עס געטוהן צוליב צוואַנג און נויט, צוליב דעם וואָס זיי האָבען נישט געהאַט קיין אַנדער בעסער פערדינסט—אָבער די אַרבייטענדע קלאַסען האָבען דענסטמאָל נישט געוואוסט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, אַז אַזוי געהער צו זיין, וועניגסטענס אַז אַזוי מוז זיין. דער געדאַנק, אַז זיי קאָנען אַלס זעלבשטענדיגע מאַכט ערקלערען זיך געגען קריעג און שטערען דעם קריעג, אפילו ווען די רעגירענדע קלאַסען ווילען איהם יאָ, איז זיי גאָר אין קאָפּ נישט אַריינגעקומען; ווייל פּאָליטיש און עקאָנאָמיש זענען זיי דאָך געווען געבונדען מיט די דאָזיגע קלאַסען. סיי אין דער צאָהל, סיי אין דער אָרגאַניזאַציע זענען זיי נישט געווען גענוג שטאַרק, אויף צו האָבען אַנ׳אייגענעם געדאַנק וועגען דעם דאָזיגען פּונקט, אַפּשיטא שוין אויף צו פערווירקליכען אַזאַ געדאַנק אין לעבען. אפילו ווען זיי האָבען געקעמפט פאַר׳ן דערהאַלטען דעם שלום, האָבען זיי עס געוועהנליך געטוהן אַלס נאָכשלעפּערס פון אַ טייל פון די הערשענדע קלאַסען, וועלכער האָט געהאַט פון שלום מעהר נוצען ווי פון קריעג, און געטוהן האָבען זיי עס אונטער דעם לאָזונג, אַז אַזוי איז גוט פאַר׳ן פאָטערלאַנד, אַז דער דאָזיגער געדאַנק און די דאָזיגע טהאַט זענען די אמת׳ע פאָטערלאַנדס-ליעבע, דער אמת׳ער פּאַטריאָטיזם.

אין דער אמת׳ן איז דער קריעג אָדער דער דאָזיגער פּאַטריאָטיזם אין אַלגעמיין געווען אָפט פאַר די אַרבייטענדע קלאַסען זעהר נישט נוצליך און גאָר אַ קנאַפּע טובה. דענסטמאָל, פּונקט אַזוי ווי איצט, האָבען זיי עס אָפט בעצאָהלט פאַר דער דאָזיגער טובה מיט זייער בלוט, זייער לעבען, זייער קליינעם פערמעגען, וואָס מען האָט ביי זיי אָבגענומען דורך שווערע שטייערן אָדער חרוב געמאַכט דורך דעם קריעג. אָבער פון דעסטוועגען האָבען זיי אין זייערע מיינונגען זיך־נאָכגעשלעפּט נאָך די הערשענדע קלאַסען און האָבען איבערגענומען די לאָזונגען, וואָס יענע האָבען גע׳דרשנ׳ט, ווי: ליעבע צו דער אונאָבהענגיגקייט פון לאַנד, ליעבע צום פאָטערלאַנד אָדער צו דער דינאַסטיע, און האָבען געגען דעם נישט אַרויסגעשטעלט קיין שום אַנדערע בעשטימטע לאָזונגען.

אָבער ווי האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט! אין אַלע לענדער וואַקסט מיט יעדען טאָג די צאָהל אַרבייטער, וועלכע זעהען־איין, אַז מלחמות געגען ציוויליזירטע און נישט־ציוויליזירטע פעלקער ווערען געפיהרט בלויז פאַר דער

טובה פון דער בורזשואַזיע; אַז די בורזשואַזיע דרש׳נט פאַר די אַרבייטער וועגען פּאַטריאָטיזם, וועגען פאָטערלאַנדס-ליעבע, כּדי זי זאָל זיי קאָנען האָבען אַלס שטילע נאָכגעביגע קריעגס-ווערקצייג אין איהרע הענד; אַז דער צוועק און דער רעזולטאַט פון אַלע מלחמות איז אַ פערשטאַרקטע עקספּלואַטאַציע פונ׳ם אַרבייטער-קלאַס אָדער אַ פערברייטערונג פון דער עקספּלואַטאַציע אויף נאָך מעהר אַרבייטער; אַז אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף פון די פעלקער איז אַ געפאַהר פאַר די אַרבייטער סיי פונ׳ם זיעגענדען סיי פונ׳ם בעזיעגטען לאַנד.

„דער קריעג—אַזוי קלעהרט דער היינטיגער אַרבייטער—„ליעגט אין די אינטערעסען פון דעם בורזשוי. די פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַל, וואָס מען דאַרף דערין אַריינטהון, זענען געוואָרען אַזוי גרויס, אַז ער זוכט נייע מערק און פלעצער. וואו ער זאָל קאָנען אַריינלעגען זיין געלד און דורך דעם קריעג וויל ער אַנדערע פערדשטויסען אָדער האַלטען פון דערווייטענס. דאָס קאָן ער אָבער אויספיהרען בלויז דורכדעם, וואָס ער וועט נעהמען נאָך גרעסערע שטייערן, וואָס מיר וועט ער צאָהלען וואָס וועניגער לויהן, וועט מיך לאָזען אַרבייטען אינטענסיווער אָדער לענגער און וועט מיר נישט געבען קיין שום סאָציאַלע רעפאָרמען, אָדער בלויז שלעכטע רעפאָרמען. דאַגעגען אין מיין אינטערעס ליעגט, אַז איך זאָל האָבען אַ העכערען לויהן, אַ קירצערע אַרבייטס-צייט, גוטע סאָציאַלע געזעצען, נישט קיין פּאָשלינעס אויף לעבענס-מיטלען, נישט קיין שטייערן אויף געברויכס-אַרטיקלען. איך מוז דערום זיין געגען דעם קריעג. חוץ דעם ליעגט אין מיין אינטערעס, אַז אויך מיין חבר אויף יענער זייט גרענעץ זאָל האָבען די אייגענע פערבעסערונגען אין זיין לאַגע, ווייל אַזוי-אַרום וועט די היימישע אינדוסטריע נישט ליידען די קאָנקורענץ פון דער אויסלענדישער אינדוסטריע (וויבאַלד אין אויסלאַנד וועט מען נישט צאָהלען די אַרבייטער קיין הונגער-לויהנען); דעמאָלט וועט זיך דער פעראיין פון די דאָזיגע אויסלענדישע אַרבייטער פערשטאַרקען און איך קאָן לויט זייער מוסטער שטאַרק מאַכען מיין אייגענע אָרגאַניזאַציע און זאָגאַר זיי פערבינדען צוזאַמען אין איין אינטערנאַציאָנאַלען בונד. און ווען דאָרטען ווערט די פּאָליטישע פּאַרטיי מעכטיג, האָט עס די פּעולה, וואָס אויך מיר פלייסען־זיך, שטאַרק צו מאַכען אונזער פּאַרטיי, און מיר קאָנען קומען צו אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלער פעראייניגונג פון אַלע פּאָליטישע אַרבייטער-פּאַרטייען מיט איין און דעמזעלבען ציעל און מיט׳ן צוועק פון געגענזייטיגער אונטערשטיצונג. ברעכט אָבער אויס אַ קריעג, דעמאָלט ווערט אונזער און זייער עקאָנאָמישע קראַפט פערניכטעט און די בורזשואַזיע זייהט שינאה און קינאה צווישען אונז״.

די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פונ׳ם וועלט-האַנדעל האָט פערוואַנדעלט די אַרבייטער אין אַ זעלבשטענדיגע מאַכט, וועלכע איז אַליין אימשטאַנד צו דערגרייכען איהר ציעל. אָבער די אייגענע ענטוויקלונג, דורכדעם וואָס זי האָט געמאַכט דעם קאַפּיטאַל פאַר אַ מורא׳דיג גרויסע קראַפט,

וואָס הערשט אין אַלע לענדער—האָט געווירקט, אַז די אַרבייטער זאָלען קאָנען בייקומען דעם קאַפּיטאַל בלויז אויף אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלען וועג. עס לעגט זיך נישט אויפ׳ן שכל, אַז די אַרבייטער פון איין לאַנד זאָלען קאָנען בעזיעגען די קאַפּיטאַליסטען און דערביי זאָלען די קאַפּיטאַליסטען פון אַלע לענדער נישט טוהן אַלץ וואָס זיי קאָנען נור טוהן, כּדי צו העלפען זייערע קלאַסען-ברידער. דאָס זעהט זיך אַרויס שוין איצט קלאָר ווי דער טאָג אין די אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעהמער-פערבאַנדען. צוליב די דאָזיגע אַלע אורזאַכען און גרונדען האָבען די סאָציאַליסטישע אַרבייטער איינגעזעהן, אַז פאָטערלאַנדס-ליעבע, פּאַטריאָטיזם, איז נישט פאַר זיי מעהר קיין לאָזונג, נאָר אַז זייער לאָזונג מוז זיין די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער.

די טעכניק, דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס אויף דער איצטיגער הויך פון זיין ענטוויקלונג, מאַכט נויטווענדיג פאַר די קאַפּיטאַליסטען פון אַגעוויס לאַנד אָדער צו מאָנאָפּאָליזירען די מערק פון די קאָלאָניעס, אָדער געווינען פאַר זיך דערפון אַזאַ גרויסען טייל, ווי ס׳איז נור מעגליך.

די טעכניק, דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס אויף דער איצטיגער הויך פון זיין ענטוויקלונג, מאַכט נויטווענדיג פאַר די אַרבייטער פון אַגעוויס לאַנד צו שטעלען זיך געגען דעם, ווייל קריעג און קאָלאָניאַל-פּאָליטיק געהען שטענדיג צוזאַמען מיט אַ פערשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע פון פּראָלעטאַריאַט.

די טעכניק האָט די אינטערעסען פון אַלע קאַפּיטאַליסטען, הגם זיי קעמפען איינע מיט די אַנדערע צוליב די מערק, אויסגעגליכען דאָרטען, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דער אונטערדריקונג פון די אַרבייטער.

די טעכניק האָט די אַרבייטער פון אַלע לענדער אָרגאַניזירט און זיי געוויזען, אַז זיי אַלע האָבען איין און דעמזעלבען אינטערעס דאָרטען, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דער סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבייטער.

די פערמעגליכע זענען אַלזאָ פאַר קריעג און פאַר אונטערדריקונג פון די אַרבייטער; די אַרבייטער זענען פאַר אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלען שלום און אינטערנאַציאָנאַלע פעראייניגונג פון די אַרבייטער.

דער אַרבייטער-קלאַס איז אַלזאָ געוויס נישט פּאַטריאָטיש אינ׳ם זין פון דער בורזשואַזיע, אין יענעם זין, וואָס ווערט אַריינגעלעגט אין דעם דאָזיגען וואָרט ביי דער ממשלה פון קאַפּיטאַליזם און וועלכער בעדייט: ליעבע בלויז צום אייגענעם לאַנד, גרינגשעצונג, אַנטיפּאַטיע אָדער האַס צום פרעמדען לאַנד.

דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם איז פּאַטריאָטיש איינציג און אַליין צוליב דער תאווה פון געלד. ער האַלט נישט דעם פּאַטריאָטיזם טאַקי אין דער אמת׳ן פאַר אַ מצווה, פאַר אַ גוטע מידה, דאָס פאָטערלאַנד האַלט ער נישט פאַר הייליג. דען ער נעהמט דאָך צו דאָס פאָטערלאַנד ביי די טראַנסוואַלער, פיליפּינער, די איינוואוינער פון ענגליש און האָלענדיש אינדיען, ביי די כינעזער, מאַראָקאַנער א. אַז. וו. ער ברענגט-אַראָב פּאָליאַקען, גאַליציאַנער,

קראַנקען, כינעזער, כדי צו דריקען די לויהנען פון זיינע אייגענע לאַנדס-ברי-דער, די קינדער פונ'ם אייגענעם פאַטערלאַנד.

ער פאָדערט פון דעם אונטערדריקטען קלאַס אַ פאַטערלאַנדס-ליעבע, וועלכע ער אַליין פיהלט נישט. די פאַטערלאַנדס-ליעבע פון דער בורזשואַזיע איז געלד-תאווה און צביעות

אַזאַ מין פאַטערלאַנדס-ליעבע איז דעם סאָציאַליסטישען פראָלעטאַריאַט זיכער לחלוטין פרעמד.

אין תוך גענומען איז פרעמד דעם אַרבייטער יעדע פאַטערלאַנדס-ליע-בע, אַזוי ווי די בורזשואַזיע פערשטעהט עס.

פערשטעהט זיך, אַז דער אַרבייטער וויל אָבהיטען זיין שפּראַך, די אייג-ציגע, מיט וועלכער ער קען געפינען אַרבייט. אָבער דאָס איז נישט יענע פאַטערלאַנדס-ליעבע, וועלכע עס פערלאַנגט פון איהם די בורזשואַזיע. אויך דער אַרבייטער ליעבט די נאַטור, דעם קלימאַט, די לופט פון זיין לאַנד, אין וועלכע ער איז אויפגעוואַקסען פון קינדווייז-אויף. אָבער אויך דאָס איז נישט די פאַטערלאַנדס-ליעבע, וואָס די בורזשואַזיע פערלאַנגט פון איהם. די פאַ-טערלאַנדס-ליעבע, צו וועלכער די בורזשואַזיע וויל צווינגען דעם פּראָלעטאַ-ריאַט איז דאָס, אַז ער זאָל זיך מיט'ן גוטען ווילען לאָזען אויסנוצען דורך איהר אַלס אַ קריעגס-ווערקצייג און זאָל זיך לאָזען קוילענען פאַר איהר, ווען די פערטיידיגט איהרע אייגענע פּראָפיטען אָדער די רווחים פון אַנדערע קאַ-פּיטאַליסטען, אָדער ווען זי פּרובט אַוועקרויבען דאָס אייגענטום פון שוואַכע פעלקער. דאָס איז די בורזשואַזע פאַטערלאַנדס-ליעבע, און די דאָזיגע זאַך איז פאַר די סאָציאַליסטישע אַרבייטער לחלוטין פרעמד. אינ'ם זין פון דער בורזשואַזיע האָט נישט דער אַרבייטער קיין שום פאַטערלאַנד.

ביי אַלע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען פרעגט דער אַרבייטער: אין וואָס בעשטעהט דאָ דער אינטערעס פון די אַרבייטער, און דאָס, דאָס אַליין בעשטימט דעם אורטייל זיינעם.

און אַזוי ווי דער קלאַסען-אינטערעס פון די אַרבייטער, בכלל גענומען, פאָדערט צו דערהאַלטען דעם שלום, ווייזט זיך אַרויס די פּאָליטיק פון די אַרבייטער אַלס דאָס מיטעל צו דערהאַלטען אַלע נאַציאָנען. דען ווען דער שלום ווערט נישט געשטערט און דער אַרביי-טער-קלאַס אין אַלע לענדער זאָל צוקומען צום רודער, דעמאָלט בלייבט שוין מעהר נישט איבער קיין מעגליכקייט, אַז איין לאַנד זאָל אונטערטעניגען דאָס אַנדערע; דעמאָלט קען בלויז זיין אַ רייד וועגען אַ פאַמעליכדיגער פערשווינ-דונג פון גרענצען און דיפערענצען אויף אַן אָרגאַנישען וועג, אָהן געוואַלט-מיט-לען. אויף אַזויפיל בעוואָרענט בלויז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַ-טיע די עקזיסטענץ פון אַלע נאַציאָנען.

און אויך אין יענע פאַלען, וועלכע מען קען זיך פאָרשטעלען בלויז אַלס אַ גאַנץ זעלטענע זאַך, ווען דער פּראָלעטאַריאַט זאָל מסכים זיין אויף אַ

קריעג, וועט ער נישט געטריבען ווערען דערצו דורך דער פאַטערלאַנדס־ליע־בע פון דער בורזשואַזיע.

דער אַרבייטער-קלאַס, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט׳ן סאָציאַליזם, קאָן אַנטקעגען דעם שאָוויניסטישען פאַטריאָטיזם פון דער בורזשואַזיע, וועל־כער שטרעבט נאָך שמוציגע רווחים, און געגען איהרע צביעות׳דיגע שלום-קאָמעדיעס—רוהיג אַרויסשטעלען זיין ציעל: די אינטערנאַציאָנאַלע אחדות פון די אַרבייטער און דורכדעם די אחדות פון אַלע מענשען, דער אייביגער שלום פון אַלע פעלקער. דאָס ציעל פון דער בורזשואַזיע איז בעגרענצט, אַזוי ווי אַ לאַנד אָדער אַ לענדעל איז בעגרענצט אַנטקעגען דער גאַנצער ערד; אָבער חוץ דעם איז נאָך דאָס ציעל פון דער בורזשואַזיע פאַלש און נישט דער־גרייכבאַר—וואָרן די קאַפּיטאַליסטישע בעהערשער פון די פעלקער, וועלכע קעמ־פען צוליב דעם רויב, וועלען קעמפען איינע מיט די אַנדערע אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט זיין איבערהויפּט וואָס צו רויבען. דאָס ציעל פון דער סאָ־ציאַל-דעמאָקראַטיע איז דערהויבען און הערליך; אָבער חוץ דעם איז נאָך דאָס דאָזיגע ציעל אמת׳דיג און דערגרייכבאַר; דער אַרבייטער־קלאַס קאָן נישט ווינשען קיין אַנדער זאַך, ווי שלום צווישען די אַרבייטער פון אַלע פעלקער, ווייל דער דאָזיגער שלום איז זייער אינטערעס, מעהר נאָך: די פאַרבעדינ־גונגען פאַר זייער זיעג.

וואָס פאַר אַנ׳איבערקערעניש איז עס אַנטקעגען פריהער! דער אַרביי־טער פון דעמאָלט, וועלכער האָט שקלאַפּעריש נאָכגעקלעהרט די בעגרענצטע געדאַנקען פון זיינע מייסטערס; און דער אַרבייטער פון היינט, וואָס נעהמט־אַרום די וועלט, די גאַנצע מענשהייט, אונאָבהענגיג פון זיינע מייסטערס און קעמפענד געגען זיי.

און צו דער דאָזיגער גאַנצער איבערקערעניש האָט געבראַכט די מאַ־שין; איהר האָט מען עס צו פערדאַנקען; זי האָט די מיליאָנען פּראָלעטאַ־ריער געשאַפען און זיי אָרגאַניזירט.

בעמערקונג.

אריבען האָבען מיר ערקלערט, אַז די פאַטערלאַנדס-ליעבע פון די אַר־בייטענדע קלאַסען איז פריהער אַרויסגעקומען נישט דירעקט פון זייער איי־גענעם אינטערעס, נאָר פונ׳ם אינטערעס פון די הערשענדע קלאַסען, פון וועל־כע זיי זענען אָבהענגיג געווען. דאָס וועט מען שטענדיג קאָנען געפינען: אַזוי לאַנג ווי אַ קלאַס האָט נישט די קראַפט צו פערטיידיגען זיינע אמת׳די־גע טיעפסטע אייגענע אינטערעסען, אַזוי לאַנג ווי סוף-כל-סוף איז דער אינ־טערעס פון אַנ׳אַנדער קלאַס זיין אינטערעס, וועט ער אויך אין אַ גרויסען טייל פון זיין דענקען נאָכגעהן נאָך די הערשענדע קלאַסען. אַ קלאָרער ביי־שפּיל דערפון איז געווען דער פאַטריאָטיזם אין דער פריהערדיגער צייט—און

ביי אַסך איז ער נאָך היינט אַזוי, „די הערשענדע אידעען אין יעדער גע־וויסער צייט—זאָגט מאַרקס—זענען שטענדיג געווען די אידעען פון די הער־שענדע קלאַסען". אָבער וויבאַלד דער אונטערדריקטער קלאַס געפינט ,נור אַ געלעגענהייט, צום ביישפּיל אין צייטען פון אַ רעוואָלוציע, קומט ער אַרויס אויף דער סצענע מיט זיין אייגענעם טיעפסטען אינטערעס, ווייזט ער אַרויס זיין טיעפסטע נשמה און ווערט פּטור פון די אידעען, וואָס די הערשענדע האָבען איהם אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ. און אין דער מאָס, אין וועלכער אַ קלאַס ווערט כּסדר אַלץ שטאַרקער, אַזוי אַז ער קאָן אַליין פערטיידיגען זיי־נע אייגענע אינטערעסען, ווערט זיין געפיהלען- און געדאַנקען-וועלט אַלץ קרעפטיגער און סוף-כּל-סוף ווערט זי אויסגעדריקט דרייסט און אָפען אָהן שום פאַלשער שעמעוודיגקייט.

אַצינד געהען מיר אַריבער צו די „העכערע" געביטען פון דער מאָראַל. דער דראַנג פונ'ם אַרבייטער נאָך ענטוויקלונג, דער דראַנג פון דער פרוי נאָך געזעלשאַפטליכע גלייכבערעכטיגונג מיט'ן מאַנספערשוין, די פאָטערלאַנדס-ליע־בע—דאָס אַלץ זענען בלויז נידעריגע געפיהלען אַנטקעגען די נישט-אייגענני־ציגקייט, די ליעבע צום נאָהענטען, די מסירות-נפש (זעלבסט-אָפּפערונג), די טרייהייט, די עהרליכקייט, די ליעבע, די גערעכטיגקייט.

די דאָזיגע גוטע מידות געהערען צו דער העכערער מאָראַל, זיי זע־נען די מאָראַל אַליין.

ווי זעהט עס אויס מיט די דאָזיגע גוטע מידות? פון וואַנען נעהמען זיי זיך? צי זענען זיי אייביג, צי לעבען זיי תמיד גלייך אין דעם מענשענס האַרץ, אָדער זענען זיי אפשר פונקט אַזוי פערענדערליך ווי די אַלע אַנדע־רע גייסטיגע זאַכען, מיט וועלכע מיר האָבען זיך דאָ בעקענט?

שוין הונדערטער יאָהרען, זינט דער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַט און זיינע בני דורו האָבען זיי אָנגעהויבען שטעלען, זענען די דאָזיגע פראַגען געבליבען פאַר די מענשען נישט פערענטפערט.

און זיי שאַפען טאַקי פאַר אונז אַ בעזונדערע שוועריגקייט.

נעמליך, עס איז פאַרהאַן אַ שטים אין אונז, אין אונזער „נשמה", וועל־כע זאָגט אונז אין פיל פאַלען ד י ר ע ק ט, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט (טוב ורע).

טהאַטען פון ליעבע צום נאָהענטען, פון מסירות-נפש געשעהען פלוצלונג, פ ו ן ז י ך א ל י י ן, אויף דעם בעפעהל פון דער דאָזיגער שטים. ליעבע צום אמת, טרייהייט, עהרליכקייט, דאָס ווערט אונז דיקטירט בעפעהלעריש פון איהר אַליין. אונזער ג ע וו י ס ע ן קוועלט אונז, ווען מיר הערען נישט די דאָזיגע שטים. מיר ש ע מ ע ן זיך, מיר קאָנען די אויגען נישט ווייזען, ווען מיר האָבען נישט ג ו ט געהאַנדעלט, אפילו ווען קיינער ווייס עס נישט. דאָס זי־ט ע ן-ג ע ז ע ץ, די געבאָטען פון דער פ ל י כ ט לעבען אין אונז, הגם מען

קאָן זיי נישט גענוג ערקלערען דורך די ערציהונג און דורך דעם אייגענעם רצון.

דער דאָזיגער בעפעהלערישער און ספּאָנטאַנער כאַראַקטער איז אייגען ספּעציעל דער עטיק, דער זיטען-לעהרע. עס האָט איהם נישט קיין שום אַנדער געביט פון גייסט. סיי די נאַטור-וויסענשאַפט, סיי דאָס רעכט, נישט די פּאָליטיק, נישט די רעליגיע, נישט די פילאָזאָפיע, וואָס אַלע קאָנען זיי שטודירט ווערען און זיי קאָנען זיין אויך אַנדערש, ווי זיי זענען.

מען האָט געפּרובט אַרויסדריגען דאָס זיטען-געזעץ פון דער ערנאַהרונג פונ'ם מענשען גופא, פון זיין ערציהונג, זיינע געוואוינהייטען, זיין שטרעבען צו גליק, פון אַ ראַפינירטען עגאָאיזם אָדער פון סימפּאַטיע פאַר אַנדערע. אָבער אויף דעם דאָזיגען אופן איז נישט געלונגען צו ערקלערען — נישט פון וואַנען עס נעהמט זיך דאָס בעפעהלערישע אין דער שטים, וואָס רופט אונז צו ליעבען דעם אַנדערען, נישט די וואונדערליכע זאַך, וואָס דער מענש איז מקריב זיין אייגענע עקזיסטענץ, כדי צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון אַנדערע.

אַלזאָ, אַזוי ווי מען האָט נישט געקאָנט אַרויסדריגען די מאָראַל פון דער ווירקליכקייט, איז נישט איבערגעבליבען קיין אַנדער ברירה, ווי דער געוועהנליכער מקום-מקלט פון דער אונוויסענהייט: די רעליגיע. אַזוי ווי מען האָט נישט געקאָנט ערקלערען די מאָראַל דורך דאָס ערדישע לעבען, בוז זי דאָך שטאַמען פון דעם איבערנאַטירליכען. הייסט עס, אַז גאָט האָט אַריינגעגעבען דעם מענשען דעם חוש פאַר דאָס גוטע, דעם בעגריף וועגען „גוט״; דאָס שלעכטע ווידער שטאַמט פון דעם מענשען׳ס גשמיות׳דיגער נאַטור, פון דער מאַטעריעלער וועלט, פונ׳ם חומר, פון דער זינד.

די אונפערשטענדליכקייט פון וואַנען עס נעהמט-זיך דאָס „גוטע און שלעכטע״ (דער טוב ורע), איז איינע פון די אורזאַכען פון דער רעליגיע. די פילאָזאָפען פלאַטאָן און קאַנט האָבען אויפגעבויט דערויף אַנ'איבערנאַטירליכע וועלט. און אפילו נאָך איצט, ווען די נאַטור ווערט שוין פערשטאַנען אַזויפיל בעסער, ווען דער מהות פון דער געזעלשאַפט איז שוין פאַר די מענשען אַזויפיל קלאָרער — אפילו איצט איז די מאָראַל, דער דראַנג נאָך „דעם גוטען״, די אַנטיפּאַטיע צו „דעם שלעכטען״ נאָך אַלץ פאַר פיעל מענשען עפּעס אַזאַ מין וואונדערבאַרע זאַך, אַז זיי קאָנען עס ערקלערען בלויז מיט דער הילף פון אַ „גאָטהייט״. פאַרהאַן אַסך מאָדערנע מענשען, וואָס אויף צו ערקלערען די נאַטור-ערשיינונגען אָדער די געשיכטע דאַרפען זיי שוין נישט האָבען קיין גאָט — אָבער זיי מוזען אָנקומען דערצו צוליב דער „בעפרידיגונג פון זייערע עטישע בעדערפנישען״. און זיי זענען גערעכט: זיי פערשטעהען נישט סיי די אָבשטאַמונג סיי דעם מהות פון די גרויסע מאָראַלישע געבאָטען, און דאָס וואָס מען פערשטעהט נישט און מען האַלט עס דאָך פאַר דאָס אַלערהעכסטע — דאָס פערגעטערט מען.

און פון דעסטוועגען זענען די העכסטע מאראלישע געבאטען שוין א האלבע מאה יאהרען ערקלערט אין זייער מהות און אין זייער ווירקונג. דאס האט מען צו פערדאנקען צוויי פארשערס; דער איינער האט שטודירט דעם מענש אין זיין טיערישער (חיה׳שער) עקזיסטענץ, דער אנדערער אין זיין געזעלשאפטליכער עקזיסטענץ—דארווין און מארקס.

דארווין האט אויפגעוויזען, אז אלע ארגאניזמען פיהרען א קאמף פאר דער עקזיסטענץ געגען דער גאנצער נאטור, וואס רינגעלט זיי ארום, אז עס קאנען בלייבען עקזיסטירען בלויז יענע ארגאניזמען, וועלכע פערשאפען זיך די סאמע צוועקמעסיגע בעזונדערע ארגאנען זיך צו שיצען און זיך צו ערנעהרען, יענע ארגאניזמען, וואס זייערע ארגאנען וויזען־ארויס די בעסטע איינטיילונג פון דער ארבייט, יענע ארגאניזמען וועלכע פאסען־זיך־צו צום בעסטען צו דער אויסערליכע וועלט. א גרויסע גרופע פון דער ארגאנישער וועלט, די חיות, האט אין דעם קאמף און דורך דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ ענטוויקעלט אייגענע בעוועגונג און ערקענטניס־פעהיגקייט. צו דער ערקענטניס־פעהיגקייט געהערען: דאס אבסערווירען די איינצעלהייטען פון דער סביבה, דאס בעגרייפען די גלייכקייט און די פערשידענקייט פון ערשיינונגען אין דער סביבה און דאס געדענקען, וואס מען האט פריהער איבערגעלעבט. דורך דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ האבען די אינסטינקטען פון דער זעלבסטדערהאלטונג און פון שאפען א נייעם דור געמוזט כסדר אלץ שטארקער ווערען, פונקט אזוי ווי די איינטיילונג פון דער ארבייט, די זעלבסטבעוועגונג און דאס דענקען. דערמיט איז אויך געוואקסען דער אינסטינקט פון דער מוטער־ליעבע. ביי יענע חיות, וואס כדי צו קאנען פיהרען דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ האבען זיי געמוזט לעבען צוזאמען אין קלענערע אדער גרעסערע געזעלשאפטען—ווי געוויסע מינים רויב־חיות, פיעל פלאנצען־עסער, דערונטער די מעלי־גרה, פיעל מינים מאלפעס—ווערען ענטוויקעלט די סאציאלע אינסטינקטען. צו די דאזיגע מינים געהערט אויך דער מענש; אויך דער מענש האט זיך געקאנט דערהאלטען אין דער נאטור בלויז געזעלשאפטליך, דורך דעם לעבען צוזאמען אין גרופעס אדער הארדעס, און דורכדעם האבען זיך אויך ביי איהם ענטוויקעלט די סאציאלע אינסטינקטען.

וועלכע זענען אבער די סאציאלע אינסטינקטען, וואס האבען זיך געבילדעט דורך דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ ביי מענשען און חיות און וועלכע זענען כסדר אלץ שטארקער געווארען? „זיי קאנען זיין פערשידען, אלץ לויט די פערשידענע לעבענס־בעדינגונגען פון די פערשידענע מינים; אבער א געוויסע רייהע אינסטינקטען זענען א פארבעדינגונג פאר דער ענטוויקלונג פון יעטוועדער געזעלשאפט". עס זענען פארהאן אינסטינקטען,

אָהן וועלכע עס קאָן נישט בלייבען עקזיסטירען קיין שום געזעלשאַפט, און ביי יעדען מין, וואָס כדי זיך צו *דערהאַלטען* האָט ער *געמוזט* לעבען געזעלשאַפטליך—אַזוי ווי דער מענש—*מוזען* אַלזאָ די דאָזיגע אינסטינקטען ענטוויקעלט ווערען. וועלכע זענען די דאָזיגע אינסטינקטען?

„קודם-כל די זעלבסטלאָזיגקייט, דאָס זיך מוסר-נפש זיין פאַר דעם כלל. ווען דער דאָזיגער אינסטינקט וואָלט זיך נישט געשאַפען, ווען יעדער איינער וואָלט געלעבט בלויז פאַר זיך אַליין, און ווען מען וואָלט נישט געשטעלט דעם כלל העכער פאַר זיך אַליין—דעמאָלט וואָלט די געזעלשאַפט אונטער די אָנגריפען פון די אַרומיגע נאַטור-קרעפטען אָדער פון די פיינדליכע חיות אונטערגעגאַנגען. ווען צום ביישפּיל אין אַ סטאַדע ביפלען וואָס לעבען צוזאַמען וואָלט נישט יעדער איינצעלנער זיך מוסר-נפש זיין פאַר'ן כלל, פאַר דער גאַנצער סטאַדע, דערמיט וואָס ער בלייבט שטעהן איפ'ן אָרט, ווען דער טיגער בעפאַלט די סטאַדע אין יענעם פונקט, וואו ער געפינט זיך צוזאַמען מיט זיינע חברים—ווען יעדער איינצעלנער וואָלט אַנטלאָפען, כדי צו ראַטעווען זיין אייגען לעבען און וואָלט זיך גאָר נישט קימערן פאַר'ן כלל, דעמאָלט געהט די דאָזיגע געזעלשאַפט אונטער. דערום איז מסירות-נפש, זעלבסטאָפּפערונג, דער ערשטער סאָציאַלער אינסטינקט, וועלכער האָט *געמוזט* געשאַפען ווערען ביי אַזאַ מין חיות.

דאַן קומט די *טאַפּפערקייט* ביי דער פערטיידיגונג פון די געמיינזאַמע אינטערעסען; די *טרייהייט* צום כלל; דאָס אונטערגעבען זיך דעם ווילען פון כלל, אַלזאָ געהאָרכזאַמקייט אָדער *דיסציפּלין*; *אמת'דיגקייט* לגבי דער געזעלשאַפט, ווייל טאָמער נאַרט מען זי אָפּ, טאָמער פערפיהרט מען זי, צום ביישפּיל דורך פאַלשע סיגנאַלען, שטעלט מען אין געפאַהר איהר זיכערקייט אָדער מען וואַרפט-אַרויס אומזיסט איהרע קרעפטען, ענדליך *עהרגייציגקייט* (האָנאָר), ס'הייסט דאָס אַהרען צי די געזעלשאַפט לויבט אָדער טאַדעלט. דאָס אַלץ זענען סאָציאַלע אינסטינקטען, וועלכע מיר געפינען שוין אויסגעאַרבייט אין געזעלשאַפטען פון חיות, און געוויסע פון זיי אָפט אין אַ הויכער מאָס.

„די דאָזיגע סאָציאַלע אינסטינקטען זענען אָבער נישט עפּעס אַנדערש, ווי די דערהויבענסטע גוטע מידות און מעלות, אָדער ווי מען רופט זיי אַלע צוזאַמען געגומען: דאָס זיטען-געזעץ. העכסטענס פעהלט נאָך צווישען זיי די ליעבע צו גערעכטיגקייט, צו *יושר*, דאָס איז דער דראַנג, די שטרעבונג נאָך גלייכהייט. פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם דאָזיגען געפיהל איז פערשטעהט זיך ביי די געזעלשאַפטען פון חיות נישטאָ קיין אָרט, ווייל דאָרט זענען פאַרהאַן בלויז נאַטירליכע, אינדיווידועלע אונגלייכהייטען, אָבער נישט קיין סאָציאַלע אונגלייכהייטען, וועלכע זענען אַרויסגערופען דורך געזעלשאַפטליכע בעציהונגען. די גערעכטיגקייטס-ליעבע, דער דראַנג נאָך סאָציאַלער גלייכהייט,

איז דערום עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אייגענטימליך דעם מענשען.*)

דאָס זיטען-געזעץ איז אַ פּראָדוקט פון דער חיות-וועלט; עס האָט שוין געלעבט אינ'ם מענשען נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ סטאַדע-חיה; דאָס איז אַן'אוראַלטע ערשיינונג, דען עס לעבט אינ'ם מענשען אַזוילאַנג, זוילאַנג דער מענש איז אַ געזעלשאַפטליך וועזען, דאָס הייסט ווילאַנג ער עק-זיסטירט איבערהויפּט.

בלויז דורכדעם וואָס זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע געהאָלפען, האָ-בען די מענשען געקאָנט בעזיעגען די נאַטור. די מענשען האָבען אַלזאָ אַלץ צו פערדאַנקען דעם דאָזיגען מאָראַלישען דראַנג צו העלפען, דעם דאָזיגען זיטען-געזעץ, די דאָזיגע סאָציאַלע אינסטינקטען.

פון קדמונים אָן, זינט דער מענש איז געוואָרען מענש, אָדער ריכטי-גער: זינט די מענשען זענען געוואָרען מענשען, האָט שוין דאָס זיטען-געזעץ גערעדט אין זיי.

„דערפון נעהמט זיך זיין געהיימניספולע נאַטור, די דאָזיגע שטים אין אונז, וועלכע האָט נישט קיין צוזאַמענהאַנג מיט קיין שום אויסערליכער סיבה, מיט קיין שום קענטיגען אינטערעס... אמת טאַקי אַ געהיימניספולער דראַנג, אָבער נישט מעהר געהיימניספול ווי די געשלעכטס-ליעבע, די מוטער-ליעבע, דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, דער מהות פון אָרגאַניזם בכלל און נאָך אַסך אַנדערע זאַכען... וואָס קיינער וועט זיי נישט אָנערקענען אַלס פּראָדוקטען פון אַ מעטאַפיזישער וועלט.

„ווייל דאָס זיטען-געזעץ איז אַ טיערישער (חיה'שער) אינסטינקט, אַזוי ווי די אינסטינקטען פון זעלבסטדערהאַלטונג און פון שאַפען אַ ווייטערדיגען דור, דערום האָט ער אַזאַ קראַפט; דערום פּערמאַגט ער אַזאַ דראַנג, וועל-כען מיר פאָלגען אָהן שום ישוב-הדעת; דערפון נעהמט זיך אונזער שנעלע ענטשיידונג אין איינצעלנע פאַלען, צי אַ געוויסע האַנדלונג איז גוט אָדער שלעכט, „פיין", אַנשטענדיג אָדער זינדיג, געמיין; דערפון נעהמט זיך די קאַטעגאָרישקייט און די ענערגיע פון אונזער מאָראַלישען אורטייל און דער-פון נעהמט זיך די שוועריגקייט עס צו בעגרינדען דעמאָלט, ווען דער שכל

*) מיר קאָנען שטאַרק רעקאָמענדירען דעם לעזער קאוטסקי'ס „עטיק און מאַטעריאַליסטישע בעגרייפונג פון דער געשיכטע", די עטיק איז דער לעצטער שוק-וואַל, הינטער וועלכען עס פערשאַנצען זיך יענע לייט, וואָס מיט דער הילף פון דער רעליגיע ווילען זיי האַלטען דעם אַרבייטער בסדר אין דער אָנמינדיגקייט. ווען מען וועט האָבען דערקענט די ערדישע אָבשטאַמונג פון די העכסטע מאָראַלישע געבאָטען, דעמאָלט וועלען אַוועקפאַלען אַסך גייסטיגע קייטען, אויך ווערט געשטאַרקט די סאָלידאַריטעט, ווען מען דערקענט, אַז איהר שורש ליעגט אין די עלטעסטע גע-פיהלען פון דעם מענשליכען געשלעכט.

הויפּט-אָן פונאַנדערצוגלידערן די האַנדלונגען און נאָכקלעהרען וועגען זייערע מאָטיוועןֿ".

אַצינד זעהען מיר אויך קלאָר, וואָס איז אַזוינס דאָס געפיהל פון פּליכט, וואָס איז אַזוינס דאָס געוויסען. דאָס רופט אונז די שטים פון די סאָציאַלע אינסטינקטען. צוזאַמען דערהערט זיך צו דערזעלבער צייט די שטים פונ'ם זעלבסטדערהאַלטונגס-אינסטינקט אָדער פונ'ם אינסטינקט צו שאַפען אַ דור און דעמאָלט פּאַסירט אָפט, אַז די דאָזיגעביידע שטימען פאַלען-אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט דער שטים פונ'ם סאָציאַלען אינסטינקט. ווען דער אינסטינקט פון שאַפען אַ דור און פון זעלבסטדערהאַלטונג ווערען שטיל אין אַ געוויסער צייט אַרום, ווייל זיי זענען שוין צופרידענגעשטעלט, דעמאָלט קלינגט אָפט נאָך ווייטער דער סאָציאַלער אינסטינקט, אָבער איצט שוין אַלס חרטה. „נישטאָ קיין גרעסערער טעות, ווי זעהן אין געוויסען די שטים פון מורא פאַר חברים, פאַר זייער מיינונג אָדער גאָר פאַר זייער פיזישען צוואַנג. דאָס געוויסען ווירקט אויך", ווי מיר האָבען שוין געזעהן, „בנוגע צו אַזעלכע טאַהטען, וועלכע קיינער האָט זיך גאָר נישט דערוואוסט, אפילו אַזעלכע טאַהטען, וואָס די אַרומיגע האַלטען זיי פאַר שען און חיין; עס קען אויך גאָר ווירקען אַלס אַנ'עקעלהאַפטיגקייט צו טאַהטען, וועלכע מען איז בעגאַנגען אויס מורא פאַר חברים און פאַר זייער עפענטליכער מיינונג.—די עפענטליכע מיינונג, שבח און גנאי, ליוב און שענדונג, זענען זיכער זעהר איינפלוסרייכע פאַקטאָרען. אָבער זייער ווירקונג קאָן דאָך נאָר געמאָלט זיין, ווען עס איז שוין פון פריהער פאַרהאַן אַ סאָציאַלער אינסטינקט, נעמליך די עהרגייציגקייט; דערום קאָנען זיי שוין נישט זיין ערשט די בעשאַפער פון די סאָציאַלע אינסטינקטען".

אַזוי זעהט מען, ווי איינפאַך עס לאָזט זיך ערקלערען דער דאָזיגער געביט פון גייסט, וועלכער איז אין פלוג אַזוי וואונדערבאַר, יענער געביט, וועלכער נעהמט-אַרום די העכסטע געבאָטען פון דער מאָראַל. אַזוי זעהט מען, ווי פאַלש עס איז, זיך אַ כאַפּ צו טוהן צוליב דעם צו דער מעטאַפיזיק, און ווי קלאָר עס ליעגען די אורזאַכען פון דער מאָראַל אין אונזער אייגענער מענשליכער, חיה'שער, ערדישער עקזיסטענץ.

דאָס איז אַלזאָ דער מהות פון דער מאָראַל; די דאָזיגע הבנה פערדאַנקען מיר קודם-כל דאַרווינ'ען. אָבער פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס די גרויסע גוטע מדות זענען אַזוי פערענדערליך ביי פערשידענע פעלקער אין פערשידענע צייטען? ווי אַזוי איז די ווירקונג פון די דאָזיגע סאָציאַלע אינסטינקטען יעדעס מאָל אַזוי פערשידען?

דאָס האָט דאַרווין נישט אויסגעפאָרשט. די דאָזיגע קענטענישען האָבען מיר קודם-כל צו פערדאַנקען מאַרקס'ן.

מאַרקס איז געווען דער, וועלכער האָט ענטדעקט די הויפּט-אורזאַכען

פון דער פערענדערונג אין דיווירקונגען פון די סאָציאַלע אינסטינקטען פאַר די יאָהרהונדערטען פון דער געשריבענער געשיכטע, פאַר די צייט פון פריוואַט־אייגענטום, פאַר די צייט פון דער סחורות-פּראָדוקציע.

מאַרקס האָט אויפגעוויזען, אַז צוליב דעם פריוואַט־אייגענטום, וועלכער איז אַליין אַ פּראָדוקט פון דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, פון דער וואַקסענדער פערטיילונג פון דער אַרבייט, דורך וועלכער די מלאכות האָבען זיך אָבגעטיילט פון דער לאַנדווירטשאַפט—זענען געשאַפען געוואָרען קלאַסען, אייגענטימער און נישט־אייגענטימער, וואָס זייערע מיטגלידער פיהרען פון אָנהויב-אָן ביז היינט איינע מיט די אַנדערע אַ קאַמף איבער די פּראָדוקטען און די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. מאַרקס האָט אויפגעוויזען, אַז פון דער טעכניק, וועלכע האַלט זיך כּסדר אין ענטוויקלען, נעהמט זיך אַ קאַמף, וואָס האַלט כּסדר אין ענטוויקלען זיך. דערמיט האָט ער געוויזען די פאַר דער נייער צייט וויכטיגסטע אורזאַך פון די פערענדערונגען אין דער ווירקונג פון די מאָראַלישע געבאָטען.

דען ערשטענס שאַפט זיך צווישען די פריוואַט-אייגענטימער, אפילו ווען זיי געהערען צו דעמזעלבען קלאַס, דער קאָנקורענץ-קאַמף; און דער דאָזיגער קאַמף האָט אַ מערדערישע ווירקונג אויף דאָס העכסטע מאָראַלישע געבאָט, וועלכעס זאָגט, אַז איינער דעם אַנדערען דאַרף העלפען און מעהר נאָך, אַז איינער דאַרף זיך פאַר דעם אַנדערען מקריב זיין. דער דאָזיגער געבאָט ווערט אַ טויטער בוכשטאַב אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף קאָנקורענץ. אין אַזאַ מין געזעלשאַפט ווערט עס אַנ׳אַבסטראַקטע לעהרע, וואָס האָט נישט קיין ערדישען נאָר אַ הימעלשען יסוד, וועלכע איז טאַקי גוואַלטיג שען און דערהויבען, אָבער געהן אין איהרע וועגען קאָן מען נישט,—אַ לעהרע אייגענטליך בלויז פאַר׳ן שבת׳דיגען טאָג, ווען דער האַנדעל און די פאַבריק שטעהען שטיל. עס איז נישט מעגליך צוזונעהמען איינער ביים אַנדערען אין קאָנקורענץ-קאַמף דעם מאַרק, די שטעלע, די אַרבייט, און אין דערזעלבער צייט פאָלגען די אינערליכע שטימע, וועלכע פליסטערט אונז פון קדמונים-אָן, מיר זאָלען געהן צוזאַמען מיט אונזער מיט-מענש, ווייל צוויי זענען שטאַרקער פאַר איינעם. דאָס איז אַנ׳אונמעגליכע זאַך; און יעדע לעהרע, וועלכע זאָגט, אַז אַזוי קאָן און אַזוי דאַרף זיין, פיהרט צו צביעות.

אין זיין אַנאַליז איבער די סחורות, איבער דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע האָט מאַרקס קלאָר געמאַכט, ווי אַזוי דער כאַראַקטער פון אַזעלכע מענשען, וועלכע פּראָדוצירען זייערע פּראָדוקטען אַלס סחורות נישט-אָבהענגיג איינער פונ׳ם אַנדערען, מוז דווקא ווערען: פיינדשאַפטליך און פערפרעמדט, נישט אין אַ בעציהונג פון מענשען צווישען זיך, נאָר ווי זאַכען, ווי שטיקער ליינוואַנד, באַלענס קאַווע, טאָנען מעטאַל, קופּעס געלד; אַזוי האָט מאַרקס אויפגעוויזען די אמת׳ע בעציהונג פון מענשען איינע צו די אַנדערע, די פּאַקטישע בעציהונג און נישט יענע, וועלכע עקזיסטירט בלויז אין דער פאַנטאַ-

זיך פון די פּאָעטען אָדער אין ד׳רשות פון מגידים.

צווייטענס ווידער האָט די ענטוויקלונג פון דער טעכניק און די אַרבייטס-פערטיילונג געשאַפען מענשליכע גרופּעס, וואָס זייערע מיטגלידער הגם זיי געפינען זיך אָפט אין קאָנקורענץ-קאַמף צווישען זיך, אָבער פונדעסטוועגען אַנטקעגען אַנדערע גרופּעס האָבען זיי גלייכע אינטערעסען — מיט אַנדערע ווערטער: די געזעלשאַפטליכע קלאַסען. די ערד-אייגענטימער האָבען גלייכע אינטערעסען אַנטקעגען די פאַבריקאַנטען, די אונטערנעהמער אַנטקעגען די אַרבייטער — און פערקעהרט. אויפ׳ן מאַרק מעגען זיי זיך טאַקי איינע די אַנדערע אָבטוהן גרויסע עוולות, אָבער אינ׳ם קאַמף פאַר די פּאָשלינעס אויף תבואה האָבען אַלע ערד-אייגענטימער אַ גלייכען אינטערעס, דעסגלייכען אַלע פאַבריקאַנטען — אינ׳ם קאַמף פאַר שוץ-פּאָשלינעס אויף אינדוסטריע-פּראָדוקטען, און אַלע אונטערנעהמער — אינ׳ם קאַמף געגען גוטע געזעצען פון אַרבייטער-שוץ.

דער קלאַסען-קאַמף דער׳הרג׳עט אַלזאָ אויך אַ גוטען טייל פון דער מאָראַל, וואָרן דאָס מאָראַלישע געבאָט קאָן נישט גילטען אין בעציהונג צו אַזאַ קלאַס, וועלכער וויל אונזער קלאַס פערניכטען אָדער וועלכער פּרובט איהם אָבצושוואַכען, און יענער קלאַס קאָן אויך אין בעציהונג צו אונזער קלאַס נישט האָבען קיין שום געפיהלען פון מסירות-נפש און טרייהייט. בלויז אין דעם קלאַס גופא קאָן נאָך אויף די געביטען פון קלאַסען-קאַמף זיין אַ רייד וועגען עפּעס אַ מאָראַלישען געבאָט; אַנטקעגען אַן׳אַנדער קלאַס גילט דאָס העכסטע מאָראַלישע געבאָט פּונקט אַזוי ווייניג ווי אַנטקעגען דעם שונא. אַזוי ווייניג, ווי מען קלעהרט אויף דער מלחמה זיך מקריב-צו זיין פאַר׳ן שונא, פּונקט אַזוי ווייניג פאַלט עמיצען איין, אַרויסצוהעלפען דעם מיטגליד פון אַ געגנערישען קלאַס, אַלס אַ זעלכען. אַזוי ווי ביי געוויסע חיות גילט דאָס מאָראַלישע געבאָט בלויז אין בעציהונג צו די מיטגלידער פון דערזעלבער סטאַדע, אַזוי ווי ביי די אַמאָליגע מענשליכע שבטים האָט דאָס געפיהל געגאָלטען בלויז פאַר די מענשען פון דעם אייגענעם שטאַם — פּונקט אַזוי גילט עס אין דער קלאַסען-געזעלשאַפט בלויז פאַר די מענשען פון דעם אייגענעם קלאַס און דאָס נאָר, אויף וויפיל די קאָנקורענץ ערלויבט עס.

דורך דעם פאָרשריט פון דער טעכניק, דורך דער אָנזאַמלונג פון ריעזיגע רייכטימער פון איין זייט און פון מחנות אונפערמעגליכע פּראָלעטאַריער פון דער אַנדער זייט ווערט אין אונזער צייט דער קלאַסען-קאַמף צווישען די פערמעגליכע און נישט-פערמעגליכע, קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער כסדר אַלץ שאַרפער און שטאַרקער. אין אונזערע טעג קאָן אַלזאָ וואָס ווייטער אַלץ ווייניגער זיין אַ רייד וועגען דעם, אַז די קלאַסען זאָלען אין זייערע בעציהונגען איינע צו די אַנדערע פאָלגען די העכסטע מאָראַלישע געבאָטען. פערקעהרט גאָר, די אַנדערע גרויסע אינסטינקטען, דער אינסטינקט פון דער זעלבסטדערהאַלטונג און די זאָרג פאַר די קינדער, האָבען איצט בעקומען ביי

די קלאַסען אַסך מעהר די אויבערהאַנד איבער די אַלטע סאָציאַלע גוטע מידות. דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג צווינגט די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער נישט צו דערלאָזען די אַרבייטער צו דעם, וואָס איז פאַר זיי נויטווענדיג. זיי פיהלען, אַז אין אַ נישט איבריגס ווייטער צייט וועלען זיי מוזען אָבגעבען אַלץ, זייער גאַנץ פערמעגען, זייער גאַנצע מאַכט, און אויס מורא צו מאַכען אפילו איין איינציגען שריט אויף דעם דאָזיגען וועג, פערלירען זיי וואָס ווייטער אַלץ מעהר דעם חשק צו געבען זיי כאָטש עפּעס. און אויך דער אַרבייטער פיהלט נישט די ליעבע צום נאָהענטען אין בעציהונג צום קאַפּיטאַליסט, דען די אינסטינקטען פון זעלבסטדערהאַלטונג און ליעבע צו זיינע קינדער טרייבען איהם בייצוקומען די קאַפּיטאַליסטען און אויסקעמפען אַזוי-אַרום אַ הערליכע, גליקליכע צוקונפט.

די ענטוויקלונג פון דער טעכניק, דאָס געזעלשאַפטליכע רייכטום, די פערטיילונג פון דער אַרבייט האָבען געמאַכט אַזעלכע ווייטע פאָרשריטען, די פערמעגליכע און די אונפערמעגליכע קלאַסען זענען אַזוי ווייט אָבגעשיידט איינע פון די אַנדערע, אַז דער קלאַסען-קאַמף איז געוואָרען די „הויפּטזעכ-ליכסטע, דויערהאַפטסטע פאָרם פונ׳ם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, װאָס דער מענש פיהרט אין דער געזעלשאַפט".

מיט דער וואַקסענדער קאָנקורענץ האָט זיך פערקלענערט די קראַפט פון אונזער סאָציאַל געפיהל, פון אונזער געפיהל און בעציהונג צו די מיט-גלידער פון אונזער געזעלשאַפט, דאָס הייסט די קראַפט פון אונזער מאָראַל. מיט׳ן קלאַסען-קאַמף האָט זיך אויך פערקלענערט אונזער סאָציאַל געפיהל אין בעציהונג צו די מיטגלידער פון אַנדערע קלאַסען, דאָס הייסט אונזער מאָראַל אין בעציהונג צו זיי, אָבער דערפאַר איז עס געוואָרען אַלץ קרעפטיגער אין בעציהונג צו די מיטגלידער פון אונזער אייגענעם קלאַס.

יאָ, אַזוי ווייט האַלט עס שוין מיט׳ן קלאַסען-קאַמף, אַז פאַר די מיט-גלידער פון די וויכטיגסטע קלאַסען איז דאָס וואוילזיין, די טובה פון זייער קלאַס אידענטיש (אַלץ-איינס) מיט דער טובת-הכלל, מיט דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. צוליב דער טובת-הכלל אונטערשטיצט מען בלויז די מיטגלידער פון דעם אייגענעם קלאַס און מען געהט ענטשלאָסען אין קאַמף געגען דעם פרעמדען קלאַס.

ליעגט אַלזאָ דער מהות, דאָס וועזען פון דער העכסטער מאָראַל אין זעלבסטלאָזיגקייט, טאַפּפערקייט, טרייהייט, דיסציפּלין, ליעבע צום אמת, גע-פיהל פון יושר און שטרעבונג צו כבוד און שבח ביי די מיט-מענשען—ענ-דערט זיך אָבער כסדר די ווירקונג פון די דאָזיגע גוטע מידות אָדער אינסטינקטען דורך אייגענטום, קריעג, קאָנקורענץ און קלאַסען-קאַמף.

כדי צו מאַכען דעם ענין ווי מעגליך קלאָר, לאָמיר אָנווענדען דאָס, וואָס מיר האָבען געלערנט פון דאַרווינ׳ען און מאַרקס׳ן, אויף אַנ׳אינדיווידו-עלען ביישפּיל פון אונזער צייט, פון אונזער אייגענער דירעקטער סביבה.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַנ׳אונטערנעהמער, אַנ׳אייגענטימער פון אַ פאַבריק, וועלכע ער פיהרט אין אַ העפטיגער קאָנקורענץ געגען זיינע קלאַסען־קאָלעגען. צי קאָן דען דער דאָזיגער מענש אין בעציהונג צו די דאָזיגע קלאַסען-חברים, די אייגענטימער פון די קאָנקורירענדע פאַבריקען, מקיים זיין די העכסטע, די—וואָס די בורזשואַזיע רופט—אייביגע געבאָטען פון דער מאָראַל? ניין, ער מוז פרובען צו פערהאַלטען אָדער איינגעהמען דעם מאַרק פאַר זיך. ער קאָן עס טוהן מיט בעסערע אָדער ערגערע מיטלען, אָבער ער מוז עס טוהן. אפשר האָט ער בטבע אַסך סאָציאַלען געפיהל—צום ענין האָט עס נישט קיין שייכות, דאָס געפיהל וועט בייגעקומען ווערען דורך זיין זעלבסטדערהאַלטונגס-אינסטינקט און דורך די זאָרג פאַר זיינע יורשים. אין דער קאָנקורענץ איז עס אַ לעבענס-פראַגע צו דערהאַלטען פאַר זיך דעם מאַרק, צו פערגרעסערן די קונדשאַפט. שטילשטאַנד איז דאָרטען שוין דער אָנהויב פון רעגרעס, פון צוריקגאַנג.

אין דער מאָס, וואָס די קאָנקורענץ ווערט שאַרפער, דאָס הייסט אין דער מאָס, וואָס די טעכניק און דער וועלט-מאַרק ענטוויקלען זיך, אין דער-זעלבער מאָס וועט דער דאָזיגער פאַבריקאַנט פיהלען וועניגער סאָציאַל, וועט ער קלעהרען אַלץ שטאַרקער וועגען זעלבסטדערהאַלטונג, דאָס הייסט וועגען אַ מעגליכסט גרויסען געווין, וואָרן וואָס שאַרפער עס איז די קאָנקורענץ, אַלץ גרעסער איז די געפאַהר פונ׳ם אונטערגאַנג.

צי קאָן דער דאָזיגער פאַבריקאַנט מקיים זיין די העכסטע געבאָטען פון מאָראַל אין בעציהונג צו זיינע אַרבייטער? די פראַגע איז לעכערליך. ער מעג זיין בטבע אַ גוטער מענש, ער מעג אפילו גאַנץ שטאַרק מיטפיהלען מיט די ליידענדע, אָבער זיינע אַרבייטער וועט ער פאָרט מוזען געבען אַזאַ נידע-ריגען לויהן, אַז זיין פאַבריק זאָל האָבען אַ גרויסען ריווח. קיין שום ריווח אָדער אַ קליינער ריווח בעדייט שטילשטאַנד. די פאַבריקאַציע מוז פערגרעסערט ווערען, פון צייט צו צייט אויפגעפרישט, אַנישט שטעהט ער אָב אין עטליכע יאָהר צייט פון די אַנדערע און אין צעהן יאָהר איז ער שוין מעהר נישט פעהיג צו קאָנקורי-רען. די עקספּלואַטאַציע מוז אַלזאָ דורכאויס פאָרקומען, און אפילו די מיל-דעסטע, די גינסטיגסטע מיטלען פאַר די אַרבייטער מוזען זיין אַזעלכע, אַז סוף-כל-סוף זאָלען זיי נישט קירצען דעם פּראָדוקט, דעם ריווח. מיט אַ כיוון בעהמען מיר אַלס ביישפּיל אַ קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט נאָך עפּעס געפיהל פאַר זיין פערזאָנאַל; נאָר דער גרעסטער טייל איז נישט אַזוי, ביים גרע-סטען טייל ווערט דאָס סאָציאַלע געפיהל שוין פריה דערשטיקט דורך דער תאווה פון ריווח און יענע, וועלכע בענוצען זיך אין זייערע אונטערנעהמונ-גען מיט די גינסטיגסטע מיטלען, טוהען עס נאָך אָפט צוליב כיטרעקייט, צוליב אַ גוט-פערשטאַנענער אייגענוציגקייט, כדי צוצושמידען די אַרבייטער נאָך פעסטער צו דער פאַבריק און מאַכען זיי פאַר נאָך מעהר פּראָפיט-גע-בענדע שקלאַפען.

און ווען מיר נעהמען נאָך אָן, אַז דער קלאַס פון די אַרבייטער הייבט-אָן צו קעמפען געגען דעם דאָזיגען קאַפּיטאַליסט און זיין קלאַס, אַז עס שאַפען זיך פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און עס ברעכען-אויס שטרייקען, אַז וואָס אַמאָל ווערט אַלץ העפטיגער געשטעלט דאָ די, דאָ יענע פאָדערונג — דעמאָלט פערשווינדט ביים קאַפּיטאַליסט און זיין קלאַס ביסלעכווייז יעדעס סאָציאַלע געפיהל פאַר יענעם טייל פון זיינע מיטמענשען, וועלכע זענען אַרבייטער ביי איהם; דעמאָלט וואַכט-אויף ביי זיי דער קלאַסען-האַס געגען די אַרבייטער, און דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען קאַמף געגען די אַרבייטער (אַלזאָ אויסערהאַלב פון דער קאָנקורענץ, וועלכע בלייבט עקזיסטירען) ענטוויקעלט זיך די קלאַסען־סאָלידאַריטעט מיט די אַנדערע קאַפּיטאַליסטען.

און אויך דאָס ענדערט זיך, די דאָזיגע גייסטיגע אַטמאָספערע ווערט אַנדערש אָנגעלאָדען, וואָס ווייטער עס ענטוויקעלט זיך די טעכניק און וואָס העפטיגער עס ווערט דורכדעם דער קלאַסען-קאַמף.

לאָמיר נאָך ווייטער אָננעהמען, אַז דער דאָזיגער פאַבריקאַנט ווערט אַ מיטגליד פון אַ סינדיקאַט, פון אַ טרעסט אָדער קאַרטעל. אויך דאָס מוז ער אָפּט טוהן צוליב דער זעלבסטדערהאַלטונג. דעמאָלט פאַלט ער אַריין אין די שטעלונג פון אַ דעספּאָט אַנטקעגען זיינע אַרבייטער, ווייל דערפאַר וואָס זיין טרעסט האָט דעם מאָנאָפּאָל קאָנען זיי געפינען אַרבייט בלויז ביי איהם און זענען אַלזאָ אינגאַנצען פון איהם אָבהענגיג. דער דאָזיגער קאַפּיטאַליסט בעגעהט זיך דעמאָלט מיט זיינע אַרבייטער, אַזוי ווי עס פאָדערט דער סינדיקאַט. איז נויטווענדיג די פּראָדוקציע צו בעגרענצען, דעמאָלט ווערט דער שקלאַף אַרבייטסלאָז; קומט אַ בעסערע קאָניונקטור, דעמאָלט רופט מען איהם ווידער אין די פאַבריק; וועגען מסירות-נפש, ליעבע צום נאָהענטען איז נישטאָ וואָס צו רעדען — דער וועלט־מאַרק ענטשיידעט. אין דעם מאָמענט, ווען מיר שרייבען עס קומט-פאָר אַנ׳אָבזאָגונג פון אַרבייטער אפשר אין דעם גרעסטען מאָסשטאַב, וואָס דאָס איז נאָר ווען געשעהן. אין די הונדערטער טויזענדער ווערען זיי אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן ברוק דורך די אַמעריקאַנער טרעסטען, און אין אייראָפּא געהט די אַרבייטער נישט בעסער. דאָס סאָציאַלע געפיהל אין בעציהונג צו די אַרבייטער לעבט נישט מעהר ביי דער מעהרצאָהל פון די דאָזיגע קאַפּיטאַליסטען.

אַצינד לאָמיר נעהמען אַלס אַ צווייטען ביישפּיל אַ פּאָליטיקער, וועלכען די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען האָבען אָנגעטרויט זייערע אינטערעסען אין אַ פּאַרלאַמענט. צי קאָן דען דער דאָזיגער מענש מקיים זיין די העכסטע, כלומרשט אייביגע מאָראַל אין בעציהונג צום אַרבייטענדען קלאַס? ניין, אפילו דעמאָלט ווען ער וויל, אויך נישט. וואָרן אַ געבאָט פון דער העכסטער מאָראַל איז די גערעכטיגקייט, דאָס הייסט די שטרעבונג צו געבען יעדען איינעם גלייכע רעכט. אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געהט אַלס אַזעלכער צו גרונד,

ווען ער וועט געבען די אַרבייטער גלייכע רעכט. גלייכע רעכט, דאָס הייסט ערשטענס גלייכע פּאָליטישע רעכט, צווייטענס שותּפיש אייגענטום אויף פלאַץ, פעלד און פּראָדוקציאָנס-מיטלען. ווילאַנג דאָס איז נישט פאַרהאַן, אַזוי לאַנג איז נישטאָ קיין העכסטעס רעכט, קיין העכסטע גערעכטיגקייט. צי קען אָבער אַ בירגערליכער פּאָליטיקער קומען דערצו? ניין, דען דאָס וואָלט זיין אַ זעלבסט-מאָרד פון זיין קלאַס — און ער טאָר עס נישט דערלאָזען.

און וואָס הייטער עס ווערט דער קלאַסען-קאַמף דורך דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, וואָס צאָהלדייכער, קרעפטיגער און בעסער אָרגאַניזירט עס טרעטען-אַרויס די אַרבייטער, וואָס דייטליכער עס ווייזט זיך אַרויס די מעגליכקייט פון זייער איבערמאַכט, אַלץ קאַטעגאָרישער מוז דער בירגערליכער פּאָליטיקער זיך-אָבזאָגען פון טוהן פאַר די אַרבייטער עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבען אַ בעדייטונג. די בירגערליכע פּאָליטיקער מוזען פערשטיקען זייער סאָציאַל געפיהל פאַר די אַרבייטער און צוהערען-זיך בלויז צו דער זעלבסט-דערהאַלטונג. פּונקט אַזוי ווי פאַר דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט, איז עס אויך פאַר'ן גאַנצען קלאַס אַ פראַגע פון לעבען אָדער טויט.

אָבער אין דער מאָס, וואָס עס פערשווינדט דאָס סאָציאַלע געפיהל פאַר די אַרבייטער, וואַקסט-אויס ביים דאָזיגען בירגערליכען פּאָליטיקער — ווי מיר נעהמען-אָן, אַ פאַרשטעהער פון די פערמעגליכע קלאַסען — אַ געפיהל פון סאָלידאַריטעט מיט די אַנדערע פערמעגליכע קלאַסען, אין דער צייט וואָס אין אַנדערע פּונקטען בלייבט דער קאַמף און די פּאָליטישע קאָנקורענץ ווייטער עקזיסטירען.

און דער קלאַסען-האַס ווי די קלאַסען-ליבע ווערען ביי דעם דאָזיגען פּאָליטיקער אַלץ שטאַרקער, וואָס שאַרפער עס ווערט דורך דער טעכניק דער געגענזאַץ צווישען די פערמעגליכע און די נישט-פערמעגליכע קלאַסען.

אַזוי ערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס פּאָליטיקער, וואָס לכתּחילה, איידער זיי האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין די פּראַקטישע פּאָליטיק — צום ביישפּיל אין אַן אָפּאָזיציאָנס-פּאַרטיי אָדער אין אַ יונגער בירגערליכער פּאַרטיי — זענען זיי פול געווען מיט סאָציאַלען געפיהל פאַר די אַרבייטער, פערלירען אָבער דאָס דאָזיגע געפיהל, גלייך ווי זיי האָבען צו פיהרען דעם פּראַקטישען קאַמף געגען די אַרבייטער. די פּראַקטיק דערשטיקט דאָס דאָזיגע געפיהל און לאָזט זויפלעבען די קלאַסען-סאָלידאַריטעט מיט די פערמעגליכע. מופתים חותכים דערצו זענען קיפּער אין האָלאַנד, מיראַן, בריאַן און קלעמאַנסאָ אין פראַנקרייך*).

---

*) צווי ריכטונגען זענען מעגליך אין'ם גייסט פון דעם בירגערליכען פּאָליטיקער אָדער דעם קאַפּיטאַליסט, וועלכען עס קומט-אויס דורך דער ענטוויקלונג פון

לאָמיר אַצינד נעהמען אַלס אַ דריטען ביישפּיל אַן'אַרבייטער.

צי קאָן דען דער אַרבייטער מקיים זיין דאָס געבאָט פון מסירות-נפש בנוגע צו זיין אונטערנעהמער, יענעמס קלאַס און יענעמס מלוכה? ניין, דערביי וואָלט ער זיך אַליין געלאָזט שינדען צום טויט, זיין פרוי און דיינע קינדער וואָלטען פאַר צרות אויסגעהן מיט די פּחות. דלות, קראַנקהייט און אַרבייטסלאָזיגקייט וואָלטען פיהרען צום גרונד איהם און זיין קלאַס. געגען דעם שטעלען זיך אויף ביי איהם אויך די מעכטיגע אינסטינקטען פון זעלבסט-דערהאַלטונג און פון שאַפען אַ נייעם דור מיט די אַלע מעכטיגע געפיהלען, וואָס זענען נאָהענט צו די דאָזיגע אינסטינקטען: די געפיהלען פון קינדער- און עלטערן-ליבע. ער טאָר זיך נישט מוסר-נפש זיין פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, פאַר דער מלוכה, ווייל זיי מאַכען איהם אונגליקליך, ווען ער לאָזט זיי אונגעשטערט בעלהבת'עווען, זיי פעראורטיילען איהם אויף קנעכטשאַפט און פריהצייטיגען טויט. די געשיכטע לערנט, אַז ווען די אַרבייטער קעמפען נישט פאַר אַ בעסערען גורל, ברענגט זיי דער קאַפּיטאַליסטען-קלאַס ביז אַ פּונקט, וואו זיי זענען נישט אימשטאַנד נישט צו לעבען נישט צו שטאַרבען און אַז אפילו די מינדסטע פערבעסערונג קאָסט יאָהרען מיה. די עקזיסטענץ פונ'ם אַרבייטער איז אָפט אַזוי פינסטער, די אַרבייטסלאָזיגקייט, די פרויען- און קינדער-אַרבייט, די קראַנקהייטען, די קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטער זענען אָפט אַזוי נישט-צו-דערטראָגען, עס פעהלען אַזוי אַלע גייסטיגע און קערפּערליכע פערגניגענס, וועלכע עס וואָלט דאָך אַזוי לייכט געווען צו האָבען,—אַז מסירות-נפש פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און זיין מלוכה בעדייט נישט ווענינער ווי אַראָבפאַלען פון דעם שמאָלען ראַנד, אויף וועלכען דער אַרבייטער שטעהט, אַראָבפאַלען צום טויט. אַזוי-אַרום קומט דער אַרבייטער בנוגע דעם קאַפּיטאַליסטען-קלאַס צום היפך פון דער גרויסער מצווה: ואהבת לרעך כמוך

דער מעכניק און פונ'ם פּראָדוקציאָנס-אופן צו שטעהן אין געגענזאַץ צום אַרבייטער-קלאַס. ענטוועדער ער איז מודה, אַז בנוגע דעם אַרבייטער-קלאַס קאָן ער נישט ערפילען די געבאָטען פון דער העכסטער מאָראַל און ער ערפילט זיי טאַקי נישט. דעמאָלט ווערט ער ציניש; ער דערשטיקט מיט'ן ווערטעל „עס לאָזט זיך נישט" די שטים, וועלכע זאָגט איהם, וואָס ער אַליין האַלט פאַר „גוט". אָדער ער זאָגט, אַז ער אַנערקענט און איז מקיים די העכסטע מאָראַל. דעמאָלט ווערט ער אַ צבוע'ק, וואָס זיינע ווערטער און טאַהטען שטעהען אין אַ שאַרפען געגענזאַץ איינע צו די אַנדערע, אַ מענש וואָס בעהאַלט הינטער קלינגענדיגע ווערטער זיינע אונסאָציאַלע טאַהטען. און בעזונדערס עקעלהאַפטיג ווערט די צביעות, ווען עס פאָרען זיך צונויף מיט איהר, אַזוי ווי ביים האָלענדישען פּאָליטיקער קייפּער למשל, רעליגיע און פרומקייט.—אַזעלכע ערשיינונגען זענען אָבער נישט קיין פערזענליכע זינד, נאָר ווי מיר האָבען אויפגעוויזען, אַ נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען,

(ליב דיין נאָהענטען, ווי זיך אַליין): ער קומט צום קאַמף געגען דעם הער-שענדען קלאַס.

און וואָס גרעסער עס ווערט דורך דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק דער ווידערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליסטען, וואָס שטאַרקער עס ווערט זייער אָרגאַניזאַציע אין אונטערנעהמער-פעראייניגען, טרעסטען און פּאָליטישע פּאַר-טייען, אַלץ שוואַכער ווערט ביים אַרבייטער אין האַרצען דער סאָציאַלער אינסטינקט בנוגע דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען; ער ווערט פערוואַנדעלט פונקט אַזוי ווי ביי דעם קאַפּיטאַליסטען-קלאַס אין קלאַסען-האַס.

לאָמיר זיך אַצינד ווייטער פאָרשטעלען, אַז דער דאָזיגער אַרבייטער לערנט-זיך-אויס אַזוי טיף צו בעגרייפען די פּראָדוקציאָנס- און קלאַסען-בעציהונגען, אַז ער ווערט אַ סאָציאַליסט. דעמאָלט וועלען זיינע העכסטע מאָראַ-לישע אינסטינקטען ווערען אַלץ וואַרימער פאַר'ן קלאַס פון די אונפערמעגלי-כע און וועלען וואַקסען אין דערזעלבער מאָס, אין וועלכער זיי פאַלען-אָב פאַר די קאַפּיטאַליסטען און פאַר זייער געזעלשאַפט. און איז ער שוין פון דער נאַטור אַרויס אַ מענש מיט הויכע מאָראַלישע געפיהלען, דעמאָלט וועלען די דאָזיגע געפיהלען פערשטאַרקט ווערען דורך דער איבערצייגונג, אַז ער און זיינע קינדער און זיינע אַלע חברים וועלען בלויז דעמאָלט קאָנען קומען צום גליק, ווען אַלע, אַלזאָ אויך ער אַליין, וועלען צוזאַמען זיך צוהערען צו דער שטים, וואָס רופט זיי צו טרייהייט, ליבע צום אמת, טאַפּפערקייט, זעלבסט-אָפּפערונג, גערעכטיגקייט.

און וואָס העכער עס שטייגט די נויט פון די קלאַסען, דאָס הייסט וואָס גרעסער עס ווערט ביי די אַרבייטער דורך דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק דאָס בעדערפניש אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און ביי די פער-מעגליכע ווערט אַלץ גרעסער דער ווידערשטאַנד געגען זיי, אַלץ שטאַרקער וועט ווערען די סאָלידאַריטעט, אַלץ העכער וועט רעדען אינ'ם פּראָלעטאַריאַט די מאָראַל, אַלץ מעהר וועט ער זיך צוהערען צו דער דאָזיגער שטים. די ווירקונג פון דער מאָראַל וועט אַלזאָ אויך דאָ כסדר זיך ענדערן.

און לאָמיר אָננעהמען צום סוף דעם פאַל, אַז דער דאָזיגער אַרבייטער וויים צו ענטוויקלען זיין גייסט אַזוי ווייט, אַז ער פיהלט זעהר קלאָר, וואָס פאַר אַ גליק די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט וועט ברענגען פאַר אַלע מענשען, וואָס פאַר אַנ'עלענד עס וועט דורך איהר פערשווינדען. דעמאָלט וועט ער דורך זיין האַס געגען די פערמעגליכע און זיין סאָלידאַריטעט מיט די אונ-פערמעגליכע ענטדעקען אַ וועג פאַר זיינע העכסטע מאָראַלישע געפיהלען. ער פיהלט, אַז ערשט דעמאָלט ווען די אַרבייטער וועלען זיגען און די קאָמו-ניסטישע געזעלשאַפט וועט פערווירקליכט זיין, ווועט דאָס מאָראַלישע געזעץ אין אונז קאָנען גילטען אין בעציהונג צו אַלע מענשען. אין זיין אייגענער שטרעבונג און אין דער שטרעבונג פון זיין קלאַס אָבצושאַפען פּרי-וואַט-אייגענטום, קאָנקורענץ און קלאַסען-קאַמף, פיהלט ער דערום אינ'ם טיפ-

סטען גרונד פון זיין האַרץ עפּעס, און מעג עס זיין כאָטש בלויז אַן׳אָבגלאַנץ פון דער ערשטער מאָרגען-רויטקייט, פונ׳ם העכּסטען זיטען-געזעץ אין בעצי-הונג צו אַ ל ע מענשען. דען, אויב די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט איז אַ ברכה פאַר אַלעמען, דעמאָלט וועט שוין די שטרעבונג צו ברענגען דערצו, ענטהאַלטען אין זיך עפּעס פון דער אַלגעמיינער מענשען-ליבע, וועלכע שפּרייט זיך אויס אויף אַלע נאַציאָנען*)

אין די דאָזיגע ביישפּילען, וועלכע זענען אין דעם ווירקליכען לעבען בעקאַנט יעדען אַרבייטער פון זיין נאָהענטסטער סביבה, זעהט מען אַלזאָ גאַנץ קלאָר, ווי אַזוי עס ענדערט זיך אויך די ווירקונג, דער אינהאַלט, דער עק-זיסטענץ-אופן, אין אונזערע מוחות און הערצער, אפילו פון דער אַזוי-גערופע-נער העכּסטער און אייביגער זיטליכּקייט אָדער מאָראַל—אַלץ לויט דעם ווי עס ענדערען זיך דער קלאַסען-קאַמף, די קלאַסען-בעציהונגען, דאָס הייסט די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, אַלזאָ אין דער לעצטער אינסטאַנץ די פּראָדוקציע און די טעכניק. אונפערענדערליך איז אַלזאָ אַפילו די העכּסטע זיטליכּקייט אויך נישט,—זי לעבט, דאָס הייסט זי ענדערט זיך.

אַ ט ע נ ה.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די בעגריפען גוט און שלעכט שטעהען נישט אין דער געשיכטע שטענדיג ביי איין און דיזעלבע טאַהטען. היינט קאָן הייסען „גוט" דאָס, וואָס אַמאָל האָט געהייסען „שלעכט", און פערקעהרט. מיר האָ-בען עס ד ע ר ו ו י ז ע ן אָן עטליכע זעהר וויכטיגע ביישפּילען: די נייע גוטע מידות ביי די פרויען, די נייע מידות ביי די אַרבייטער, די פאָטערלאַנדס-ליבע, די אינטערנאַציאָנאַלע געזינונג—אַלץ ענדערט זיך.

אונזערע געגנער מאַכען גוואַלדען: עס עקזיסטירט אַן׳אייביגע אונפער-

*)פּונקט אַזוי ווי ביי די קאַפּיטאַליסטען און זייערע פּאָליטישע פאָרשטעהער זענען מעגליך צוויי ריכטונגען אויך אינ׳ם גייסט פון די אַרבייטער און זייערע פאָר-שטעהער. ענטוועדער דער אַרבייטער לעגט אַכט בלויז אויף דעם טאָג-טעגליכען קאַמף. דעמאָלט בעגרענצט זיך זיין מאָראַליש געפיהל בלויז אויף אַן׳ענגען קרייז; צום ביישפּיל בלויז אויף די קאָלעגען פון דעם אייגענעם פאַך. אָדער ער לעגט אַכט קודם-כל אויך אויף דאָס ענדציל, אויפ׳ן סאָציאַליזם. דעמאָלט פערשפּרייט זיך זיין מאָראַליש געפיהל אויף דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט און קאָן זיך פערשפּריי-טען נאָך מעהר, אויף די גאַנצע מענשהייט. ציניזם אָדער צביעות זענען דיביידע נויטווענדיגע אַלגעמיינע ערשיינונגען ביי דעם הערשענדען קלאַס, ניכטערע בעגרענצט-קייט אָדער רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאַזם זענען די ביידע אַלגעמיינע ערשיינונגען ביי דעם בעהערשטען קלאַס,—ביי ביידע זענען נאַטירליך פאַראַן פיל איבערגאַנגען.

ענדערליכע מאָראַל, איהרע העכסטע געבאָטען זענען שטענדיג איינע און דיזעלבע.

מיר ענטפערען רוהיג: דערוויילע עס. נישט מיט התפעלות און מליצות, נישט מיט פראַלעריי און מיט קללות געגען אונז, נאָר היסטאָריש, מיט פאַקטען, וואָס יעדער איינער זאָל זיי קאָנען בעגרייפען אָדער אויספאָרשען.

זיי קאָנען עס אָבער נישט.

מיר דאַגעגען האָבען אריפגעוויזען, שטיצענדיג זיך אויף דאַרווינ'ען און אויף קאַוטסקי'ן, אַז ערשטענס לעבט ביים מענשען אין האַרץ אַ דראַנג, צו העלפען די אַנדערע מענשען, אַ מאָראַלישע געבאָט, וואָס האָט אַ ריין ערדישע, פשוט ממש אַ חיה'שע אָבשטאַמונג, אַז צווייטענס דריקט זיך אָבער אויס דאָס דאָזיגע זיטען-געזעץ שטענדיג פערשידען צוליב דעם קאַמף פאַר דאָס אייגענטום, צוליב דער קאָנקורענץ און דעם קלאַסען-קאַמף, און אַז אין בעציהונג צו קלאַסען-חברים קלינגט דאָס זיטען-געזעץ גאַנץ אַנדערש, ווי אין בעציהונג צו קלאַסען-געגנער.

יעדער איינער ווייס, אַז אַזוי איז עס; יעדער איינער קאָן עס אָבפּערווירען טאָג-טעגליך ביי זיך אַליין און ביי אַנדערע, מיר האָבען אַלזאָ אָוועקגעשטעלט פאַקטען אַנטקעגען פוסטע סברות.

פון אונזערע בעווייזען זעהט מען אויך קלאָר אַרויס, אַז אין בעציהונג צום פיינד, מעג עס זיין דער פיינד פונ'ם שטאַם, פונ'ם לאַנד אָדער פונ'ם קלאַס, גילטען נישט די הויכע געבאָטען פון דער מאָראַל, אַז אין געגענטייל די מאָראַל, וואָס בעפעהלט אונז צו העלפען אונזערע חברים, צווינגט אונז דערמיט גלייכצייטיג צו פערניכטען דעם פיינד, וואָס לויערט אויף זיי, אַז די געבאָטען פון מסירות-נפש, סאָלידאַריטעט, עהרליכקייט און טרייהייט גילטען נישט אין בעציהונג צום פיינד פונ'ם קלאַס.

אונזערע געגנער האַלטען פאַר אַ גרויל, וואָס מיר זאָגען עס, און זיי שפּעט'ען-אָב פון אונז דערפאַר. אָבער רוהיג קאָנען מיר ווידער-אַמאָל אָנווייזען דערויף, אַז גראַד זיי אַליין, קאָנסערוואַטיווע, ליבעראַלען, קלעריקאַלען און דעמאָקראַטען טוהען כסדר טאַקי דאָס אייגענע. וואָרן טאָג איין טאָג אויס, יאָהר איין יאָהר אויס דערלאָזען זיי נישט די פיינד פון זייער קלאַס, די אַרבייטער, צו בעקומען דאָס נויטוועגדיגסטע; זיי זענען גאָרנישט מקריב פונ'ם אייגענטום פון זייער קלאַס, חוץ וואָס עס ווערט ביי זיי אַרויסגעריסען דורך דער מורא פאַר דער מאַכט פון די אַרבייטער; זיי ווייזען נישט אַרויס אפילו די מינדסטע סאָלידאַריטעט מיט די אַרבייטער, נאָר זיי שמידען זיי אין קייטען, ווען יענע פּרובען זיך ריהרען; זיי זענען נישט אין בעציהונג צו די אַרבייטער עהרליך און טריי, נאָר בעת עס קומען די וואַהלען גיבען זיי שטענדיג די אַרבייטער פערשידענע הבטחות און דערנאָך האַלטען זיי נישט קיין וואָרט. און ביני לביני דרש'ענען זיי וועגען ליבע צום נאָהענטען, צו אַלע נאָהענטע!

דאַגעגען זעהען מיר פון דער געשיכטע אַרויס, אַז די הויכֿע געבאָטען פון דער מאָראַל האָבען אין בעציהונג צום שונא קיינמאָל נישט געגאָלטען, אויב דורכ'דעם איז געטוהן געוואָרען אַ טובה דעם אייגענעם קלאַס אָדער דעם אייגענעם פאָלק, און מיר זענען מודה מיט'ן פולען מויל, אַז אויך מיר וועלען זיך נישט מוסר-נפש זיין, אויך מיר וועלען נישט זיין סאָלידאַריש, נישט זיין טריי און נישט זיין עהרליך אין בעציהונג צו דעם פיינדליכֿען קלאַס, ווען דאָס וועט אונז דיקטירען די אמת'ע טובה פון אונזער אייגענעם קלאַס.*)

געגען די דאָזיגע אויספיהרונגען ווערט אפשר געשטעלט די טענה, אַז פון דעסטוועגען ווערט דאָך נישט דערשטיקט אינ'ם קלאַסען-קאַמף יעדעס מענשליך געפיהל; אויב שוין אין קריג, נישט קוקענדיג אויף דער שטרעבונג צו פערניכטען דעם געגנער, גילטען-אָן פון דעסטוועגען געוויסע געבאָטען פון דער מאָראַל, די געפאַנגענע ווערען נישט דער'הרג'עט, דאָס וואָרט וואָס מען גיט אָדער אַ צוזאָג ווערען געהאַלטען, אויף וויפיל מעהר גילט עס שוין אָן אינ'ם קלאַסען-קאַמף, וואו די צדדים שטעהען אויף אַזויפיל נעהנטער איינע צו די אַנדערע?

די דאָזיגע בעמערקונג איז פולשטענדיג ריכֿטיג, אָבער זי איז נישט קיין שום טענה געגען אונזערע אויספיהרונגען. מיר בעטאָנען דאָך טאַקי בפירוש, אַז די געבאָטען פון דער מאָראַל ווערען אין בעציהונג צום פיינד בלויז דעמאָלט פעררוקט אָן אַזייט, ווען דאָס פאָדערט די אמת'ע טובה פונ'ם קלאַס. דאָס מענשליכֿע געפיהל ווערט אינ'ם קלאַסען-קאַמף, בכלל גענומען, נישט דערשטיקט, נאָר בלויז דעמאָלט, ווען איין קלאַס האַלט עס פאַר אַ זאַך, וואָס איז אונפערמיידליך פאַר זיין עקזיסטענץ. ווען דאָס איז נישט נויטיג, ווערען די אַרבייטער דורך דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט נישט געטויט; אָבער ווען דאָס איז נויטיג, ווערען זיי געטויט. אין די פּרייסישע באַרג־זאַוואָדען ווערען נישט איינגעפיהרט קיין אַרבייטער-קאָנטראָלערען, ווייל מען האָט מורא, אַז די גרויסע מאַסען פון די באַרג־אַרבייטער וועלען דעמאָלט ווערען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש צו מעכטיג. אין יאָהר 1903 האָט מען די באַהן־אַרבייטער אין האָלאַנד געלאָזט בלויז הונגערן, אָבער אין יאָהר 1871 זענען די קעמפּפער פון דער קאָמונע געוואָרען מאַסען־ווייז געטויט, ווייל די

*) אונזערע געגנער דרינגען דערפון אַרויס, אַז אין בעציהונג צו די קאַפּיטאַליסטען האַלטען מיר, אַז שטענדיג מעג מען טוהן געגען זיי אַלץ אין דער וועלט. דאָס איז פאַלש. ווי מיר האָבען אויבען געזאָגט—בלויז דעמאָלט, ווען דאָס פאָדערט די אמת'ע טובה פון אונזער קלאַס. גענאַרעריי, ליגען, צעשטערונג פון מאַשינען און אייגענטום, גוואַלדטאַהטען זענען אָפט שעדליך פאַר אונזער קלאַס. און דאָס בענוצען די דאָזיגע מיטלען וואָלט דעמאָלט זיין גאָר אַ סתירה צו דער מאָראַל, וועלכֿע הייסט אונז האַנדלען אין די אינטערעסען פון אונזער קלאַס.

בורזשואַזיע האָט געהאַלטען אַלס נויטיג פאַר איהר הערשאַפט, אַרויפצוואַרפען אויפ'ן פּראָלעטאַריאַט אַ גרויסע שרעק.

און פערקעהרט ווערט אויך דער אַרבייטער נישט אָבנאַרען און אָבשווינדלען דעם אונטערנעהמער, וואו נור ער קאָן. געוועהנליך ליעגט אייגענטליך אין דעם קלאַסען-אינטערעס פונ'ם אַרבייטער **נישט** אָבצונאַרען דעם אונטערנעהמער. אָבער דאָרט, וואו דער אינטערעס פון זיין קלאַס פאָדערט צו האַנדלען געגען די מאָראַלישע געבאָטען, ווערט ער טאַקי האַנדלען געגען זיי.

אָבער דווקא אין דעם דאָזיגען פונקט הערען זיך טענות פון סאָציאַל-דעמאָקראַטען גופא, פון קעמפענדע אַרבייטער. זיי אַנערקענען אמת, אַז די קאַפּיטאַליסטען ברעכען בסדר אינ'ם קלאַסען-קאַמף די געבאָטען פון דער מאָראַל, אַז כדי צו פערפעסטיגען די אונטערדריקונג האַנדלען זיי אונטריי, ב פאַלש, נישט-עהרליך, גוואַלדטעהטיג געגען דעם אונטערדריקטען קלאַס. אָבער דער סאָציאַליזם—זאָגען זיי—בעדייט דאָך דווקא אַ העכערע מאָראַל; קעמפענדע אַרבייטער נויטיגען זיך נישט אין אַזעלכע מיטלען, און ווען זיי ווערען אַמאָל אַלס אויסנאַהם בענוצט, זאָלען מיר דאָס טאַקי פעראורטיילען.

אין דער דאָזיגער טענה איז ריכטיג בלויז דאָס איינע, אַז דער אַרבייטער-קלאַס איז אַסך ווייניגער פאַר'ן הערשענדען קלאַס געצוואונגען צו ברעכען אינ'ם קלאַסען-קאַמף די מאָראַלישע געבאָטען; דאָס ליעגט אין זיין לאַגע אַלס אונטערדריקטער שוואַכער קלאַס, וועלכער ווערט אויפגעריכט דורך דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג גופא, אין דער צייט, וואָס די הערשענדע קלאַסען שטרעבען אומזיסט זיך צו האַלטען. אָבער בכלל גענומען איז די דאָזיגע בעמערקונג אַ בעוויז, אַז שטענדיג בעמערקט מען זעהר גוט, ווי אַזוי דער קלאַסען-פיינד ברעכט די מאָראַל, און זעהר שווער בעמערקט מען דאָס אייגענע, ביי דעם אייגענעם קלאַס. אַ פּאָר ביישפּילען וועלען אונז ווייזען,—אויב מיר ווילען נור קוקען דעם אמת קלאָר אין די אויגען,—אַז אפילו מיר אַליין פעראורטיילען נישט קיין האַנדלונגען געגען די מאָראַלישע געבאָטען, אויב זיי ליעגען נור **ממשות'דיג** אין די אינטערעסען פון אונזער קלאַס, נאָר מיר לויבען זיי אַלס העכסטע אויסגעצייכענטע טאַהטען.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַ פאַבריק מיט נידריגע לויהנען און אַ פּראָפּעסיאָנעלען פעראיין, וואָס וויל אויסקעמפען אַ העכערען לויהן. אויספיהרען קאָן מען עס בלויז מיט אַ פּלוצלינגען שטרייק. אַ פּאָר טעג פאַר'ן אויסברוך פון שטרייק, ווען אַלץ איז שוין צוגעגרייט, בעמערקט דער אונטערנעהמער עפּעס; רופט ער אַרויס איינעם פון די אַרבייטער און פרעגט איהם, צי עס קומט עפּעס פאָר. ווען דער אַרבייטער זאָל געבען נישט קיין קלאָרען ענטפער, פערשטעהט שוין דער פאַבריקאַנט תיכף, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און ער גרייט־צו שטרייקברעכער. דעריבער זאָגט דער אַרבייטער **אַליגען**. ער לייקענט אָב, אַז עס קומט עפּעס פאָר און ער ערקלערט, אַז ער הייבט פון גאָרנישט אָן צו וויסען. אין די אויגען פון פאַבריקאַנט איז עס אַ שלעכטע

טאהט,—א קלייניגקייט, א „ליגען״ !—אבער אין די אויגען פון די ארבייטער איז עס א גוטע זאך. אזעלכע פאלען קומען פאר זעהר פיעל. ליגען זאגען קאן אלזא זיין א גוטע זאך אויך.

לאמיר זיך פארשטעלען א ביוראליסט אין א מיניסטעריום, וועלכער איז א סאציאל־דעמאקראט. ער בעקומט אין זיינע הענד א פראיעקט, וועלכער איז א געפאהר פאר זיין קלאס. ג נ ב׳ עט ער ארויס דאס פאפיר און שטעלט עס צו אין די רעדאקציע פון „פארווערטס״. מיר געפינען זיין טאהט פאר וואויל און פיין. אונעהרליכקייט געגען דעם פיינדליכען קלאס קאן אלזא זיין א מעלה אין די אויגען פונ׳ם אייגענעם קלאס.

אין יאהר 1903 האבען פיעל באהן־ארבייטער אין האלאנד זיך אבגערעדט, אז לויט א בעשטימטען סיגנאל זאל מען מעהר די צוגען נישט לאזען פאהרען. פערשטעהט זיך, אז געגען די באהן־געזעלשאפטען איז דאס געווען אנ׳אקט פון אונטרייהיים, מיר דאגעגען בעטראכטען עס אלס א טאהט פון דער העכסטער טרי ה״יט.

נאך דעם האלענדישען באהן־שטרייק איז בעשטימט געווארען א פארלאמענטארישע קאמיסיע אויף אויסצופארשען די לאגע פון די באהן־ארבייטער. די קאמיסיע האט ענטדעקט שלעכטע צושטאנדען; אבער איהר בעריכט איז געבליבען געהיים, און די רעגירונג האט אזוי־ארום געפונען, אז זי איז פטור פון טוהן עפעס דערצו. האט זיך אבער געפונען עפעס א ביוראליסט אדער א בעאמטער אדער א זעצער, וועלכער האט דעם בעריכט בעקומען אין זיינע הענד און האט געגעבען א קאפיע דערפון דעם סעקרעטאר פונ׳ם אייזענבאהן־פערבאנד און יענער האט גערעדט וועגען בעריכט אומעדום אויף עפענטליכע פערזאמלונגען. קיין שום ארבייטער, קיין שום סאציאל־דעמאקראט האט דעמאלט נישט געשטאלט די דאזיגע טאהט; יעדער איינער האט געפיהלט, אז די טרייהייט צום אייגענעם קלאס האט געגאלטען מעהר, ווי די טרייהייט צו די קאפיטאליסטען.

נאך וואס דארף מען נאך מעהר ביישפילען, כדי אנטקעגענצושטעלען אונזער וואהרהייט אנטקעגען דער צביעות׳דיגער בורזשואזער מאראל! נאך איינעם: די ארבייטער פון דער קאמונע האבען נישט געצעגערט, צו בעקעמפען די רעאקציאנערע קלאסען מיט דער הילף פון זייער געוועהר. דאס איז געווען מארד אין די אויגען פון די געגנער, אבער העכסטער מוט און זעלבסטאפפערונג אין אונזערע אויגען. דאס אייגענע קאן געזאגט ווערען וועגען אונזערע חברים, די קעמפער פון דער רוסישער רעוואלוציע.

און פערקעהרט קאן מען דערוויזען מיט א גוזמא ביישפילען, ווי אזוי אונזערע געגנער ברעכען אינ׳ם קלאסען־קאמף די מאראלישע געבאטען. מיר ווידערהאלען אלזא נאך אמאל: אלע קלאסען האנדלען אינ׳ם קלאסען־קאמף לויט א זיטע, וועלכע שטעהט אין א ווידערשפרוך צו דער אלגעמיינער מאראל, וואס עס פרעדיגט די בורזשואזיע, די קאפיטאליסטישע קלאסען נארען־צב,

בעשווינדלען און בע'גנב'ענען כסדר דעם אַרבייטער-קלאַס; זיי טוהען עס אַלס הערשער, און דערפאַר איז עס נאָך ערגער; זיי מוזען דאָס טוהן, ווייל זייער געזעלשאַפטליך סיסטעם איז געבויט דערויף. אָבער אויך דער אַרבייטער-קלאַס ווערט אָפט געצוואונגען, צו זיין אינ'ם קלאַסען-קאַמף אונטריי, אונעהרליך א. אַז. וו. *)

נאָך אַ בעמערקונג איז דאָ נויטיג, כדי מען זאָל דעם ענין ריכטיג פערשטעהן. מיר האָבען בעוויזען, אַז אַלע קלאַסען בענוצען אינ'ם קלאַסען-קאַמף די אונעהרליכקייט אַלס מיטעל און זיי בעטראַכטען עס פאַר מאָראַליש. אָבער דער פערמעגליכער קלאַס איז דורך זיין לאַגע געצוואונגען, צו געברויכען די אונעהרליכקייט אַלס קאַמפּס-מיטעל אַסך מעהר איידער דער אַרבייטער-קלאַס. דאָס איז ריכטיג נישט בלויז פאַר דעם אַלטעגליכען קאַמף, נאָר קודם-כל אויך פאַר דעם וויסענשאַפטליכען אמת וועגען דער געזעלשאַפט גופא.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געהט-אונטער, דער אַרבייטער-קלאַס קומט-אויף; אַזוי וויל דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס. אָבער אַנערקענען דעם דאָזיגען פאַקט, וואָלט שוין זיין פאַר דער בורזשואַזיע אַ טייל פון איהר אונטערגאַנג, וועלכען זי וויל נישט, פערשטעהט זיך. דעריבער האַסט זי אַלע אמת'ן, וועלכע האָבען אַ שייכות צום דאָזיגען געביט פון איהר אונטערגאַנג, און אומעדום, וואו זי הערשט נאָך, פּרובט זי די דאָזיגע אמת'ן צו בעקעמפען. אָבער אַזוי ווי דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס ווירקט אונברחמנות'דיג, איז דאָס איהר מעגליך צו טוהן בלויז מיט דער הילף פון דעם שקר. צוליב דעם קלאַסען-אינטערעס זוכט זי אינסטינקטיוו דעם ליגען, און אין בעסטען פאַל גלויבט זי טאַקי אַליין, אַז דער שקר איז גאָר אַנ'אמת; דער אַרבייטער-קלאַס דאַגעגען

״אָפּט ווערט געזאָגט, אַז די דאָזיגע שאַרפע ערקלערונג און אָנערקענונג, אַז עס עקזיסטירט אַ קלאַסען-מאָראַל, שאַדט אונז אין דער אַגיטאַציע, ווייל אונזערע געגנער שטעלען עס אַרויס געגען אונז און דורכדעם רופען זיי געגען אונז אַרויס די פאָראורטיילען פון די נישט-אויפגעקלערטע מאַסען. אָבער ווער עס זאָגט עס, האָט נישט קיין ריכטיגען בעגריף וועגען דער קראַפט, וואָס דער טעאָרעטישער אמת גיט צו דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס.

פאַר דער פּראַקטיק קאָן איך אגב פון מיין אייגענער ערפאַהרונג אַלס אַגיטאַטאָר, רעקאָמענדירען פאָלגענדעס. ווען אַ געגנער וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר אָנערקענען די עקזיסטענץ פון א קלאַסען-מאָראַל—וועגען פרעדיגען אַ קלאַסען-מאָראַל איז נישטאָ נאַטירליך וואָס צו רעדען—זאָל מען פאָדערן פון איהם, ער זאָל ברענגען בעשטימטע פאַלען, אין וועלכע אונזער קלאַס האָט גענאַרט, בעשווינדעלט א. אַז. וו. מעהרסטענטיילס וועט ער קיין סך אַזעלכע פאַקטען נישט האָבען צו ברענגען; וועט ער ברענגען דעם פאַל פון גנב'ענען אַ געהיימען דאָקומענט, זאָל מען דעמאָלט בעקענען דעם צוהערער מיט דער גאַנצער מעשה גענוי. זענען די צוהערער אַרבייטער, וואָס זענען שוין דערוואַקסען פאַר אונזער אַגיטאַציע, דעמאָלט וועט דאָס פון די פריהערדי-

האָט אויך יעדען געביט פון דער געזעלשאַפט אַנ׳אינטערעס אין דעם אמת. דער אַרבייטער־קלאַס קומט-אויף דורך די געזעלשאַפטליכע כוחות; ער זיל זיי אַלזאָ קענען; די דאָזיגע קענטעניש איז אַ ישועה פאַר איהם, וואָרן זי ווערט אַ נייע קראַפט פון זיין אויפבליהונג.

אַלץ, וואָס איז נוגע דעם געביט פון קלאַסען-קאַמף, איז אַלזאָ פאַר אונז אַ זאַך פון אַנ׳עהרליכען, אמת׳זוכענדיגען שטודיום. מיר האָבען נישט קיין מורא פאַר דעם קלאָרען קענען און וויסען, ווייל אונזער זיעג ווערט וואָס ווייטער אַלץ זיכערער.

מיר קאָנען אַלזאָ נישט זאָגען שטענדיג דעם אמת; אינ׳ם קאַמף מוזען מיר זיין אַנטקעגען געגנער—אונזערע ביישפילען האָבען עס דערוויזען—צייטען-וויז נישט-עהרליך, אָבער דעם וויסענשאַפטליכען אמת וועגען דער געזעלשאַפט זוכען מיר שטענדיג, דאָס בעהאַלטען מיר קיינמאָל נישט. אויך צוליב אונזער קלאַסען-אינטערעס.

דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישען דעם פראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע.

אויך דאָ זאָל ענטשיידען דער אַרבייטער אַליין, אויף וועלכער זייט ער וויל זיך שטעלען, אויף דער זייט פון די קאַפּיטאַליסטען אָדער פון די סאָציאַליסטען.

נאָך איין זאַך דאַרף נאָך פון דעסטוועגען אויפגעקלעהרט ווערען און דעמאָלט ווערען מיר שוין פאַרטיג מיט דעם דאָזיגען שוועריגען פונקט.

אַנ׳אויפמערקזאַמער לעזער וועט פיליכט שטעלען די פראַגע: צי דען שוועבט נישט פאַר די אויגען פון אַלע מענשען איין גלייכער הויך-מאָראַלישער אידעאַל, און ווען אפילו די מאָראַל איז נישט אייביג און אין איהר ווירקונג איז זי נישט אַלעמאָל איינע-און-דיזעלבע, איז דען נישט פיליכט דער

גע דורות געדרשנ׳טע געפיהל פון סאָלידאַריטעט מיט די חברים תיכף רעדען אין זיי אינסטינקטיוו און וועט זיי געבען צו פיהלען, אַז מיר האָבען געהאַט רעכט.

האָט מען שוין דעם אָנגריף פון געגנער אַזוי־אַרום אָבגעשלאָגען, געהט מען שוין אַליין אַריבער צום אָנגריף. נאָך דעם דורכגעפאַלענעם ביישפיל פון אַ שלעכטער קלאַסען־מאָראַל ביי אונז, זאָל מען ווייזען די שלעכטע קלאַסען־מאָראַל פון די קאַפּי־טאַליסטען, פון די אונטערנעהמער־פערבאַנדען, פון דער בירגערליכער פרעסע, פון די פּאָליטיקער אין בעציהונג צו אונז, אין בעציהונג צום אונטערדריקטען קלאַס. דעמאָלט זאָל מען ווייטער דורכפיהרען דעז פערגלייך צווישען אונזער קלאַסען-מאָראַל וואָס פערטיידיגט די אונטערדריקטע און זייער קלאַסען־מאָראַל, וועלכע וויל זיי שטיקען; מען זאָל פערגלייכען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וועלכע בוגעגט מיט זיך אַזאַ מאָראַל, מיט דער קלאַסען־לאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו די גאַנצע מענשהייט וועט זיין אַ סאָלידאַרע ברודערשאַפט. דעמאָלט וועט זיך ערשט ווייזען אַ ווירקונג אויף די אַרבייטער! דעמאָלט וועט זיך אויפסניי אַרויסווייזען, אַז נור דער טעאָרעטישער אמת פיהרט אונז צום זיעג.

אידעאַל פון דער גלייכהייט, פון דער אַלגעמיינער ליבע צום נאָהענטסטען, פון גליק און גערעכטיגקייט ביי אַלעמען און אין אַלע צייטען איינער און דערזעלבער?

דערויף ענטפערט דער מאַרקסיזם: לפנים איז דאָס ריכטיג; שטענדיג געפינט מען אַלץ די אייגענע ווערטער אין דער מענשליכער געשיכטע: פריי-הייט, גלייכהייט, רעכט, ברידערליכקייט. עס קומט אויס אין פלוג, אַז דער אידעאַל איז שטענדיג איינער און דערזעלבער.

נאָר ביי אַ גענויערען בעטראַכטען שטעלט זיך אַרויס אַלס אורזאַך פון דער דאָזיגער ערשיינונג, אַז זינט עס עקזיסטירט אַ קלאַסען-געזעלשאַפט, האָבען אַלע הערשענדע קלאַסען גענומען אין זייער שוץ די אונפרייהייט, די אונגלייכהייט און דאָס אונרעכט, און אַלע בעהערשטע און אונטערדריקטע וויבאַלד זיי זענען נאָר געקומען צום בעוואוסטזיין און זייער קראַפט האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען, האָבען געפאָדערט רעכט, פרייהייט און גלייכהייט. ווייל תמיד איז געווען אַנ'אונטערדריקונג, איז תמיד געוועזען אַ חשק פאַר פרייהייט און גלייכהייט. ווען מיר קוקען אָבער אַריין הינטער די לאָזונגען, הינטער די ווערטער, דעמאָלט געפינען מיר, אַז די גלייכהייט און פרייהייט, וואָס די איינע האָבען געפאָדערט, איז געווען גאָר אַנ'אַנדערע ווי די, וואָס די אַנדערע האָבען פערלאַנגט, און אַז דער חילוק, דער אונטערשייד, האָט זיך גענומען פון די קלאַסען-בעציהונגען אָדער פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, אין וועלכע די פערשידענע אונטערדריקטע האָבען זיך געפונען. מיר האָבען דאָס שוין פריהער איבערגעוויזען מיט די ביישפּילען פון'ם קריסטענטום, פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דערום דאַרפען מיר עס נישט נאָך אַמאָל דערווייזען.

אויך דער מאָראַלישער **אידעאַל** איז פאַר פערשידענע צייטען און קלאַסען פערשידען. ער לעבט און ענטוויקעלט זיך אַזוי ווי אַלע אידעען. די **גאַנצע** מאָראַל איז אַלזאָ, פונקט אַזוי ווי די פּאָליטיק, דאָס רעכט און אַנדערע פּראָדוקטען פון גייסט, אַ **נאַטירליכע** ערשיינונג, וועלכע מיר קאָנען גאַנץ גוט פערשטעהן און נאָכשפּירען אין איהר ענטוויקלונג.

בעמערקונג.

די מאָראַל איז נישט אַזאַ געביט פון גייסט, וואָס איז אינגאַנצען אָבגעשיידט פון די אַנדערע. דער מענש איז נישט אין איין טייל אַ פּאָליטיש וועזען, אין אַנ'אַנדערען טייל אַ יוריסטיש וועזען, דאַן ווידער בעזונדערס אַ מאָראַליש וועזען, און אין איין טייל אַ רעליגיעז וועזען. דער מענש איז אַ גאַנצע זאַך, וואָס מיר צעשניידען בלויז אין פערשידענע טיילען, כדי עס **בעסער צו בעגרייפען**, כדי מיר זאָלען קאָנען בעסער בעטראַכטען יעדען טייל פאַר זיך. אין דער ווירקליכקייט זענען די פּאָליטישע, מאָראַלישע,

יוריסטישע, רעליגיעזע בעגריפען ענג צונויפגעפלאָכטען איינע מיט די אַנדע-רע און זיי בילדען צוזאַמען א י י ן אינהאַלט מענ'ס גייסט. און דערום חידושט אונז גאָר נישט, וואָס זיי אַלע צוזאַמען ווירקען איינע אויף די אַנדערע. אַ פּאָליטישע איבערצייגונג, ווען זי איז שוין איינמאָל געשאַפען, בעקומט זי אַן אייגענעם כּוח און ווירקט אויף די יוריסטישע בעגריפען און מאָראַלישע געפיהלען; די מאָראַלישע געפיהלען קוים זענען זיי איינמאָל געשאַפען, ווירקען פון זייער זייט צוריק אויף די פּאָליטישע און אַנדערע איבערצייגונגען.

מיר וועלען עס ווידער דערווייזען דורך אַ ביישפּיל.

ווי בעוואוסט, ווערען פיל מענשען צוליב דעם עלענד, וואָס עס שאַפט דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, דערפיהרט צום מיסברויכען מיט אַלקאָהאָל, צו שיכּרות. דער קאַפּיטאַליזם ברענגט פונדעסטוועגען די אונגליקליכע מענשען אויך צו אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע און צום קאַמף און שאַפט ביי זיי דורכדעם די מאָראַלישקייט: געפיהלען פון סאָלידאַריטעט, אַ גרעסערע מאָראַלישע ווי-דערשטאַנדס-קראַפט, טאַפּפערקייט, שטאָלץ א. אַז. וו. די דאָזיגע מאָראַליש-קייט, די דאָזיגע סאָציאַלע אינסטינקטען פיהרען צום אָבהאַלטען זיך פון שיכּרות אָדער צו מעסיגקייט, און די לעצטע ווירקען פון זייער זייט, אַז די פּאָליטישע איבערצייגונגען זאָלען ווערען קלאָרער און די פּאָליטישע קראַפט פון די, וואָס זענען פריהער געווען אַזוי אונגליקליך, זאָל ווערען אַסך גרע-סער. די מאָראַל האָט אַלזאָ צוריקגעווירקט אויף דאָס וויסען, דאָס דענקען, אויף די אידעען וועגען רעכט, אייגענטום און קלאַסען-קאַמף.

עס בלייבט נאַטירליך לחלוטין ריכטיג, אַז די ענדערונג אין דער מאָ-ראַל נעהמט זיך פון דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען — אָהן זיי וואָלט דאָך דער אונגליקליכער קיינמאָל נישט געקומען צו דער אָרגאַניזאַציע און צום בעוואוסטזיין פון זיין קראַפט, — אָבער עס איז פאַראַן אַ צוריקווירקונג, אַ וועקסעל-ווירקונג צווישען די דאָזיגע אַלע גייסטיגע געביטען, וואָס האָבענ-דיג זייער וואָרצעל אין דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, בעאיינפלוסען זיי זיך איינע די אַנדערע.

אונזערע געגנער ווילען אונז אָפט אָבשטאַרען דערמיט, וואָס זיי ווייזענ-אָן אויף דער ווירקונג פון די גייסטיגע אורזאַכען, די רעליגיע, די מאָראַל, די וויסענשאַפט. דער סאָציאַל-דעמאָקראַט וויל זיך נישט לאָזען פערפיהרען דורכדעם. ער וועט גערן אַנערקענען די ו י ר ק ו נ ג פון די גייסטיגע כּוחות, וואָרן נאָך וואָס וואָלט ער דען אַליין אַזוי שטאַרק אויפגעבודערט די גייסטער, — די הערצער, די מוחות, — ווען ער וואָלט געגלויבט, אַז זיי קאָנען גאָרנישט אויפטהון? אָבער ער וועט אויך אויספאָרשען, פון וואַנען האָט זיך גענומען די בעוועגונג פון דער דאָזיגער גייסטיגער קראַפט, נאָך איידער זי האָט אויס-בעאיבט די דאָזיגע ווירקונג? און דעמאָלט וועט ער אַרויסגעפינען, אַז די אורזאַך דערפון אין דער לעצטער אינסטאַנץ איז די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע און פון די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען.

ו. רעליגיע און פילאָזאָפיע.

יעדע רעליגיע—עס זענען געווען און ס׳זענען פאַראַן טויזענדער מינים רעליגיעס—יעדע רעליגיעזע סעקטע בעטראַכט זיך אַליין אַלס די אמת׳ע. און פונדעסטוועגען איז קיין זאַך נישט אַזוי שטאַרק אָבהענגיג פון דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, קיין זאַך ענדערט זיך נישט אַזוי מיט דער טעכניק, ווי די רעליגיע. מיר וועלען דאָס אויפווייזען אין אַ קורצער איבערזיכט.

ווען די טעכניק איז נאָך נישט געווען דער בעל-הבית איבער די נאַטור-קרעפטען, דאַמאָלסט האָבען די נאַטור האָט דעם מענשען כמעט פולשטענדיג בעהערשט, ווען ער האָט נאָך געמוזט בענוצען אַלס ווערקצייג דאָס, וואָס ער האָט געפונען אין דער נאַטור, און אַליין האָט ער ערשט געקאָנט ווייניג מאַכען, האָט ער געדיענט צו די נאַטור-קרעפטען—צו דער זון, דעם הימעל, דעם בליץ, דעם פייער, די בערג, די ביימער, די טייכען, די חיות—אַלץ לויט דעם, ווי וויכטיג די דאָזיגע זאַכען זענען געווען פאַר דעם שטאַם. אַזוי איז עס נאָך אויך אַצינד ביי די אַזוי־גערופענע נאַטור-פעלקער. למשל די איינוואוינער פון ניי־גווינעאַ דיענען צו דער סאַגאָ-פאַלמע אַלס צו זייער גאָט; די מיינען, אַז זיי שטאַמען-אָב פון דער דאָזיגער פאַלמע.

אָבער באַלד ווי די טעכניק האָט זיך געהאַט ווייטער ענטוויקעלט, עס איז אַרויסגעקומען די לאַנדווירטשאַפט, קריעגס-לייט און כהנים האָבען צוגענומען פאַר זיך די מאַכט און דאָס פערמעגען, עס זענען אַרויסגעקומען הערשער און בעהערשטע, אַלזאָ קלאַסען, מען איז אַלזאָ מעהר נישט געווען אַזוי פולשטענדיג אונטערגעוואָרפען דער נאַטור, נאָר דער מענש און קודם-כל דער הויכגעשטעלטער מענש, האָט אויסגעאיבט די מאַכט—זענען די עכטע נאַטור-געטער פערשוואונדען און האָבען בעקומען דעם כאַראַקטער פון וועזענס, וועלכע מען האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס מעכטיגע מענשען. די געטער-געשטאַלטען, וועלכע מען געפינט ביי דעם אַלטען גריכישען דיכטער האָמער, זענען מעכטיגע פירשטען און פירשטינס, איינער דער פערגעטליכטער מוט, די אַנדערע די פערגעטליכע חכמה, שענהייט, ליבע. דאָס זענען נאַטור-געטער, וועלכע זענען געוואָרען הערליכע מענשען. די טעכניק האָט דעם מענש מאַכט געגעבען, זענען די געטער צו מעכטיגע מענשען געוואָרען.

אָבער ווען די גריכען האָבען צוליב זייער טעכניק, וואָס האָט זיך כסדר פערגרעסערט, פערדעקט זייער לאַנד מיט קאָמוניקאַציאָנס-וועגען, דעם ים מיט שיפען און דער-עיקר די ברעגעס מיט שטעט, ווען האַנדעל און אינדוסטריע האָבען זיך צעבליהט, מיט איין וואָרט: ווען עס איז געשאַפען געוואָרען די סחורות-געזעלשאַפט, אין וועלכער אַלץ איז געוואָרען אַ סחורה: לאַנד, פראָדוקטען, ווערקצייג, שיפען און פוהרען—דעמאָלט איז שוין פאַר דער דאָזיגער געזעלשאַפט סיי די זון, סיי דאָס פייער, סיי דער ים אָדער דער באַרג אָדער דער בוים נישט געווען מעהר דאָס וואונדערבאַרע, אַלערהעכסטע, איבערמעכ-

טיגע, געהיימניספולע געטליכע זאַך; מען האָט שוין צופיל געהאַט בעהערשט די נאַטור, כדי מען זאָל קאָנען פערגעטערן די דאָזיגע נאַטור-קרעפטען. אויך איז עס שוין דעמאָלט נישט געווען מעהר די מענשליכע קראַפט אָדער די מענשליכע געניטקייט, דער מוט אָדער די שעהנהייט, אַזוי ווי אין האָמערס צייטען; די דאָזיגע קערפּערליכע אייגענשאַפטען האָבען אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף קאָנקורענץ, נישט געהאַט מעהר דיזעלבע בעדייטונג וואָס פריהער. עס איז אָבער געקומען עפּעס אַנדערעס, וואָס האָט זיך אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט געוויזען אַלס דאָס אַלוויכטיגסטע, אַלס הערשער איבער אַלע הערשער, אַלס פלא איבער אַלע פלאים (וואונדער איבער אַלע וואונדער) און איז אַזוי טאַקי געווען פאַר זיי. דאָס איז געווען *דער גייסט, דער מענשליכער גייסט.*

אין דער סחורות-געזעלשאַפט איז דער גייסט דער וויכטיגסטער פאַקטאָר. ער בערעכענט, ער מאַכט ערפינדונגען, ער וועגט און מעסט, ער פערקויפט, ער ברענגט ריווח איין, ער אונטערטעניגט, ער בעהערשט מענשען און זאַכען. דער גייסט שטעהט אין דער סחורות-געזעלשאַפט אינ'ם צענטער פון לעבען, אַזוי ווי די סאַגאָ-פאַלמע ביי די פּאַפּואַסען און די שענהייט און קערפּער-קראַפט ביי האָמער'ן. ער איז דאָס *מעכטיגע.*

די ערשטע גרויסע פילאָזאָפען פון דער גריכישער סחורות-געזעלשאַפט, סאָקראַט און פּלאַטאָן, זאָגען עס אָפען, אַז די נאַטור אינטערעסירט זיי נישט, נאָר בלויז די ערשיינונג פונ'ם דענקען און פון דער נשמה.

דער דאָזיגער איבערגאַנג איז אַ דייטליכער רעזולטאַט פון דער טעכניק, וועלכע האָט די סחורות-געזעלשאַפט געשאַפען.

אינ'ם מענשליכען גייסט זענען געווען פיל אויסטערלישע ערשיינונגען, וועלכע מען האָט נישט פערשטאַנען. וואָס זענען געווען די אַלגעמיינע בעגריפען, וועלכע מען האָט בעגעגענט אינ'ם גייסט, פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע מאַכט איז געווען דאָס דענקען, וועלכעס האָט אַזוי לייכט און וואונדערבאַר אָפּערירט מיט די דאָזיגע אַלגעמיינע בעגריפען? פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? פון דער ערד האָט עס נישט געקאָנט קומען, דען אויף דער ערד געפינט מען בלויז בעזונדערע זאַכען און נישט קיין אַלגעמיינע. און וואָס זענען געווען די מאָראַלישע בעפעהלען, די דאָזיגע בעגריפען וועגען גוט און שלעכט, וועלכע מען בעגעגענט אינ'ס גייסט און וועלכע מען קאָן אָבער זעהר שווער אָנווענדען אין דער סחורות-געזעלשאַפט? וואָרן דאָרט אין דער סחורות-געזעלשאַפט איז וואָס פאַר איינעם איז גוט, איז שלעכט פאַר'ן אַנדערען: דעם איינעמס טויט איז דעם אַנדערענס ברויט און די טובה פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן בעדייט דאָרטען אָפט אַ רעה פאַר'ן כלל.

דאָס זענען אַלץ געווען רעטענישען אָהן אַ פּיתרון, אָהן אַ בעשייד, פאַר

די דאַמאָלסדיגע גרויסע דענקער פּלאַטאָן, סאָקראַט, אַריסטאָטעל, זענען און אַסך אַנדערע—רעטעניטעשן וואָס האָבען נישט געקאָנט ערקלערט ווערען פון דער נאַטור און פון דער ערפאַהרונג אַרויס און האָבען געמוזט פיהרען די דענקער דערצו, זיי זאָלען ערקלערען, אַז דער גייסט האָט אַ געטליכען יסוד.

די סאָציאַלע אינסטינקטען און געפיהלען האָבען פאַר׳ן מענש אַזאַ ריזיגע בעדייטונג, אַז ווען זיי ווערען דורך דער סחורות-געזעלשאַפט צעריסען, ווערט נויטווענדיג פאַר די מענשען די חקירה, די אויספאָרשונג, פון וואַנען זיי שטאַמען און ווי אַזוי קאָן מען זיי בעניימען. זיי זענען אויך אַזוי קרעפטיג און הערליך און דערהויבען, דאָס האַנדלען לויט זיי פערשאַפט אַזאַ מין הנאה און אַזאַ פערשטאַרקונג פון דער קראַפט, אַז ווען עס ווערט נישט-מעגליך צו האַנדלען לויט זיי בעקומט זייער הערליכקייט אַן׳אידעאַלען גלאַנץ און עס ווייזט-אויס, אַז זיי מוזען שטאַמען פון אַן׳אַנדערער, העכערער וועלט.

כדי צו ערקלערען זיי, איז שוין מעהר נישט נויטיג, אַזוי ווי פאַר די מאָסען נאַטור-ערשיינונגען, אַ הימעל מיט אַסך געטער; איין גאָט איז גענוג. און אַזוי ווי „גוטס און שלעכטס" זענען גייסטיגע בעגריפען, ווערט דעמאָלט דער דאָזיגער גאָט לייכט פאָרגעשטעלט אַלס גייסט.

אין דער סחורות-געזעלשאַפט הערשט די גייסטיגע אַרבייט איבער דער האַנד-אַרבייט. די רעגולירונג, די פערוואַלטונג מיט דער פּראָדוקציע און מיט דער מלוכה איז אַ זאַך פונ׳ם קאָפּ-אַרבייטער; דער בעל-מלאָכה איז אויב נישט דער שקלאַף, פאָרט אָבער דער אונטערטעניגסטער. אויך דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז אינ׳ם גייסט זאָל מען זעהן דאָס געטליכע, גאָט זאָל מען בעטראַכטען אַלס אַ גייסט.

עס איז געקומען דערצו, אַז אין דער סחורות-געזעלשאַפט ווערט יעדער מענש אַ יחיד בפני עצמו אַן׳אינדיווידיואום פאַר זיך, וועלכער שטעהט אין קאָנקורענץ מיט אַנדערע. יעדער מענש ווערט דאָרט אַן׳אַלוויכטיגסטער אָביעקט פאַר זיך אַליין און ווייל אַלץ פיהלט ער, בעקלעהרט און ענטשיידעט אין זיין גייסט—ווערט זיין גייסט פאַר דעם אַלוויכטיגסטען טייל פון דעם דאָזיגען אָביעקט. דאָס האָט אויך געמוזט ווירקען אויף די מענשען פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט צו בעטראַכטען דעם גייסט אַלס געטליך און גאָט אַלס אינדיווידואַליסטישען, פאַר זיך זעלבסט עקזיסטירענדען גייסט.

די טעכניק האָט שוין דעם מענשען געבראַכט אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין מעהר נישט פערגעטערט אַן׳אָקס, צי אַ קאַץ, אַן׳איביס, אַ בוים אָדער די מענשליכע קערפּער-קראַפט; אָבער נאָך האָט זי איהם נישט געבראַכט אַזוי ווייט, אַז ער זאָל קענען פערשטעהן דעם מהות פונ׳ם דענקען און די בעגריפען „גוט" און „שלעכט". דערום איז דעמאָלט דאָס גייסטיג-מאָראַלישע, וואָס איז געווען אין יענער געזעלשאַפט איבערמעכטיג אָבער אונבעגרייפליך, ערקלערט געוואָרען פאַר געטליך. און אַזוי איז עס געבליבען אין דער סחורות-

געזעלשאַפט ביז'ן היינטיגען טאָג. „גאָט איז אַ גייסט" זאָגט מען נאָך אויך אַצינד, און דאָס רוב מענשען מיינען נאָך אויך, אַז די מאָראַלישע בעגריפען האָבען אַן'איבערנאַטירליכע אָבשטאַמונג.

ווילאַנג די דענסטמאָל בעוואוסטע וועלט איז נאָך נישט געווען איין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גוף, דאָס הייסט איין גרויסע סחורות-געזעלשאַפט, איז נאָך נאַטירליך אין איהר געבליבען פּלאַץ פאַר אַסך געטער, אפילו נאָך פאַר נאַטור-געטער. אָבער ערשט ווען דער וועלט-האַנדעל פון די גריכען, דערנאָך אלכסנדר מוקדון און ענדליך די רוימער האָבען אַרום דער מיטעללענדישען ים געשאַפען אַ וועלט-אימפּעריע, וואָס איז געבויט אויף דער פּראָדוקציע פון סחורות, איז שוין גענוג געווען איין גייסטיגער גאָט, איין געטליכער גייסט, כדי צו ערקלערען די גאַנצע בעוואוסטע וועלט און אַלע שוועריגקייטען, וואָס עקזיסטירען אין איהר, און אַלע נאַטור-געטער פון איהר צו פערטרייבען. די רוימישע טעכניק, וואָס איז אומעדום אַריינגעדרונגען, דער רוימישער האַנדעל און קאָמוניקאַציע, די רוימישע סחורות-געזעלשאַפט האָבען אומעדום פערשטויסען די נאַטור-געטער. און אַזוי געפינט מען טאַקי די אידעע פון איין גאָט, דעם מאָנאָטעאיזם, און די צוויי פילאָזאָפישע וועלט-אַנשויאונגען, וועלכע האָבען דענסטמאָל אָבגעהאַלטען דעם זיג אין דער גרויסער אימפּעריע—אין דער לעהרע פון פילאָזאָף פּלאַטאָן און אין דעם סטאָאיציזם.

„און ווען איין בעשטימטער מין פון מאָנאָטעאיזם, וועלכער האָט בעזונדערס זיך געפּאַסט צו דער אַלגעמיינער ריזיגער עקאָנאָמישער מהומה, צו די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען אין דער רוימישער מלוכה פון דער קיסר-צייט, דער קריסטליכער מאָנאָטעאיזם, איז אַריינגעדרונגען אין דעם דאָזיגען געביט, האָט ער אומעדום געפונען דעם באָדען גרייט און ער האָט בלויז געדאַרפט דעם גריכישען מאָנאָטעאיזם אַריינצונעהמען אין זיך אַלס עלעמענט".

די גאַנצע געזעלשאַפט אַרום דעם מיטעללענדישען ים איז געוואָרען איין סחורות-פּראָדוצירענדע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אומעדום אַרויסגערופען די אייגענע רעטענישען און ווידערשפּרוכען, אומעדום גלייכע סחורות-פּראָדוצירענדע אינדיווידואומס. אומעדום איז געווען דער גייסט דאָס מעכטיגע, וואונדערבאַרע, מיסטעריעזע. אומעדום איז געווען דער גייסט: גאָט.

און אין דער מאָס, אין וועלכער די פרעמדע נאַטור-פעלקער, ווי די גאַליער און גערמאַנען, זענען אויפגענומען געוואָרען אין דער סחורות-געזעלשאַפט, האָבען זיי אויך ביסלעכווייז פערלוירען זייער אַמאָליגע רעליגיע און זענען אויך געוואָרען דערהאַקסען פאַר דעם קריסטענטום, וועלכעס האַלט, אַז די גאַנצע מאַכט שטאַמט פון איין גייסט.*)

*)אויך איצט נאָך ווערען „בעקעהרט" צום מאָנאָטעאיזם נאַטור-פעלקער, ביי וועלכע עס דרינגט אַריין די סחורות-פּראָדוקציע.

די קריסטליכע רעליגיע איז אָבער נישט געבליבען דאָס, וואָס זי איז געווען אין די ערשטע יאָהרהונדערטען. פון דער רעליגיע פון אַן'איינציגען קלאַס איז זי געוואָרען די רעליגיע פון אַלע קלאַסען, אין דער צייט וואָס די פּראָדוקציע איז צוריקגעגאַנגען ווידער צו דער נאַטור-ווירטשאַפט און דער גרויסער פּראָדוקציאָנס-בלל, ביי וועלכען עס איז גענוג געווען איין גאָט, איין גייסט אויף צו ערקלערען די וועלט, איז זיך אַלזאָ צעפאַלען אין אַ מענגע קליינע, איינע פון די אַנדערע אָבגעזונדערטע פּראָדוקציאָנס-גופים. און אין דער מאָס, אין וועלכער עס האָט זיך ענטוויקעלט די מיטעלאַלטערליכע געזעלשאַפט, האָט זיך ווידער געענדערט דער אינהאַלט פון דער רעליגיע. די מיטעלאַלטערליכע געזעלשאַפט איז געווען די געזעלשאַפט פונ'ם ערד-איי-גענטום, אין וועלכער די מענשען זענען שטופּענווייז אָבגעהאַנגען איינע פון די אַנדערע און אין וועלכע די אָבהענגיגע האָבען דעם עודף פון זייערע פּראָדוקטען נישט פערקויפט, נאָר אָבגעגעבען דעם הערר זייערען. די לייב-אייגענע (פּאַנשטשיזניקעס) און די „העריגע" האָבען צוגעשטעלט פאַר זייערע שררות, די וועלטליכע און די גייסטליכע—נאַטור-פּראָדוקטען. אין דער שפּיץ פון דער וועלטליכער געזעלשאַפט איז געשטאַנען דער קייזער, אונטער איהם די פירשטען, אונטער זיי די וואַסאַלען, אונטער זיי ווידער די נידעריגע אַדעל-לייט און אונטער די אַדעללייט—די גרויסע מאַסע פון די לייב-אייגענע און העריגע. אין דער קירך, וועלכע האָט אויך פערמאָגט אַ ריזיג ערד-אייגענ-טום, איז געווען אַן'עהנליכער צושטאַנד. די קירך האָט פון דער אַלטער אָרימער קהילה מיט איהר קאָמוניסטישען קאָנסום-אופן זיך ענטוויקעלט אין אַן'אונגעהייערען עקספּלואַטאַציאָנס-אינסטיטוט. אין איהר שפּיץ איז געשטאַ-נען דער פּויפּסט, דערנאָך זענען געגאַנגען די פערשידענסטע הויכע גייסטלי-כע הערען, וועלכע זענען שטופּענווייז געווען אָבהענגיג איינע פון די אַנדע-רע: קאַרדינאַלען, אַרכיביסקופּען, ביסקופּען, פּאָרשטעהערס און פּאָרשטעהע-רינס פון קלויסטערס, דערנאָך זענען געגאַנגען די קלענערע גלחים, מאָנאַכען און נאָנעס (מנישקעס) פון אַלע מינים, ענדליך איז געקומען די גרויסע פּאָלקס-מאַסע, די קהילה. צוזאַמען האָבען אַלזאָ די גייסטליכע און די וועלטליכע מאַכטען געבילדעט איין גרויסע היעראַרכישע געזעלשאַפט, וועלכע איז קודם-כל געבויט געווען אויף דער ליפערונג פון נאַטור-פּראָדוקטען דורך די אונ-טערדריקטע. און לויט דעם בילד פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט מיט'ן דאָזיגען פּראָדוקציאָנס-אופן האָט זיך אויך איבערגעאַנ-דערשט די קריסטליכע רעליגיע. אין הימעל האָט שוין מעהר נישט געוואוינט איין גאָט אַליין, נאָר אַ גאַנץ פאָלק פון גייסטיגע כוחות. איבער אַלע האָט געקעניגט גאָט, איינס מיט זיין זוהן און מיט דעם הייליגען גייסט, אַלץ אַרומנעהמענדיג, אַלץ דורכדרינגענדיג. אונטער איהם שטופּענווייז פערשידע-נע מינים מלאכים מיט פערשידענע פונקציעס, אויך געפאַלענע מלאכים אָדער שדים, וואָס זענען ממונה איבער דאָס שלעכטס. דערנאָך—הייליגע, קדושים,

וועלכע זענען אויך ווידער געוואָרען אַ מין נייע קלענערע נאַטור־געטער — וויל די געזעלשאַפט איז צום גרעסטען טייל געבויט געווען אויף דער ליפע־רונג פון נאַטור־פּראָדוקטען, נישט פון קויף־סחורות, און איז אַלזאָ אָבהענגיג געווען פון דער נאַטור, פון די וועטערן צום ביישפּיל; די אַלע קדושים האָבען געהאַט יעדער איינער זיין בעשטימטע פונקציע: אַ הייליגער פאַר די וויינגערטנער, אַ הייליגער פאַר דעם היי־שניט, אַ הייליגע וואָס איז ממונה איבער די געבורטען א. אַז. וו. גאָט איז אַלזאָ געווען מיט דער דאָזיגער סביבה אַן׳אָבבילדונג פון׳ם קייזער אָדער פון׳ם פּויפּסט מיט זייערע נידעריגע־רע וועלטליכע און גייסטליכע מאַכטען. און אונטער די דאָזיגע אַלע מלאכים און הייליגע מאַכטען שטעהען די מענשען, לעבעדיגע און טויטע: אַן׳אָבביל־דונג פון די ערדישע קהילות און פון׳ם ערדישען פאָלק. די פּראָדוקציאָנס־און אייגענטום־בעציהונגען אויף דער ערד, די פּערזענליכע אָבהענגיגקייט פון די פירשטען, אַדעלליים, בישופען, קלויסטער־פאָרשטעהערס, לייב־אייגענע און פאָלק זענען דורך די הערשענדע קלאַסען פאַרגעשטעלט געוואָרען פשוט אַלס די ווירקונג, די יצירה פון פונקט אַזאַ געזעלשאַפט דאָרט אויבען אין הימעל, וועלכע איז טאַקי אויך נישט־צו־בעגרייפען מיט׳ן שכל, אָבער דווקא צוליב איהר געטליכקייט דאַרף זי גאָר נישט בעגריפען ווערען. און די נאַאיווע מענשען, פרומע תמימים, אין זייער דראַנג צו בעגרייפען די געזעלשאַפט, דעם געהיימניספולען מענשען־גייסט און דאָס „גוטע" מיט׳ן „שלעכטען" — האָבען די דאָזיגע פאָרשטעלונג אָנגענומען.

קיינמאָל, אין קיין שום צייט וואָס מיר ווייסען, איז די רעליגיע נישט געווען אַזוי דייטליך די אָבשפּיגלונג פון דער געזעלשאַפט. דער גייסט האָט געשאַפען אַ מלכותא דרקיעא כעין מלכותא דארעא, אַ הימליש בילד פון דער ערדישער געזעלשאַפט.

דאָס האָט זיך ווידער־אַרום געענדערט, ווען די שטעט זענען וואָס אַמאָל אַלץ מעהר אויפגעקומען.

דער שטאָטישער בירגער אין איטאַליען, דרום־דייטשלאַנד, די האַנזאַ־שטעט, אין פראַנקרייך, פלאַנדריען, ענגלאַנד, נידערלאַנד איז דורך דעם האַנדעל און אינדוסטריע געוואָרען מעכטיג און זעלבשטענדיג. ער האָט זיך בעפרייט פון די דריקענדע שטריק, אין וועלכע די אַדעלליים האָבען איהם געהאַלטען געבונדען.

דאָס פערמאָגען אַ קאַפּיטאַל, וואָס האָט געהערט צו איהם אַליין און מיט וועלכען ער האָט געקאָנט טוהן אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט, האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פרייען אונאָבהענגיגען אינדיווידיאום, וועלכעס איז מעהר נישט אָבהענגיג אָן דעם חסד פון אַ בעל־הבית איבער זיך. ער איז געשטאַ־נען לגבי דער געזעלשאַפט אַנדערש ווי דער העריגער, וואָס פון זיין שטאַנד האָט ער אָפטמאָל געשטאַמט, אַנדערש אויך ווי דער אַדעלמאַן

אָדער דער גייסטליכער.

און ווייל ער האָט זיך געפיהלט אַנדערש אין דער געזעלשאַפט, האָט ער זיך געפיהלט אַנדערש לגבי דער וועלט. דערום האָט ער געדאַרפט האָבען אַנ'אַנדער רעליגיע, דען אין דער רעליגיע האָבען די מענשען אויסגעדריקט דאָס, וואָס זיי האָבען געשפירט אַלס זייער בעציהונג צו דער וועלט.

ווייל מיט'ן קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען, מיט זיין אינדוסטריע, זיין טעכניק און זיין האַנדעל, האָט ער געקאָנט טוהן אין דער וועלט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט, ווייל עקאָנאָמיש האָט ער נישט אַנערקענט אַיבער זיך קיין שום מאַכט,—אויך פּאָליטיש האָט ער זיך פרייער געמאַכט,—ווייל אַלס אינדיווידואום, אַלס קאַפּיטאַליסט, אַלס סוחר איז ער געשטאַנען פריי אַנטקעגען דער גאַנצער וועלט, האָט ער אַזוי ווי ער האָט נישט פערליטען קיין צווישען-פּערזאָן צווישען זיך מיט דער וועלט, פּונקט אַזוי וועניג פערליטען אַ צווישען-פּערזאָן צווישען זיך און גאָט. ער האָט פּראָטעסטירט געגען אַזאַ מין צושטאַנד פון פערשקלאַפונג.

ער האָט אָבגעשאַפט פאַר זיך דעם פּויפּסט און די היילִיגע, ער איז געוואָרען זיין אייגענער כהן, זיין אייגענער פּריסטער. יעדער איינער האָט געהאַט זיין אייגענעם יגלת אין זיך אַליין, יעדער איינער איז געשטאַנען דירעקט אַנטקעגען גאָט. דאָס האָבען געלערנט לוטער און קאַלווין.

דאָס איז געווען די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע, דאָס בירגערליכע זעלבסטבעוואוסטזיין, וואָס איז אויפגעקומען צוזאַמען מיט דער אויפקומונג פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער סחורות-פּראָדוקציע און האָט זיך געשטאַרקט אין אַלע לענדער, וועלכע האָבען זיך בירגערליך ענטוויקעלט, פראַנקרייך, די שווייץ, דייטשלאַנד, האָלאַנד, ענגלאַנד, שאָטלאַנד.*)

אויך דאָ איז ווידער די רעליגיע אַ בילד פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַזוי אינדיווידואַליסטיש ווי דער בירגער, אַזוי אינדיווידואַליסטיש איז זיין רעליגיע; אַזוי איינזאַם ווי ער, איז אויך זיין גאָט.

וואָס קרעפטיגער עס ווערט דער קאַפּיטאַליזם, דער-עיקר זינט דער ענטדעקונג פון אַמעריקא און אינדיען, וואָס גיכער און שטאַרקער עס וואַקסען האַנדעל און אינדוסטריע, די פּראָדוקציע פאַר'ן אייגענעם געברויך אויפ'ן דאָרף פערקלענערט זיך און די פּראָדוקציע פאַר'ן פערקויף פערגרעסערט זיך, וואָס מעהר אַלע פּראָדוקטען ווערען סחורות און אַלע מענשען סחורות-פּראָדוצענטען און סחורות-פערקויפער, וואָס אַלגעמיינער און שוערער עס ווערט

*) בלויז די איטאַליענישע שטעט זענען געבליבען קאַטוילִיש, אויך אַליב עקאָנאָמישע סיבות. די הערשאַפט פון'ם פּויפּסט האָט בעדייט די הערשאַפט פון איטאַליען איבער דער קריסטליכער וועלט.

אונטער׳ן קאַפּיטאַליזם דורך די אַלץ בעסערע ווערקצייג און קאָמוניקאַציאָנס־מיטלען דער קאַמף פון אַלע געגען אַלע, אַלץ מעהר ווערט דער מענש פער־איינזאַמט אין עקאָנאָמישען לעבען און אַלזאָ אויך אין זיין גייסט. מיט דער ענטוויקלונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם פאַלען־אַרונטער די מענשען אַלץ מעהר אונטער די הערשאַפט פון זייערע פּראָדוקטען; די פּראָדוקטען בעקומען אַזוי ווי אַ מענשליכע מאַכט איבער זיי; זיי אַליין ווערען בעהערשט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען זאַכען און אַלץ בעקומט חוץ דעם געברויכס־ווערטה, וואָס די פּראָדוקטען האָבען פאַר די מענשען, אַן׳אַבסטראַקטען טויש־ווערטה. די מענשען אין אַזאַ געזעלשאַפט מוזען, ווי מאַרקס זאָגט, קומען דערצו, אַז זיי זאָלען זיך איינע די אַנדערע בעטראַכטען אַלס אַבסטראַקציעס, זייער גאָט מוז ווערען אַן׳אַבסטראַקטער בעגריף.

אויסערדעם ווערט גרעסער דאָס עלענד, וואָס מעהר עס וואַקסט דער קאַפּיטאַליזם, די געזעלשאַפט ווערט אַלץ פערוויקעלטער און עס איז שווערער זי אַדורכצוקוקען, און כסדר ווערט אַלץ אונמעגליכער אַרויסצוגעפינען, וואָס עס איז ווירקליך גוט און וואָס עס איז ווירקליך שלעכט פאַר אַלעמען. דאָס אַריינלאָזען זיך אין־זיך־אַריין, ספּעקולאַציע, פערגייסטיגונג ווערען די איינציגע מיטלען, אויף צו געפינען זיכערקייט, פעסטקייט און גליק אינמיטען דעם קאַמף און דעם קאָכעדיגען גערויש פון דער סחורות־פּראָדוקציע און פונ׳ם האַנדעל.

אַזוי זעהען מיר אויך, ווי דאָס בילד פון גאָט ווערט אַלץ מעהר פער־איינזאַמט. ווערט אַלץ מעהר פערגייסטיגט, אַלץ מעהר אַבסטראַקט. ביי די גרויסע פילאָזאָפען פונ׳ם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט, ביי דעקאַרט׳ן, שפּינאָזאַ׳ן און לייבניצ׳ן איז גאָט געוואָרען א יין ריזיג וועזען, וואָס אַלץ איז אין איהם און אויסער איהם איז גאָר נישטאָ. ביי שפּינאָזאַ׳ן, וועלכער האָט געשאַפען אפשר דאָס סאַמע בשלמות׳דיגע פילאָזאָפישע סיסטעם—מען האָט עס געקען פערגליכען מיט אַ פולשטענדיג געשליפענעם נישט סקאַזירטען דימענט—ביי שפּינאָזאַ׳ן איז גאָט אַ ריזען־קערפּער מיט אַ ריזען־גייסט, וואָס אויסער איהם איז קיין זאַך נישט בנמצא און כסדר בעוועגט ער זיך און דענקט פאַר זיך. אַ בילד פון דעם אינדיווידואַליסטישען, בירגערליכען מענשען.

אויך איז מיט דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק און פון קאַפּיטאַליזם אַלץ גרעסער געוואָרען די דערקענונג פון דער נאַטור; די נאַטור איז שוין אין זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט געוואָרען אין איהר ווירקליכען צוזאַמענהאַנג אַזוי ווייט פערשטאַנען, אַז דאָס אונפערשטענדליכע, דאָס געטליכע איז פון איהר פערשוואונדען. דאַגעגען דער גייסט, דאָס פערשטעהן גופא, די אַלגעמיינע בעגריפען, קודם־כל די בעגריפען וועגען גוט און שלעכט און די אַזוי־גערופענע גייסטיגע וויסענשאַפטען האָט מען נאָך נישט תופס געווען. דורכדעם איז אין דער רעליגיע די נאַטור, די מאַטעריע אַלץ מעהר פעררוקט געוואָרען אויפ׳ן הינטערשטען פּלאַן. גאָט איז אַלץ מעהר געוואָרען אַ רוח, אַן׳אַב־

סטראַקטער גייסט, ווייט פון דער רעאַליטעט; און די אַלטע פעראַכטונג פון דער גשמיות, פון דעם „חומר", האָט דערצו נישט וועניג צוגעהאָלפען. און אויך די טרענונג צווישען קאָפּ-אַרבייט און האַנד-אַרבייט, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר פערטיפט, וואָס פערוויקעלטער עס איז געוואָרען די טעכניק און וואָס גרעסער עס איז געוואָרען די פערטיילונג פון דער אַרבייט, און ביי וועלכער די קאָפּ-אַרבייט איז צוגעפאַלען די פערמעגליכע קלאַסען און די האַנד-אַרבייט דעם פראָלעטאַריאַט—אויך די דאָזיגע טרענונג האָט געווירקט, פונקט אַזוי ווי אין דער גריכישער וועלט, אַז אין דער רעליגיע זאָל דער חומר, די מאַטע-ריע איינגאַנצען אַוועקפאַלען. צוליב די דאָזיגע אַלע אורזאַכען האָט דער פילאָזאָף קאָנט אָנגערופען די אַלע צייטליכע און רוימליכע זאַכען בלויז ער-שיינונגען, וואָס האָבען נישט קייןווירקליכע עקזיסטענץ. דער פילאָזאָף פיכטע האָט אָנערקענט בלויז אַ גייסטיגען סוביעקט אָדער איך, דער פילאָזאָף העגעל האָט געזעהן אַן׳אַבסאָלוטען גייסט, וואָס מאַכט די וועלט פאַר דער פערקער-פערונג פון זיין עצם און די דאָזיגע וועלט קומט סוף-כל-סוף צום זעלבסט-בעוואוסטזיין און קעהרט-זיך-אום צוריק אין די אַבסאָלוטע גייסטיגע עקזי-סטענץ.

אַזוי ווייט האָט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט פעראייבזאַמט דעם בירגערליכען אינדיווידואום, פערגייסטיגט און געמאַכט איהם אונפערשטענדליך פאַר זיך אַליין, אַז די פילאָזאָפען פון 18-טען און 19-טען יאָהרהונדערט האָ-בען זיך געשאַפען אַזאַ איינזאַמען, אַבסטראַקטען און אונפערשטענדליכען גאָט!*)

דערווייל האָבען דורך דער ערפינדונג פון דער דאַמף-מאַשין אויף אַ ריזיגען אופן זיך פערגרעסערט די פּראָדוקטיוו-קרעפטען, די קאָמוניקאַציע-מיטלען און צוליב דעם דער קאַפּיטאַל. די נייע טעכניק האָט ווידער געגע-בען די מעגליכקייט בעסער אויסצופאָרשען די נאַטור, און זי אַליין האָט זיך דאָך דערין גענויטיגט. די נאַטור האָט זיך אַלץ מעהר געעפענט פאַר׳ן מענ-שענס אויג, דער צוזאַמענהאַנג פון אַלע נאַטור-ערשיינונגען לויט געוויסע גע-זעצען איז געוואָרען נאָך ברייטער ענטדעקט, אַן׳איבערנאַטירליך וועזען איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערשטויסען געוואָרען פון דער נאַטור און איז פון איהר סוף-כל-סוף פולשטענדיג פערשוואונדען.

און איצט האָט זיך אויך צום ערשטען מאָל פערטיפט די אויספאָרשונג פון דער געזעלשאַפט. די פאָר-היסטאָרישע צייט איז אויסגעפאָרשט געוואָרען, די צייט פון דער געשריבענער געשיכטע איז בעסער פערשטאַנען געוואָרען

*) דער פערנעהם פון דעם ווערק אונזערען ערלויבט נישט נאַטירליך צו בע-האַנדלען אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען.

עס איז אויפגעקומען די סטאַטיסטיק, עס איז צום ערשטען מאָל דערקענט געוואָרען דאָס געזעצליכע אין די האַנדלונגען פונ'ם מענש. און אין דער מאָס, ווי עס איז בעסער פערשטאַנען געוואָרען דאָס נאַטירליכע אין דעם מענש, איז דאָס איבערנאַטירליכע פערשוואונדען פונ'ם מענש און פון דער געזעל-שאַפט, אַזוי ווי עס איז פערשוואונדען פון דער נאַטור.

די טעכניק, די קאָמוניקאַציאָנס-מיטלען, דער פּראָדוקציאָנס-אופן, דער קאַפּיטאַל וואָס זאַמעלט זיך ריזיג אָן — זיי האָבען עס געגעבען דעם חשק און די מיטלען אויסצופאָרשען די נאַטור. די גוואַלטיגע סאָציאַלע פראַגען, וואָס ווערען געשאַפען דורך דעם פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, זיי האָבען עס גע-שטויסען דעם גייסט פונ'ם מענשען צו דערגעהן דעם תוך און דעם שורש פון דער געזעלשאַפט. די טעכניק האָט געגעבען די מעגליכקייט דורכצוגראָבען טיפע ערד-שיכטען, מאַכען ווייטע רייזעס צו פרימיטיווע פעלקער, זאַמלען מאַטעריאַל פאַר געשיכטע און סטאַטיסטיק. דער פּראָדוקציאָנס-אופן, וועלכער האָט די בעדערפנישען געשאַפען, האָט אויך געשאַפען די מיטלען צו בעפרידי-גען די דאָזיגע בעדערפנישען.

דער קלאַס, וועלכער האָט קודם-כל געדאַרפט האָבען די נייע וויסענ-שאַפטען, כדי צו פערגרעסערן זיין טעכניק און זיין פּראָפיט און בעקומען די אויבערהאַנד איבער די אַלטע רעאַקציאָנערע קלאַסען פון די ערד-אייגענטי-מער, דעם אַדעל און די גייסטליכקייט, אַלזאָ די אינדוסטריעלע און האַנדעלס-קאַפּיטאַליסטען, וועלכע טראָגען אין דער פּאָליטיק דעם נאָמען ליבעראַלען — דער דאָזיגער קלאַס האָט אַלץ מעהר איינגעזעהן דאָס געזעצליכע און נאַטיר-ליכע פון אַלע ערשיינונגען אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט; ביי איהם איז די רעליגיע כמעט אינגאַנצען פערשוואונדען. וואָס ביי זיי איז נאָך איבערגעבליבען פון דער רעליגיע איז געוועזען דער געדאַנק, וואָס ליעגט ערגעץ טיף אין דעם לעצטען פלאַן פון זייער בעוואוסטזיין און וועלכער האָט נישט קיין ווערטה פאַר דער פּראַקטיק: „אפשר איז נאָך פאָרט פאַרהאַן עפּעס אַ גאָט“.

די „מאָדערנע און „פריי-רעליגיעזע“, וועלכע זענען אין דער רעליגיע דאָס וואָס די ליבעראַלען אין דער פּאָליטיק, דאַרפען נאָך האָבען גאָט בלויז דערצו, זיי זאָלען קאָנען ערקלערען די בעגריפען „גוט“ און „שלעכט“, אָדער ווי זיי רו-פען עס, צופרידענשטעלען זייערע „מאָראַלישע“ בעדערפניסען, און כדי זיי זאָלען קאָנען האָבען אַן׳איבערנאַטירליכען מקור פאַר דעם גייסט, וואָס זיין מהות איז נאָך פאַר זיי איצט אויך אַ רעטעניש. פאַר דער נאַטור און פאַר אַ היבשען טייל פון דעם מענשליכען און געזעלשאַפטליכען לעבען דאַרפען זיי שוין מעהר קיין גאָט נישט האָבען; די וויסענשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף דער טעכניק, האָט זיי שוין גענוג אויפגעקלערט וועגען דעם.

אַזוי-אַרום האָט דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, דורכדעם וואָס ער האָט געלאָזט פערשטעהן די וועלט אַלץ בעסער, פון לוטער'ס און קאַלווינ'ס ציי-

טען אָן אַלץ מעהר פערפיינערט די רעליגיע, געמאַכט זי אַלץ מעהר פער-שוואומענער, אַלץ מעהר דערוויטערט פון דער וועלט, אַלץ מעהר אונווירק-ליך. אין רעאַקציאָנערע, פריידזיניגע, אפילו אין סאָציאַליסטישע קרייזען האָט מען געהאַט אויף מיר אַ פערדראָס, וואָס איך האָב אַמאָל געשריבען, אַז די רעליגיע איז ווי אַ פּחדניש'ער רוח אָבגעצויגען פון דער ערד מיט אַן אָראָב-געלאָזטען קאָפּ. און פון דעסטוועגען איז מיט די דאָזיגע ווערטער בלויז פעסטגעשטעלט געוואָרען דער פאַקט: די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר ווי אַן׳אמונה אין רוחות. בלויז אונטערגעהענדיגע קלאַסען, ווי די קליינבירגער און פּויערים, און רעאַקציאָנערע קלאַסען, ווי די גרויסע ערד-אייגענטימער מיט זייערע אידעאָלאָגען, לעבען נאָך מיט אי-בערצייגונג אין פאָרשטעלונגען פון פריהערדיגע יאָהרהונדערטען; ביי דער מעהרצאָהל פון די פערמעגליכע קלאַסען און ביי זייער אינטעליגענץ איז בלויז נאָך איבערגעבליבען אַ שאָטען פון דער רעליגיע, אָדער זיי האַלטען זיך צביעות'-דיג ביי אַ רעליגיע, צי כּדי צו קנעבלען דעם פּראָלעטאַריאַט דערמיט אָדער צוליב אַן׳אַנדער מאָטיוו. די קענטענישען, וואָס זענען געשאַפען דורך דער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, האָבען צוגענומען ביי דער רעליגיע פלייש און ביינער און איהר איבערגעלאָזט בלויז נאָך אַ רוחניות׳דיגע עטישע עקזיסטענץ.

דיזעלבע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, וואָס האָט ביי דער ליבעראַלער בורזשואַזיע צוגענומען אַ גרויסען טייל פון דער רעליגיע, נעהמט אַוועק ביים פּראָלעטאַריאַט די רעליגיע אינגאַנצען.

מיר קאָנסטאַטירען בלויז אַ פאַקט, ווען מיר זאָגען, אַז וואָס ווייטער ווערט דער פּראָלעטאַריאַט אַלץ מעהר רעליגיאָנסלאָז.

אויך דאָס איז פונקט אַזוי געזעלשאַפטליך-נאַטירליך ווי אַלע ענדערונ-גען אינ׳ם רעליגיעזען דענקען, וועלכע מיר האָבען ביז איצט בעהאַנדעלט.

מיר האָבען אין אַלגעמיין אַרויסגעפונען אַלס אורזאַך פון דער רעליגיע די הערשאַפט פון נישט-פערשטאַנענע כּוחות. די נאַטור-קרעפטען, די געזעל-שאַפטליכע כּוחות, וועלכע מען פערשטעהט נישט און פון וועלכע מען פיהלט זיך דאָך בעהערשט, ווערען פערגעטערט.

ווי האַלט עס אין דעם דאָזיגען פונקט מיט׳ן מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט, נעמליך מיט דעם אינדוסטריעלען אַרבייטער פון דער שטאָט, וועלכער לעבט אינמיטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס-אינדוסטריע?

אַז די נאַטור-קרעפטען זענען נישט עפּעס אונבעגרייפליכע כּוחות, דאָס דערוייזט איהם די פאַבריק. דער מענש קען זיי און בעהערשט זיי דאָרטען, ער שפּילט זיך דאָרטען מיט יענע קרעפטען, וואָס ווען זיי זענען נישט גע-האַמעוועט זענען זיי העכסט געפעהרליך. מעג זיי אפילו דער אַרבייטער טע-אָרעטיש נישט קענען; אָבער פּראַקטיש ווערען זיי דורך זיין האַנד געהאַמע-

וועט און ער ווייט, אַז מען קען זיי.

דאַגעגען די געזעלשאַפטליכע כוחות, וועלכע זענען די סיבה פון זיין נויט, פערשטעהט דער מאָדערנער פּראָלעטאַריער פולשטענדיג. דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן האָט אַרויסגערופען דעם קלאַסען-קאַמף, אין וועלכען ער בעטייליגט זיך; און דער קלאַסען-קאַמף האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע און דאָס פּריוואַט-אייגענטום זענען די סיבות פון זיין עלענדער לאַגע און אַז דער סאָציאַליזם וועט זיין פאַר איהם אַ ישועה. אַלזאָ פאַר איהם איז סיי אין דער נאַטור סיי אין דער געזעלשאַפט נישטאָ קיין איבערנאַטירליכעס. ער פיהלט, אַז אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס ער זאָל נישט קאָנען פערשטעהן, הגם פאָרלויפיג גיט איהם די געזעלשאַפט נישט די געלעגענהייט דערצו. ער פיהלט אויך, אַז דאָס, וואָס איז איצט פאַר איהם און פאַר זיין קלאַס אַנ׳איבערמעכטיגע סיבה פון נויט, וועט נישט שטענדיג בלייבען אַזוי. ער ווייס, אַז דער קלאַסען-קאַמף און די אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט וועט מאַכען דערצו אַ סוף. אָבער דאָרט, וואו עס פעהלט דאָס געפיהל פון אַנ׳אונבעגרייפליכער איבערמאַכט, דאָרטען שאַפט זיך שוין נישט קיין רעליגיע, אָדער אויב ער האָט זי פריהער געהאַט—שטאַרבט זי אָב. דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער איז טאַקי דערום נישט רעליגיע-פיינדליך, נאָר ער איז רעליגיאָנסלאָז, ער איז אַנ׳אַטעאיסט.

און אויב דאָס קאָן שוין געזאָגט ווערען וועגען דעם „געוועהנליכען" אַרבייטער, וועלכער האָט ווייניג צייט, חשק אָדער געלעגענהייט צו לערנען, היינט אויף וויפיל מעהר איז עס ריכטיג בנוגע דעם אַרבייטער, וועלכער ווערט דורך דעם קלאַסען־קאַמף געטריבען צום לערנען און שטודירען! דווקא ווייל ער איז אַנ׳אַרבייטער, ווייל די נויט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט צווינגט איהם צום לערנען, קאָן ער בעסער פערשטעהן די געזעלשאַפט איידער צום ביישפּיל אַ בירגערליכער פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. דער בורזשוי קאָן נישט זעהן דעם אמת; ער קאָן נישט מודה זיין, אַז זיין קלאַס געהט-אונטער; אפילו דעם קלאַסען-קאַמף קאָן ער נישט אַנערקענען, ווייל אינ׳ם דאָזיגען קאַמף מוז זיין קלאַס האָבען אַ מפלה. דאַגעגען דער גייסט פונ׳ם אַרבייטער, וואָס האָט צו האָפען פון דער צוקונפט אויף אַלץ, האָט אַזאַ שאַרפען חוש פאַר׳ן אמת, ווי דער יאַגד-הונד פאַר אַ חיה.

און וואָס פאַר אַ קוועלען האָט דער אַרבייטער! מעהר ווי מיט זעכציג יאָהר צוריק האָט מאַרקס ערקלערט דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַזוי דער קאַפּיטאַל שאַפט־זיך פון דער נישט־בעצאַהלטער אַרבייט*), מיט זעכציג יאָהר

---

*) לויהן, אַרבייט און קאַפּיטאַל, פון קאַרל מאַרקס.

צוריק האָבען מאַרקס און ענגעלס ענטדעקט פאַר׳ן אַרבייטער-קלאַס דעם מהות פונ׳ם קלאַסען-קאַמף*) און דערנאָך האָט מאַרקס ענטוויקעלט אין „קאַפּיטאַל״ דעם מהות פונ׳ם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, וועלכען דער אַרבייטער געפינט אין אַ קלאָרער, קירצערער פאָרם אין קאַוטסקי׳ס „מאַרקס׳ס עקאָנאָמישע לעהרע״ און „ערפורטער פּראָגראַם״. אַזעלכע קוועלען פון געזעלשאַפטליכע קענטעניסען האָט נישט די בורזשואַזיע. דער אַרבייטער, וועלכער האָט פון די דאָזיגע קוואַלען זיין דורשט געשטילט, וועט שוין מעהר אין דער געזעלשאַפט נישט זעהן קיין שום איבערנאַטירליכעס. ביי איהם וועט זיך שאַפען נישט בלויז עפּעס נעגאַטיוועס, נישט בלויז דאָס פעהלען פון אַרעליגיע, נאָר אויך עפּעס פּאָזיטיוועס, אַ קלאָרע בעפעסטע וועלטאַנשויאונג.

און אין די ווערק פון מאַרקס, ענגעלס, קאַוטסקי, מעהרינג און אַזויפיל אַנדערע וויכטיגע טעאָרעטיקער ווער ער געפינען דערהויזען, ווען ער וועט ווייטער לעזען און גאָקלעהרען, אַז דאָס גייסטיגע לעבען פון די מענשען ווערט בעשטימט דורך די געזעלשאַפטליכע עקזיסטענץ, אַז רעכט איז קלאַסען-רעכט, פּאָליטיק איז קלאַסען-פּאָליטיק, אַז גוט און שלעכט זענען געזעלשאַפטליכע פערענדערליכע בעגריפען, קורץ, דעם אמת פון אַלעם דעם, וואָס מיר האָבען בעהאַנדעלט אָט דאָ אין דער שריפט און וואָס עס לערנט דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. דעמאָלט פערשטעהט ער שוין אויך די ענדערונגען, וועלכע קומען-פאָר אין דענקען, דעמאָלט פערשטעהט ער זיין אייגען דענקען. דער מענש, וועלכער שאַפט די געזעלשאַפט פּראַקטיש, מיט זיינע הענד, זעהט זי אַדורך אויך מיט זיין גייסט וואָס אַמאָל אַלץ בעסער. ער פערשטעהט דאָס קלאַסען-דענקען, און אַזוי-אַרום פאַלט-ווידער אַ שטיצע פון דער רעליגיע—דאָס מעטאַפיזישע דענקען, וועלכעס ער האָט געלערנט אינדערהיים און אין בית-מדרש.

און נאָך ווייטער קאָן אַריינדרינגען דער פּראָלעטאַריער, פאַר וועלכען עס געניגט נישט די איבערפלעכטליכע קענטעניש, וואָס עס גיט איהם די פאַבריק, דער פּראָפעסיאָנעלער און דער פּאָליטישער קאַמף!

צידען האָט יאָזעף דיצגען, דער פילאָזאָף פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, ווי ער הערט מיט רעכט גערופען, און וועלכער איז אַליין אַ תלמיד פון מאַרקס׳ן, שטיצענדיג זיך אויף דער סאָציאַליסטישער וויסענשאַפט נישט געלערנט דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אַזוינס דער גייסט? צי האָט ער נישט ערקלערט פאַר די אַרבייטער דאָס רעטעניש, פאַר וועלכער די בורזשואַזיע שטעהט נאָך אַלץ בעמישטערהייד, דעם מהות פון דער מענשליכער קאָפּ-

*) דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט, פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

אַרבייט? ער האָט דערוויזען, אַז אויף קיין שום געביט קומט נישט פאָר ביים דענקען עפּעס אַנדערש, ווי דאָס צונויפנעהמען די פּרטים, דאָס בעזונדערע, די ערפאַהרונג אין אַ כלל, אין אַן אַלגעמיינעס. דער גייסט קאָן אַלזאָ דענקען בלויז איבער דעם פּרט, איבער דער ערפאַהרונג, איבער זיכערע פאַקטען. ער האָט דערוויזען, אַז דאָס און נישט עפּעס אַנדערס איז די ווירקונג, די נאַטור פון׳ם גייסט, אַזוי ווי די בעוועגונג איז די נאַטור פונ׳ם קערפּער, אַז אַלזאָ דאָס דענקען וועגען עפּעס איבערנאַטירליכעס אַזוי ווי דאָס וואָלט זיין עפּעס ווירקליכעס (זאַך אַן זיך, גאָט, אַבסאָלוטע פריינהייט, אייביגע פּערזענליכקייט, אַבסאָלוטער גייסט א. אַז. וו.) איז פּונקט אַזוי אוממעגליך, דאָס איז פּונקט אַזאַ ווידערשפּרוך צום מהות פונ׳ם דענקען, ווי די פאָרשטעלונג וועגען „איבערנאַטירליך בלעך״; אַז דער גייסט איז טאַקי עפּעס אויסערגעוועהנליך הערליכעס און מעכטיגעס און פּראַכטפולס, אָבער נישט מעהר געהיימניספול און נישט מעהר מיסטעריעז ווי די אַלע ערשיינונגען אין דער וועלט, וועלכע מען פערגעטערט נישט. *דיצגען האָט דערוויזען, אַז דער גייסט איז בעגרייפליך דווקא דערפאַר, ווייל דער מהות פונ׳ם גייסט בעשטעהט אין בעגרייפען, דאָס הייסט אינ׳ם זעהן דאָס אַלגעמיינע.*

ווען דער פּראָלעטאַריער, וועלכער איז הונגריג און דורשטיג, נאָך בילדונג און קענטעניסען, ווייל ער שטרעבט צו בעפרייען זיך און זיין קלאַס, וועט עס האָבען פערשטאַנען, דעמאָלט קאָן מען רוהיג זאָגען, אַז מעהר בלייבט נישט אין זיין געדאַנק קיין איין איינציגער פּלאַץ וואו די רעליגיע וואָלט נאָך קאָנען וואוינען. דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, וועלכער האָט איהם געגעבען דאָס עלענד, די נויט, דאָס בעדערפניס און דעם דראַנג נאָך בעפרייאונג און ענדליך די קענטעניסען—האָט געלאָזט אין איהם

---

*) מאַרקס האָט מסביר געווען, ווי אַזוי די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען ענדערען דעם אינהאַלט פונ׳ם דענקען. אָבער דאָס דענקען גופא ווערט פון דעסטוועגען דורך די בורזשואַזע פילאָזאָפען און טעאָלאָגען ערקלערט אלס אַ זאַך, וואָס שטאַמט פון גאָט. אַלזאָ אפילו נאָך מאַרקס׳ס קריטיק וועגען אינהאַלט פונ׳ם דענקען איז נאָך איבערגעבליבען אַ נישט ערקלערטער טייל פון דער געדאַנקען-וועלט, וועלכען די בורזשואַזיע האָט געקאָנט בענוצען אויף אויפצוהייבען זיך אַליין און ערנידריגען דעם פּראָלעטאַריאַט. דעם דאָזיגען טייל האָט עס יאָזעף דיצגען אויסגעפאָרשט. אין דער צייט, וואָס מאַרקס האָט אַ נעהם געטהון די מאַטעריעלע זייט, האָט דיצגען אַ נעהם געטהון די זאַך פון דער אַנדער זייט, פון דער אידעעלער. וואו מאַרקס האָט אויפגעוויזען, וואָס די געזעלשאַפטליכע מאַטעריע טוהט אינ׳ם גייסט, האָט דיצגען געוויזען, וואָס עס טוהט דער גייסט אַליין,— אפשט הערט מען די בורזשואַזיע זאָגען: „אָבער דעם מהות פון די זאַכען, דאָס קאָן דאָך קיינער נישט פער-

אָבשטאַרבען די רעליגיע. דער געדאַנק וועגען איהר איז אויף שטענדיג פער־שוואונדען. אין דעם פולען זונען-שיין דאַרף מען קיין לאָמפּ נישט האָבען.

ווען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט שוין עקזיסטירען, דעמאָלט וועט די נאַטור דערקענט ווערען נאָך אַסך בעסער. און די אויספאָרשונג פון דער געזעלשאַפט וועט מעהר נישט קאָסטען, אַזוי ווי איצט, מיה און שוויס. זי וועט ליעגען פאַר די אויגען קלאָר און דורכזיכטיג. דעמאָלט וועט מען מעהר נישט אַריינבלאָזען אין די קינדער דעם געדאַנק וועגען רעליגיע.

מיר האָבען אַלזאָ איצט אויפגעוויזען, אַז די מיינונגען וועגען רעלי־גיע, וועלכע האָט אַמאָל געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין דעם מענשליכען גייסטיגען לעבען, ענדערען זיך מיט די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען און דורך זיי. וואָס פאַר אַנ׳איבערקעהרעניש! דער גלויבען אין אַ פעטיש, אַ בוים, אַ טייך, אַ חיה, אַ זון, אַ פערגעטליכטען שענעם, קראַפטפולען, טאַפּפערען מענש, אַ גייסט, אַ פאָטער, אַ הערשער, אַ רוחניות׳דיגע אַבסטראַקציע און ענדליך... גאָרנישט. און פון דעסטוועגען זענען די דאָזיגע אַלע ענדערונגען אַ קלאָרער רעזולטאַט פון די ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטליכער לאַגע פונ׳ם מענש, אַ רעזולטאַט פון זיינע געענדערטע בעציהונגען צו דער נאַטור און צו זיינע מיטמענשען.

ערשטע טענה.

אונזערע געגנער טענה׳ן, אַז דאָס וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט, שטעהט אין ווידערשפּרוך צו דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּראָגראַם-פונקט: רעליגיע איז פּריוואַט-זאַך. זיי זעהען אין דעם דאָזיגען פּראָגראַם-פונקט אַ צביעות, אַ ליסטיגקייט, כדי צו געווינען אויף אונזער זייט די גלויביגע אַרבייטער, דורכ-דעם וואָס מיר פערמאַסקירען אונזער ווירקליכע איבערצייגונג. אַז דאָ איז נישטאָ קיין שום צביעות פון אונזער זייט, נישט-מעהר אונזערע פיינד־

שטעהן; דער מהות פון די זאַכען ליעגט העכער אָדער גאָר אויסער דעם בעגריף" דערמיט וויל זי ראַטעווען דאָס איבערנאַטירליכע. דיצגען האָט אָבער אויפגעוויזען, אַז דאָס אונבעגרייפליכע ליעגט פאַר דער בורזשואַזיע נישט אינ׳ם מהות פון די זאַכען נאָר אינ׳ם בעגרייפען גופא. די בורזשואַזיע, די בורזשואַזע פילאָזאָפען און טעאָלאָ־גען בעגרייפען נישט וואָס איז דאָס אַזוינס בעגרייפען. וואָס בעגרייפען איז, דאָס האָט דיצגען פאַר די אַרבייטער קלאָר געמאַכט. און אַזוי איז דורך מאַרקס׳ן און דיצגענ׳ען קלאָר געוואָרען די גאַנצע בעציהונג פונ׳ם דענקען און פון דעם געזעל־שאַפטליכען לעבען: דער איינער האָט אויסגעפאָרשט די ענדערונגען אינ׳ם דענקען, דער אַנדערער דעם מהות פונ׳ם דענקען.

מאַרקס אליין האָט זיין קענען די געזעלשאַפט געשעפּט פונ׳ם קלאַסען־קאַמף

זענען נישט אימשטאַנד צו פערשטעהן די זאַך, איז שוין אַמאָל זעהר שען דערוויזען געוואָרען אין אַן אַרטיקעל פון דעם חבר אַנטאָן פּאַנעקאָק, וועלכען מיר ברענגען דאָ:

„צו די האַרטנעקיגסטע מיספערשטענדניסען, וועלכע ווערען אָנגעווענדט אַלס געוועהר געגען אונז, געהערט די כלומרשטע רעליגיאָנס-פיינדליכקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. ווי נישט־צווידייטיג מיר זאָלען נישט שטעלען די פאָדערונג: רעליגיע איז פּריוואַט־זאַך, די אַלטע בעשולדיגונג קומט כסדר צוריק. קומט דאָך אַרויס אַלס אַ קלאָרע זאַך—אַז עס מוז פונדעסטוועגען זיין עפּעס אַ גרונד דערצו! ווען מיר וואָלטען דאָ געהאַט צו טוהן בלויז מיט אַ גרונדלאָזער טענה, וואָס זאָל נישט האָבען אפילו אַ האָר פון גערעכטיגקייט, וואָלט זי דאָך שוין לאַנג זיך געהאַט אַרויסגעוויזען אַלס אַ שלעכט געוועהר און וואָלט פערשוואונדען. נאָר די מעשה איז, אַז פאַר נישט-אויפגעקלעהרטע קעפּ ליעגט אין דער אמת'ן אַ ווידערשפּרוך צווישען דער דאָזיגער פּראַקטישער פאָדערונג און דעם פאַקט, אַז גלייכצייטיג מיט דעם, ווי עס פערשטאַרקט זיך דער כוח פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין די אַרבייטער־קרייזען, פערשווינדט די רעליגיע אַלץ מעהר און אַז אויך אונזער טעאָריע, דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, שטעהט אין אַ האַרבען געגענזאַץ צו די רעליגיעזע תורות. דער דאָזיגער כלומרשט'ער ווידערשפּרוך, וועלכער האָט שוין פערדרעהט דעם קאָפּ אפילו פון געוויסע חברים, ווערט אויסגענוצט דורך אונזערע געגנער אויף אויפצווייזען, אַז אונזער פּראַקטישע פאָדערונג, וועלכע לאָזט-איבער יעדען איינעם די ברירה צו זיין רעליגיעז אָדער נישט, איז בלויז אַ צביעות, אַ פערטושונג פון אונזערע אמת'ע רעליגיאָנס-פיינדליכע כוונות, מיט'ן צוועק צו געווינען פאַר אונז מאַסענווייז די רעליגיעזע אַרבייטער.

„מיר פאָדערען, אַז די רעליגיע זאָל בעטראַכט ווערען אַלס אַ פּריוואַטער ענין פון יעדען איינעם, אַז יעדער איינער זאָל האָבען די ברירה זיך צו בעגעהן ווי ער פערשטעהט און אַנדערע זאָלען דאָ נישט האָבען צו זאָגען איהם עפּעס אַ דעה. די דאָזיגע פאָדערונג נעהמט זיך פון די בע-

---

פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכען ער האָט אין ענגלאַנד און פראַנקרייך געהאַט פאַר די אויגען. דיצגען האָט געשעפּט זיין קענען דעם גייסט פון מאַרקס'ענס קענען די געזעל־שאַפט. פון מאַרקס'ענס שריפטען האָט ער דערקענט דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, און ערשט דורכדעם האָט דיצגען געקענט קומען צו זיין קלאָרער לעהרע וועגען גייסט. ביידע האָבען אַלזאָ זייערע קענטעניסען געשעפּט פון'ם קלאַסען־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיי דורך זיין אַרבייט, זיינע פאָדערונגען און זיינע קאַמפען געגעבען די ערפאַהרונג, און זיי האָבען געשאַפען די לעהרע די טעאָ־ריע. מען קאָן זאָגען, אַז זיי האָבען הונדערט מאָל אַזויפיל צוריקגעגעבען דעם פּראָ־לעטאַריאַט דאָס וואָס יענער האָט זיי געגעבען.

דערפֿנישען פון אונזער פּראַקטיק אַלס עפּעס אַ זעלבסטפֿערשטענדיגע זאַך, עס איז, פֿערשטעהט זיך, זעהר ריכטיג, אַז דורכדעם ווילען מיר געווינען פאַר אונז מאַסענהאַפט די נישט-רעליגיעזע און די רעליגיעזע אַרבייטער פון פֿערשידענע רעליגיעס, דאָס הייסט מיר ווילען זיי פֿעראייניגען צו אַ געמיינזאַמען קאַמף פאַר זייער קלאַסען-אינטערעס. דאָס ציל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבייטער-בעוועגונג איז נישט עפּעס אַנדערס, ווי אַ ווירטשאַפטליכע פֿערענדערונג פון דער געזעלשאַפט, אַריבערפיהרען די פּראָדוקציאָנס-מיטלען אין אַ קאָלעקטיוו אייגענטום — איז שוין דאָך ממילא פֿערשטענדליך, אַז מען האַלט זיך אָב פון אַלץ וואָס איז פֿרעמד דעם דאָזיגען ציל און וואָס קאָן פיהרען צו מחלוקת׳ן צווישען די אַרבייטער. די טעאָלאָגען מאַטערען זיך מיט זייער גאַנצער פּנייות׳דיגער בעגרענצטקייט איינצורעדען, אַז אַנשטאָט דעם דאָזיגען אָפען אָנערקענטען ציל האָבען מיר נאָך אַנ׳אַנדער געהיים ציל, דהיינו די פֿערניכטונג פון דער רעליגיע. ווער עס לעגט-אַוועק זיין גאַנצען שכל אויף רעליגיעזע גריבלענישען און דערביי האָט ער נישט קיין אויג פאַר די גרויסע נויט און דעם גרויסאַרטיגען קאַמף פון די פּראָלעטאַריער, ביי דעם דאַרף מען זיך סוף-כל-סוף נישט חידוש׳ן, וואָס אין דער גרויסער וועלט-בעפרייענדער איבערקעהרעניש פון דעם פּראָדוקציאָנס-אופן און אין דער גייסטיגער און רעליגיעזער פֿערענדערונג וואָס קומט צוזאַמען מיט דעם, זעהט ער נישט מעהר ווי דאָס, אַז עס וואַקסט די אפּיקורסות, עס איז גובר די כּפירה — און פאַר די אָבשאַפונג פון עלענד, אונטערדריקונג, קנעכטשאַפט און אָרימקייט געהט ער פאַרביי אַלס פאַר עפּעס אַ גלייכגילטיגע זאַך.

„פונ׳ם בעדערפֿניש פון דעם פּראַקטישען קאַמף איז אַרויסגעקומען אונזער פּראַקטישער פּרינציפּ וועגען דער רעליגיע; דערפון מוז מען שוין דרינגען, אַז ער מוז זיך אויך געפינען אין הסכּם מיט אונזער טעאָריע, וועלכע גרינדעט דעם סאָציאַליזם אינגאַנצען אויף דער פּראַקטיק פונ׳ם אַלטעגליכען קאַמף. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם זעהט אין די ווירטשאַפטליכע בעציהונגען דעם יסוד פונ׳ם גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען; שטענדיג האָט עס זיך געהאַנדעלט וועגען מאַטעריעלע בעדערפֿניסען, וועגען קאַמפּען פון די קלאַסען, וועגען איבערקעהרענישען אינ׳ם פּראָדוקציאָנס-אופן — דאָרטען וואו דער ביזאַהעריגער בעטראַכטונגס-אופן, אפילו פון די קעמפּער גופא, האָט געזעהן בלויז רעליגיעזע פֿערשידענהייטען און רעליגיעזע קאַמפּען. די רעליגיעזע מיינונגען זענען בלויז אַנ׳אויסדרוק, אַנ׳אָבשיין, אַ רעזולטאַט פון די אמת׳ע לעבענס-בעציהונגען פון די מענשען, אַלזאָ אין דער ערשטער ליניע פון די ווירטשאַפטליכע צושטאַנדען. אויך היינט האַנדעלט עס זיך וועגען אַ ווירטשאַפטליכער איבערקעהרעניש, אָבער צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע האָט דער קלאַס, וואָס מוז עס דורכפיהרען, דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין, אַז עס האַנדעלט זיך נישט וועגען דעם זיג פון עפּעס אידעאָלאָגישע מיינונגען. דעם דאָזיגען קלאָרען בעוואוסטזיין, וועלכעס ער שעפּט פון דער טעאָריע,

דריקט ער אויס אין דער פּראַקטישער פאָדערונג: רעליגיע איז פּריוואַט-זאַך! די דאָזיגע פאָדערונג איז אַלזאָ פּונקט אַזוי אַ רעזולטאַט פון דער קלאָרער ווּיסענשאַפטליכער לעהרע, ווי פון דעם פּראַקטישען בעדערפניש.

„פון דעם דאָזיגען קוק, וואָס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם האָט אויף דער רעליגיע, ווייזט זיך שוין אַרויס, אַז מען טאָר איהם גאָר נישט אַריינוואַרפען אין איין טאָפּ מיט׳ן בירגערליכען אַטעאיזם. דער בורזשואַזער אַטעאיזם האָט זיך געשטעלט דירעקט פיינדליך צו דער רעליגיע, ווייל ער האָט געזעהן אין איהר די טעאָריע פון די רעאַקציאָנערע קלאַסען און דעם ממשות׳דיגסטען טאָרמאַז פאַר דעם פּראָגרעס. ער האָט געזעהן אין דער רע־ליגיע בלויז נאַרישקייט, אונוויסענהייט און עם-הארצות; דערום האָט ער גע-האָפט אויסצוראָטען דעם גלויבען פון די אונוויסענדע פּויערים און קליינ־בירגער דורך וויסענשאַפטליכער אויפקלערונג, דורך השכלה, בעזונדערס דורך נאַטור-וויסענשאַפט.

מיר דאַגעגען זעהען אין דער רעליגיע אַ נויטווענדיגען אויספלוס פון די לעבענס-בעציהונגען, וועלכע האָבען דערהויפּט אַן׳עקאָנאָמישען כאַראַקטער.

„דער פּויער, וואָס די קאַפּריזען פון די וועטערן פערשאַפען איהם אַ גוט אָדער אַ שלעכט געוועקס, דער קליינבירגער, וואָס די מאַרק- און קאָנקורענץ-בעציהונגען קאָנען איהם ברענגען פערלוסט אָדער פּראָפיט, פיהלט זיך אין אָבהענגיגקייט פון העכערע, געהיימניספולע כוחות. געגען די דאָזיגע דירעקטע געפיהלען העלפט נישט די תורה פון די ביכער, אַז דאָס וועטער ווערט בעשטימט דורך נאַטירליכע קרעפטען און אַז די ניסים פון תנ״ך זענען אויסגעטראַכטע לעגענדעס. פּויערים און בירגער האָבען אַן׳אַנטיפּאַטיע און אפילו אונצוטרוי צו דער דאָזיגער לעהרע, ווייל זי שטאַמט פון אַ קלאַס, וואָס דריקט זיי און זיי אַליין אַלס אונטערגעהענדיגע קלאַסען קאָנען נישט געפינען דערין קיין שום געוועהר, קיין שום רעטונג און אפילו קיין טרייסט נישט. אַ טרייסט קאָנען זיי זיך אויסקלעהרען בלויז אויף אַן׳איבערנאַטירליכען וועג, אין רעליגיעזע פאָרשטעלונגען.

„פערקעהרט איז מיט׳ן קלאַסען-בעוואוסטזיניגען פּראָלעטאַריער; די סיבה פון זיין נויט ליעגט פאַר איהם קלאָר אין דעם מהות פון דער קאַפּי-טאַליסטישער פּראָדוקציע און עקספּלואַטאַציע, וועלכע האָט נישט פאַר איהם קיין שום איבערנאַטירליכס. און אַזוי ווי איהם ווינקט-צו אַ האָפנונגספולע צוקונפט, אַזוי ווי ער פיהלט, אַז דאָס קענטעניש איז איהם נויטיג, כדי ער זאָל קאָנען צעברעכען זיינע קייטען, וואַרפט ער זיך מיט ברען צום שטודירען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען. אַזוי איז שוין זיין גאַנצער קוק אויף דער וועלט אַ נישט-רעליגיעזער, אפילו ווען ער ווייס גאָרנישט וועגען דאַרווינ׳ען און קאָפּערניק׳ן; די כוחות, מיט וועלכע ער האָט צו שאַפען און צו קעמפען, איז ער מרגיש אַלס ניכטערע וועלטליכע פאַקטען. אַזוי איז אַלזאָ די רעלי-גיאָנסלאָזיגקייט פון פּראָלעטאַריאַט נישט קיין רעזולטאַט פון בעשטימטע לעה-

רעס, וואָס מען בלאָזט אין איהם אַריין, נאָר די דירעקטע הרגשה פון זיין לאַגע. אדרבה, ערשט די דאָזיגע געזינונג, וועלכע װאַקסט-אַרויס פון איהם אַליין דורך זיין בעטייליגען-זיך אין די געזעלשאַפטליכע קאַמפען, ווירקט, אַז די אַרבייטער זאָלען זיך כאַפּען מיט גרויס חשק צו אַלע אַנטי-טעאָלאָגישע אויפקלערונגס-ביכער, צו ביכנער'ן און העגעל'ן, כדי צו געבען זייער געזינונג דורך די נאַטור-וויסענשאַפטליכע קענטענישען אַ טעאָרעטישען פונדאַמענט. דער דאָזיגער כאַראַקטער פונ'ם פּראָלעטאַרישען אַטעאיזם ברענגט-מיט מיט זיך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט בענוצט איהם נישט קיינמאָל אַלס שטרייט-אָביעקט געגען די וואָס דענקען אַנדערש; אַ שטרייט-אָביעקט זענען פאַר איהם בלויז זיינע געזעלשאַפטליכע מיינונגען און צילען, וועלכע בילדען דעם ממשות'דיגען עלעמענט פון זיין וועלט-אַנשויאונג. יענע פּראָלעטאַריער, וועלכע לעבען אַלס זיינע קלאַסען-חברים אין דער אייגענער אונטערדריקונג, זענען זיינע נאַטירליכע קאַמפּס-חברים, אפילו ווען ביי זיי זענען צוליב בעזונדערע אומשטענדען נישטאָ די דערמאָהנטע ווירקונגען. און אַזעלכע בעזונדערע אומשטענדען זענען פאַקטיש פאַרהאַן, שוין אַחוץ דער אומעדום ווירקענדער קראַפט פון די טראַדיציעס, וועלכע מען קאָן ערשט ביסלעכווייז בייקומען. פּראָלעטאַריער, וואָס אַרבייטען אין אַזעלכע בעדינגונגען, וואו מעכטיגע, מורא'דיגע נאַטור-כוחות, וועלכע מען קאָן נישט בעהערשען, בעדראָהען זיי מיט טויט און פערניכטונג, ווי בערג-אַרבייטער און ים-לייט, וועלען אָפט האָבען דורכדעם שטאַרקע רעליגיעזע געפיהלען, הגם אין דער אייגענער צייט קאָנען זיי זיין קרעפטיגע קעמפער געגען דעם קאַפּיטאַליזם. די דאָזיגע זאַכלאַגע שרייבט אונז פאָר אַ געוויסע פּראַקטישע האַלטונג; אָבער ליידער זענען אָפט פאַרהאַן אויך פּאַרטיי-חברים, וועלכע זענען עס נישט תופס און זיי גלויבען, אַז אונזערע מיינונגען מוז מען אַנטקעגענגעשטעלען אַלס אַ „העכערע רעליגיע" געגען די איצטיגע אמונות.

„די בעציהונג צווישען סאָציאַליזם און רעליגיע איז אַלזאָ פונקט דער היפך דערפון, וואָס עס זאָגען אונזערע טעאָלאָגישע פיינד. מיר מאַכען נישט די אַרבייטער אָבטריניג פון זייער פריהערדיגען גלויבען דורך דעם ערקלערען אונזער טעאָריע, דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, נאָר זיי פערלירען שוין זייער גלויבען דורך דעם אויפמערקזאַמען צוקוקען זיך צו די געזעלשאַפטליכע צוזאַמענהאַנגען, וועלכע גיבען זיי צופערשטעהן, אַז די אָבשאַפונג פון דער נויט איז אַ ציל, וואָס קאָן דערגרייכט ווערען. דאָס בעדערפניש צו פערשטעהן די דאָזיגע צוזאַמענהאַנגען אַלץ גרונדליכער, פיהרט זיי צום לערנען די היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישע ווערק פון אונזערע גרויסע טעאָרעטיקער. די דאָזיגע ווערק ווירקען גאָר נישט דעמאָלט אין רעליגיאָנס-פיינדליכען זין, דען דער גלויבען איז שוין דעמאָלט נישטאָ; אדרבה, זיי ווירקען, מען זאָל אַכטען די רעליגיע אַלס אַ היסטאָריש בערעכטיגטע ערשיינונג, וועלכע וועט פערשווינדען ערשט אונטער די קינפטיגע אומשטענדען. די דאָזיגע לעהרע היט אונז אַלזאָ אָב פון האַל-

טען אידעאָלאָגישע מיינונגס-פערשידענהייטען אַלס דאָס סאַמע ממשות׳דיגע, זי שטעלט אויפ׳ן ערשטען פּלאַן אונזער עקאָנאָמיש ציל אַלס דאָס סאַמע וועזענטליכע און דאָס דריקט זי אויס אין דער פּראַקטישער פאָדערונג: רע-ליגיע איז פּריוואַט-זאַך.״

צווייטע טענה.

פון וואַנען אָבער נעהמט עס זיך, וואָס ווען אַלטע פּראָדוקציאָנס-בע-ציהונגען מוזען אָבטרעטען זייער אָרט פאַר נייע, בלייבען נאָך פון דעסטווע-גען אַלטע רעליגיעס לאַנג עקזיסטירען?

די דאָזיגע פראַגע מוז פערענטפערט ווערען, דען דער דאָזיגער פאַקט ווערט דורך אונזערע געגנער בענוצט אַלס אַ טענה געגען אונז. דער ענטפער איז נישט שווערig.

ערשטענס שטאַרבט קיינמאָל נישט אָב אַן׳אַלטער פּראָדוקציאָנס-אופן פּלוצלינג. אין פריהערדיגע יאָהרהונדערטען איז דאָס פּאָרגעקומען אין העכ-סטען גראַד לאַנגזאַם; און אפילו איצט, אין דער צייט ווען די גרויס-אינדו-סטריע פערשטויסט די אַלטע טעכניק אַזוי שנעל, וועט עס דויערן פון דע-סטוועגען זעהר לאַנג, ביז די קליין-אינדוסטריע וועט זיין פערשוואונדען. עס בלייבט נאָך אַלזאָ אַ לאַנגע צייט גענוג פּלאַץ פאַר דער אַלטער רעליגיע.

צווייטענס איז דער מענשליכער גייסט פויל. אפילו ווען דער קערפּער געפינט זיך שוין אין נייע אַרבייטס-בעציהונגען, נעהמט-אָן דער געדאַנק נייע פאָרמען נישט שנעל. ד י ט ר אַ ד י צ י ע, די מסורה דריקט אויף דעם מוח פון די לעבעדיגע מענשען, דער אַרבייטער קאָן דאָס לייכט אָבטערווירען אין זיין אייגענער סביבה: דאָרטען שטעהען אין דער אייגענער פאַבריק איינע נעבען די אַנדערע צוויי מענשען, מיט דער אייגענער גויט, מיט דעם אייגע-נעם עלענד. און פון דעסטוועגען איז איינער אַ קנאַפּער בעל-מות, וועלכער וויל נישט קעמפען, קאָן זיך נישט אויסלערנען קיין פריי דענקען און פאָלגט אין דער פּאָליטיק, רעליגיע, פּראָפעסיאָנעלען פעראיין—וואָס „גוטע און פרומע לייט״ הייסען. דער אַנדערער איז פול לעבען, אַלץ אין איהם איז קאַמפּס-לוסט; שטענדיג רעדט ער, שטענדיג אַגיטירט ער; קיין גאָט און קיין בעל-הבית, דאָס איז זיין לאָזונג.

חוץ דעם אונטערשייד אינ׳ם טעמפּעראַמענט ווירקט דאָ די טראַדיציע. די ידישע אמונה, צי דער קאַטויליציזם למשל, ווי שטאַרק זיי זאָלען זיך נישט בופּאַסען צו די נייע פאָרמען, זענען זיי רעליגיעס וואָס פּאַסען פאַר אַלטע צעציהונגען. צוליב דער פוילקייט, די אינערץ, וועלכע איז פאַרהאַן סיי ביי דער מאַטעריע סיי ביי דעם געדאַנק, האַלטען זיי זיך אָבער עקשנות׳דיג ווייטער. שוין לאַנג נאָכדעם, ווי אַ געוויסער פּראָדוקציאָנס-אופן איז אונטער-געגאַנגען, קאָן מען נאָך אַ געוויסע צייט געפינען זיינע אַלטע טרוקענע בלומען דריטענט ווירקען די ניי אויפגעקומענע קלאַסען און די בעדראָהטע.

קלאַסען, אַז די אַלטע דענקונגס-אַרט זאָל נאָך לאַנג בלייבען עקזיסטירען. פריהער, ווען דער קלאַסען-קאַמף איז נאָך געקעמפט געוואָרען אין רעליגיע-זע פאָרמען, אונטער רעליגיעזע לאָזונגען, האָט אַן׳אויפקומענדער קלאַס, וועל-כער האָט געשטרעבט צו אַנדערע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען ווי דער רע-גירענדער קלאַס, געהאַט אָפט אויך אַ נייע רעליגיע, וועלכע האָט זיך גע-פאַסט דערצו, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר גוט, גערעכט און וואָהר. אַזוי איז צום ביישפיל געווען דער קאַלוויניזם אין אָנהויב אַ רעליגיע פון רעוואָלו-ציאָנערען. אָבער ווען דער אויפגעקומענער קלאַס האָט שוין סוף-כל-סוף פער-שטויסען דעם אַלטען און איז אַליין געוואָרען דער הערשענדער קלאַס, דעמאָלט האָט ער אויך זיין רעליגיע געמאַכט פאַר די הערשענדע רעליגיע; דעמאָלט האָט ער אַלעמען אָנגעוואָרפען די דאָזיגע רעליגיע, אָבער דעמאָלט האָט ער אויך פערוואַנדעלט דעם רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער פון דער רעליגיע אין אַ קאָנסערוואַטיווען; דעמאָלט האָט ער אויך אין דער דאָזיגער רעליגיע גע-בראַכט צום אויסדרוק זיינע אייגענע נייע בעציהונגען. אַזוי איז דאָס קריסטענטום—וועלכעס איז געווען אַמאָל די רעליגיע פון די עניים ואביונים, אָרימעלייט און אונפערמעגליכע, און זייענדיג דעמאָלט העכסט איינפאַך איז זי געווען בלויז די רעליגיע פון ליבע און געגענזייטיגער הילף—געוואָרען אַלס אָפיציעלע אמונה פאַר אַ גאַנץ פערפלאָנטערט סיסטעם פון דאָגמען, צערעמאָ-ניעס, גאָטס-שטעלפערטרעטער אויף דער ערד, אַ סיסטעם פון היעראַרכיע און עקספּלואַטאַציע, וועלכעס איז צום ערשטען קריסטענטום גאָר קנאַפּ עהנליך. דער קלאַס, וועלכער קומט צו דער מאַכט און אין אַנדערע בעציהונגען, ענדערט פשוט דעם מהות פון דער רעליגיע און מאַכט זי פון אַ קאַמפּס-מי-טעל פאַר אַ מיטעל פון אונטערדריקונג.

און דאָס זעהען מיר אויך אין אונזערע טעג.

די הערשענדע קלאַסען, וועלכע ווילען אַליין געניסען פון דעם גאַנצען עולם-הזה, האָבען, זינט דאָס קריסטענטום איז געוואָרען זייער רעליגיע, אַריינגעקלאַפּט אין מוח פון די אונטערדריקטע די אונטערטעניגקייט, עניוות און מקבל-באהבה-זיין צרות און בעליידיגונגען, דעם דאָזיגען טייל פון קרי-סטוס׳עס לעהרע, און אַליין האָבען זיי איהם אָנגעווענדט געגען די אונטערדריקטע. ווען די פערמעגליכע קלאַסען זענען אַליין געווען רעוואָלוציאָנער, אַזוי ווי די קאַלוויניסטען און אַנדערע פּראָטעסטאַנטען, האָבען זיי אַליין געפּרעדיגט נישט דאָס ליידען און שווייגען, נאָר דעם קאַמף. איצט אָבער, ווען אַ קלאַס וואַקסט-אויס אין געגענזאַץ צו זיי, אַ קלאַס וואָס וויל נישט ליידען און שווייגען נאָר קעמפען ביז ער זיגט, ווערט שוין ווידער די אַלטע רעליגיע פון מקבל באהבה-זיין אַלע צרות, וואָס „גאָט שיקט אויפ׳ן מענשען", בענוצט דורך אַלעמען, אפילו דורך די פריהער רעוואָלוציאָנערע סעקטעס, כדי אָבצו-האַלטען פון קאַמף וועניגסטענס איין טייל פון די אויפקומענדע קלאַסען.

אונז חידוש׳ט אַלזאָ גאָר נישט, וואָס דורך די פעראייניגטע ווירקונג

פון די נאָך איבערגעבליבענע אַלטע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, טראַדיציע און קלאַסען-הערשאַפט, בלייבט נאָך אַנ׳אַלטע רעליגיע אַ לאַנגע צייט ביי איהר עקזיסטענץ און ביי איהר קראַפט. אָבער דאָס וואָס דעמאָלט האָט זי שוין נישט מעהר קיין רייך אינערליך לעבען, נאָר זי איז גיכער עהנליך צו אַ פערשטיינערטער מומיע, קאָן אונז אויך נישט חידוש׳ן, ווייל אַצינד ווייסען מיר שוין, אַז אויך די רעליגיע נעהמט-זיך פון דער געזעלשאַפט.

ז. די קונסט.

דעם דאָזיגען געביט פון׳ם גייסט קאָנען מיר דורכגעהן בלויז בקיצור, ווייל לײדער דרינגט נאָך אַהין דער פּראָלעטאַריער נישט אַריין.

אָבער אַז דאָ, דווקא דאָ, מוז אונזער לעהרע גילטיג זיין, דאַרף קלאָר הערען דורך דער פאָלגענדער בעטראַכטונג און מיט איין איינציגען ביישפּיל.

קונסט איז דאָס געפיהלס-לעבען, פאַרגעשטעלט אין ליניע אָדער פאָרם אָדער טענער. פאַר קיין שום זאַך פיהלט נישט דער מענש מעהר ווי פאַר אַ מענשען. דערום מוז אויך די קונסט זיך ענדערן גלייכצייטיג, ווען עס ענדערען זיך די בעציהונגען פון׳ם מענש צום מענש.

אַלס ביישפּיל דערצו קאָן פאָלגענדעס דיענען:

דער מענש פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט שטעהט אַליין און ווערט בעהערשט דורך דער פּראָדוקציע און די פּראָדוקטען. דאָס מוז זיך אויסדריקען אין זיין קונסט; זינט דער גריכישער בירגערליכער קונסט פון פינפטען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס, ביז׳ן היינטיגען טאָג ווערט עס טאַקי אויסגעדריקט.

דער מענש פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פיהלט זיך איינס מיט אַלעמען, האָט קראַפט דורך אַלעמען און בעהערשט צוזאַמען מיט אַלעמען די פּראָדוקציע און די פּראָדוקטען. דאָס מוז זיך סוף-כל-סוף אַרויסווייזען אין זיין קונסט; דאָס דאָזיגע געפיהל פון הערשאַפט, פרייהייט, גליק צוזאַמען מיט אַלעמען מוז און וועט זיך דעמאָלט אויסדריקען. דאָס איז אַזוי זיכער ווי זיכער עס איז, אַז ביים געזעלשאַפטליכען מענש איז בכלל פאַרהאַן אַ דראַנג אויסצודריקען זיינע געפיהלען אין ליניעס, פאַרב און טענער. אָבער די דאָזיגע קונסט וועט זיין אַזוי ווייט פון דער בירגערליכער קונסט, דאָס הייסט פערשידען ווי הימעל פון דער ערד, פונקט אַזוי ווי דער מענש אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט זיין פערשידען פון דעם בירגערליכען מענש, און דער דאָזיגער אונטערשייד וועט פעראורזאַכט זיין—צי דאַרפען מיר עס נאָך איבער׳חזר׳ן—דורכדעם וואָס די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, וועלכע זענען איצט געבויט אויף פּריוואַט-אייגענטום און לויהן-אַרבייט, וועלען דעמאָלט געבויט זיין אויף קאָלעקטיוו אייגענטום און קאָלעקטיווער, געמיינזאַמער אַרבייט.

VI.

שלום.

מיט דעם האָבען מיר פערענטפערט די אויפגאַבע, וואָס מיר האָבען זיך געשטעלט. לאָמיר נאָך אַמאָל בעטראַכטען, וואָס עס האָט זיך דערביי אַרויס־געוויזען.

מיר האָבען געזעהן, אַז די וויסענשאַפט, דאָס רעכט, די מאָראַל, די רעליגיע און די פילאָזאָפיע, די קונסט ענדערען זיך דורך דער ענדערונג פון די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, וועלכע ווערען ווידער פון זייער זייט געענדערט דורך דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק.

מיר האָבען געפונען דערויף אַ בעשטעטיגונג אין אַ רייה גאַנץ איינפאַ-כע, אַלגעמיין בעקאַנטע, אָבער זעהר וויכטיגע ביישפּילען, וועלכע נעהמען-אַרום גאַנצע קלאַסען און פעלקער.

עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז מיר האָבען נישט געקאָנט געבען ביישפּילען אָהן אַ שיעור און אָהן אַ גבול, און געוויס זענען פאַרהאַן פיל קאַ־פּיטלען פון דער געשיכטע, וואָס ווען מען זאָל זיי פאָרלעגען אויף אַ היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישע ערקלערונג, וועלען זיי אונז ברענגען אין פערלעגענהייט, דען מיר וויסען נישט גענוג, כדי צו ערקלערען אַלץ, וואָס אונזערע געגנער קומט-אַריין אין קאָפּ. אָבער דווקא דערפאַר האָבען מיר גענומען אַזעלכע ביישפּילען, וואָס נעהמען-אַרום גרויסע ריזיגע ערשיינונגען, ווייל, ווען זיי טרעפען־צו אין זייער גרויסען פערנעהם, קאָן מען שוין קוים צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דער טעאָריע.

חוץ דעם איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם אָנגעווענדט געוואָרען דורך אונזערע חברים קודם-כל אין דייטשלאַנד, אָבער אויך אין אַנדערע לענ-דער, אויף אַלע געביטען פון דער געשיכטע מיט אַזאַ גלענצענדען ערפאָלג, אַז מיר קאָנען זאָגען רוהיג: די ערפאַהרונג האָט די ריכטיגקייט פונ׳ם דאָ-זיגען טייל פון מאַרקס׳ענס לעהרע דערוויזען.

ווייטער האָבען מיר געזעהן, אַז דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם דאַרף מען דורכאויס נישט בעטראַכטען אַלס אַ פאָרם, אין וועלכע מען האָט נור אַריינצופּרעסען די היסטאָרישע פראַגען. מען מוז אָנהויבען מיט׳ן לערנען וויל מען וויסען, פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס אַ קלאַס, אַ פאָלק דענקט אויף אַ בעשטימטען אופן, זאָל מען נישט זאָגען: פערשטעהט זיך, דער פּראָ-דוקציאָנס-אופן איז געווען אַזוי און אַזוי און ער האָט אַלזאָ געווירקט, אַז עס זאָל זיין אַזאַ דענקען. אַזוי-אַרום וועט מען זיך אָפּט גענאַרען; דען אָפּט

האָט די אייגענע טעכֿניק געשאַפּען ביי איין פּאָלק אַ גאַנץ אַנדער דענקען ווי ביי אַן׳אַנדער פּאָלק, אַזוי ווי עס קאָנען אויך פערשידענע פּראָדוקציאָנס־אופנים ביי פערשידענע פעלקער געבויט זיין אויף איין און דערזעלבער טעכניק. אויך אַנדערע פאַקטאָרען מוזען אויסגעפאָרשט ווערען: די פּאָליטישע געשיכֿטע פונ׳ם פּאָלק, דער קלימאַט, די געאָגראַפישע לאַגע; צוזאַמען מיט דער טעכניק האָבען זיי אַלע אויך זייער איינפלוס אויף דעם פּראָדוקציאָנס־אופן און אויפ׳ן דענקען. ערשט ווען מען קען די אַנדערע פאַקטאָרען, ערשט דעמאָלט ווייזט זיך גלענצענד אַרויס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, די ווירקונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען און פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען אין דער דאָזיגער סביבה.

ווער עס קאָן זיך נישט אָפּגעבען מיט גענויער לערנען די געשיכטע, דער זאָל זיך צופרידענשטעלען מיט דער בעטראַכטונג פון אונזער אייגענער צייט, מיט דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, וואָס זיין אָפּשפּיגלונג איז דייטליך צו זעהן קודם־כל אינ׳ם גייסט פון די אַרבייטער און וועלכען מען קאָן זיך גוט אויסלערנען צו פערשטעהן דורך גוטע רעפעראַטען און בעזוכען גוטע קורסען.

ווייטער האָבען מיר געזעהן, אַז די פערשידענע טיילען פונ׳ם גייסט זענען נישט קיין אָפּגעצוימטע געביטען. צוזאַמען בילדען זיי איין גאַנצע זאַך, אַלע ווירקען זיי איינע אויף די אַנדערע, די פּאָליטיק אויף די עקאָנאָמיע, די מאָראַל אויף די פּאָליטיק, די טעכֿניק אויף די וויסענשאַפט, און פערקעהרט. עס איז פאַראַן אַ וועקסעל־ווירקונג, אַ צוריקווירקונג, אַ זעלבשטענדיג ווייטערדיג לעבען פון דעם גייסטיגען לעבען, וואָס האָט נור איינמאָל אויפגעבליהט. אָבער איהר טרייב־קראַפט איז די אַרבייט, און די קאַנאַלען, אין וועלכע עס פליסען די גייסטיגע שטראָמען, זענען די פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען.

אויך די טראַדיציע איז אַ מאַכט. אָפט אַ טאָרמאַזירענדע.

דער גאַנצער פּראָצעס איז, ווי מיר האָבען געזעהן, אַ מענשליכער פּראָצעס, וועלכֿער קומט־פאָר דורך מענשען און צווישען מענשען און אינ׳ם מענשען, דאָס הייסט אַלזאָ נישט אַ מעכאַנישער פּראָצעס. מיר האָבען מעהרערע מאָל געקאָנט אָנווייזען דערויף, אַז דער יסוד פון אַלץ וואָס עס געשיהט זענען דאָס מענשליכע בעדערפניש און די מענשליכע אינסטינקטען, דער אינסטינקט פון דער זעלבסטדערהאַלטונג, דער אינסטינקט פון שאַפען אַ נייעם דור, דער סאָציאַלער אינסטינקט. אינסטינקטען און בעדערפנישען — דאָס זענען נישט קיין בלויז מעכאַנישע, דאָס זענען אויך גייסטיגע, דאָס זענען לעבעדיגע זאַכען, דאָס זענען געפיהלען, אַלזאָ דאָך געוויס נישט עפּעס פּשוט־מעכֿאַנישעס. מיר האָבען געזעהן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מעהר נאַרישע אָדער פערקעהרטערישע זאַך, ווי פערטוישען דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם מיט דעם מעכאַנישען מאַטעריאַליזם. די טעכֿניק גופא איז נישט בלויז אַ מעכֿאַנישער, זי איז אויך אַ דענקונגס־פּראָצעס.

מיר האָבען אויך געזעהן, אַז דאָס גרויסע מיטעל, מיט וועלכען די נאַטור בענוצט זיך צו דער ענטוויקלונג פונ׳ם מענשליכען דענקען, דער קאַמף, איז אין אונזערע טעג קודם-כל דער קלאַסען-קאַמף. מיר האָבען געזעהן אַן די מענגעביישפּילען, אַז די טעכניק שטעלט-אַוועק זי קלאַסען אין פערשידענע פּראָדוקציאָנס- און אייגענטום-בעציהונגען און אַז דורכדעם שטויסען זיך פיינד־ליך צונויף זייערע אידעען; אַז צווישען זיי קומט-אַרויס אַ קאַמף צוליב דאָס אייגענטום, און גלייכצייטיג דערמיט—אַן אידעעלער קאַמף צוליב דאָס רעכט, די פּאָליטיק, די רעליגיע א. אַז. וו.; אַז דער מאַטעריעלער זיג פון אַ קלאַס איז גלייכצייטיג דער זיג פון זיינע אידעען.

דאָס אַלץ האָבען מיר געזעהן און מיר מיינען, אַז רוהיג קאָנען מיר ציהען דעם שלוס, אַז דאָס דענקען טוישט זיך כסדר, אַז דאָס דענקען געפינט זיך שטענדיג אין בעוועגונג, און אַז אויף די דאָזיגע אַלע געביטען, וואָס מיר האָבען בעהאַנדעלט, זענען נישטאָ קיין אייביגע אמת׳ן, אַז דאָס איינציג איי־ביגע, אַבסאָלוטע איז דער וועקסעל, די ענטוויקלונג. און דאָס איז גראָד אויך דאָס אַלגעמיינע, דער גרויסער אמת, וועלכער וועט זיך סיי-ווי אַרויסווייזען פון אונזערע אויספיהרונגען,—ווי מיר האָבען אין אָנהויב געזאָגט—,אפילו ווען מיר וועלען איהם נישט ספּעציעל בעהאַנדלען. דער לעזער וועט בעמערקען, אַז מיר האָבען דעם דאָזיגען רעזולטאַט געגעבען נישט אַלס אַ פאָראויס-פעסטגעזעצטע דאָגמע, נאָר אַלס אַ פּועל-יוצא פון די פאַקטען, פון דער איינפאַכער היסטאָ-רישער ערפאַהרונג.

די קראַפט פונ׳ם אמת

מיר האָבען אָבער כלל נישט געגעבען דאָס ווערק, כדי צו מאַכען די אַרבייטער פאַר פילאָזאָפען. געוויס האָט עס זיין ווערטה, ווען דער לע-זער זעהט־איין, אַז דער גייסט, ווי אַלע זאַכען, איז נישט קיין אַבסאָלוטע זאַך. מעג די דאָזיגע השגה, אַלס אַ פילאָזאָפישער אמת, האָבען אַן׳ערפאָלג-רייכע ווירקונג אויף זיין גייסט, בלייבט זי אַלץ פון דעסטוועגען בלויז אַ נעבען-רעזולטאַט.

מיר האָבען זיך געשטעלט אַן׳אַנדער ציל, מיר האָבען די אַרבייטער געוואָלט מאַכען פאַר קעמפער. און פאַר זיגער. אין דער צייט וואָס זיי האָבען דאָס דאָזיגע ווערק אויפמערקזאַם געלעזען, האָבען זיי געוויס געמוזט פיהלען ווי עס וואַקסט זייער אינערליכע קראַפט.

דען וואָס ווייזט זיך אַרויס פון אונזער לעהרע און פון אונזערע ביי־שפּילען?

ווען די טעכניק ענדערט זיך אַזוי, אַז פון אַן׳אונבעדייטענדען קלאַס מאַכט זי אַ מעכטיגען, פון אַ שקלאַף אַ קעמפער, דאַן מוזען אויך די אי-דעען פון דעם דאָזיגען קלאַס פון אונבעדייטענד מעכטיג ווערען, פון שקלאַ-

פעריש—דערהויבען. און ווען די טעכניק מאַכט ענדליך דעם דאָזיגען קלאַס פאַר אַ זיגער, מוזען סוף-כּל-סוף זיינע אידעען אויך ווערען די איינציג-אמת׳ע.

אונזער מיין איז, צו געבען דעם אַרבייטער-קלאַס דעם צוטרוי צו זיך, אַז ער פערמאָגט דעם אמת, דעם צוטרוי צו זיין גייסט.

דען די טעכֿניק מאַכֿט דעם פּראָלעטאַרישען קלאַס פיל ווי זאַמד אויפ׳ן ברעג פון ים; זי אָרגאַניזירט איהם צום קאַמף, זי מאַכט איהם גייסטיג, מאָראַליש און מאַטעריעל פאַר דעם מעכֿטיגסטען קלאַס. די אַלטע פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, דאָס פריוואַט-אייגענטום זענען פאַר דער מאָדערנער אַרבייט צו ענג געוואָרען; די אַרבייט איז געזעלשאַפטליך געוואָרען; און נור ביי דעם געזעלשאַפטליכען אייגענטום קאָן זי פערריכט ווערען און זיך פריי ענטוויקלען. די טעכֿניק, וואָס איז פערשפּאַרט אין די רעשטלעך פון דער קליין-אינדוסטריע, אין אַקציען-געזעלשאַפטען און טרעסטען, פאָדערט אַ געמיינשאַפטליכען אייגענטום, כּדי זי זאָל אומעדום קאָנען אונגעשטערט אויסשפּרייטען איהרע פליגלען. זי וויל נישט ווערען דאָ קינסטליך צעשרויפט דאָ ווידער איינגעשטילט און איינגעשטיקט. און די אַרבייטער וועלען סוף-כּל-סוף איינאָרדנען די טעכניק און די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען לויט זייער ווילען, דווקא דערפאַר וואָס די טעכניק מאַכט זיי פאַר דעם מעכֿטיגסטען קלאַס און זייער ווילען דריקט-אויס די פאָדערונג פון דער טעכֿניק.

אָבער דערום זענען אויך די אידעען פון די אַרבייטער, וואָס זענען געשטיצט אויף דער דאָזיגער איבערצייגונג, אויף וויפיל זיי זענען דערויף געשטיצט, אַלע וואָהר. דען ווען די ווירקליכֿקייט גיט די אַרבייטער גערעכט און דאָס אייגענטום אויף פּראָדוקציאָנס-מיטלען ווערט געמיינשאַפטליך, דעמאָלט זענען ריכֿטיג אויך זייערע אַלע אידעען וואָס צילען דערצו, אויף וויפיל זיי צילען דערצו; און די מיינונגען פון זייערע געגנער, וועלכע ווילען עס נישט, זענען נישט ריכֿטיג. ווען פלעצער און מאַשינען וועלען שוין געהערען צו אַלעמען, דעמאָלט וועט שוין זיין ריכֿטיג, וואָס דאָס איז אַזוי און די מיינונגען פון די, וואָס האָבען עס געוואָלט, וועלען זיך האָבען אַרויסגעוויזען פאַר ריכטיג; וואָס מעהר די ווירקליכֿקייט דערנעהנטערט זיך צום דאָזיגען צושטאַנד, אַלץ וואָהרער און ריכֿטיגער איז די אידעע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט איבער רעכֿט, אַלץ מעהר אין ווידערשפּרוך מיט דער ווירקליכֿקייט זענען די מיינונגען פון זייערע געגנער.

און אַזוי האַלט עס אויך מיט זייער פּאָליטיק. ווען די אַרבייטער מוזען ווערען דורך דער טעכֿניק דער שטאַרקסטער קלאַס אין צאָהל, אין אָרגאַניזאַציע, אין מאַטעריעלער קראַפט, דעמאָלט זענען אויך וואָהר זייערע פּאָליטישע מיינונגען, וועלכֿע ברענגען עס צום אויסדרוק; און די פּאָליטישע מיינונגען פון די געגנער, וועלכֿע שטעלען זיך געגען דעם, זענען פאַלש.

דען וואָהרהייט, אמת, איז די איינשטימיגקייט פונ׳ם געדאַנק מיט דער ווירקליכֿקייט.

ווען דער סאָציאַליזם פונ׳ם אַרבייטער-קלאַס איז אַ פאָדערונג פון דער טעכניק, ווען אָהן איהם קאָן זיך די פּראָדוקציע ווייטער נישט ענטוויקלען, דעמאָלט איז אויך די מאָראַל פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, אויף וויפיל זי האָט אַ שייכות צום דאָזיגען ציל—די ריכטיגע.

ווען דער אַרבייטער-קלאַס האָט רעכט, אַז דער סאָציאַליזם קאָן קומען בלויז דורך די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען, ווי-באַלד די קרעפטען פון דער נאַטור און פון דער געזעלשאַפט וועלען דורך דעם אַרבייטער-קלאַס בעגריפען ווערען, דעמאָלט האָט ער אויך רעכט דער-מיט וואָס ער אַנערקענט נישט מעהר קיין שום איבערנאַטירליכס, בפרט אַז ד׳עמאָלט פעהלט טאַקי דערצו יעדער גרונד—דעמאָלט זענען אַלע זיינע געג-נער, וועלכע האַלטען זיך ביי אַ רעליגיע, אַבערגלויבישע מענשען.

און אַזוי איז עס אויף יעדען געביט: די ענטוויקלונג פון דער טעכ-ניק ווירקט, אַז אַ קלאַס זאָל נישט בלויז מאַטעריעל, נאָר אויך גייסטיג אַרויפ-שטייגען אָדער אַראָבנידערן. ווען די בעציהונגען, וואָס איין קלאַס וויל האָ-בען, ווערען אַ ווירקליכקייט, דעמאָלט ווערען אויך וואָהר זיינע געדאַנקען, מיט וועלכע ער וויל זיי האָבען. קיין וואונדער נישט, וואָרן דער געדאַנק איז דאָך בלויז די טעאָריע, די בעטראַכטונג, דאָס צונויפנעהמען די ווירקליכ-קייט אין איין אַלגעמיינעם בעגריף.

דערום האָבען מיר געפּרובט קלאָר צו מאַכען פאַר די אַרבייטער דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס לעבט ביי אונז. אינ׳ם גייסט פון פּראָלעטאַריאַט מוז לעבען די קראַפט פונ׳ם אמת.

די קראַפט פונ׳ם יחיד.

דער דאָזיגער לעצטער זאַץ פיהרט אונז ממילא צו אַ גוטען שלוס: אינ׳ם גייסט פונ׳ם אַרבייטער זאָל לעבען די קראַפט פון דעם אמת.

געוויס, די טעכניק טרייבט צום סאָציאַליזם, מיר ווערען דורך די טעכ-ניק צום סאָציאַליזם געטריבען. מיר מאַכען די געשיכטע נישט פון קאָפּ אַרויס.

„די אַרבייט ווערט געזעלשאַפטליך", „די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען מו-זען ווערען סאָציאַליסטיש". „די אייגענטום-בעציהונגען פאָדערן פערגעזעל-שאַפטליכונג".

געוויס. די געזעלשאַפטליכע מאַטעריע איז מעכטיגער ווי דער גייסט פונ׳ם יחיד (פונ׳ם אינדיווידואום). דער יחיד מוז געהן, וואוהין זי פיהרט.

אָבער—די טעכניק איז צונויפגעשטעלט פון מאַשינען און מענשען. אַרבייט בעטייט מענשען-הענד, מענשען-מוחות און מענשען-הערצער, וואָס בע-שעפטיגען זיך אין דער פּראָדוקציע. די אייגענטום-בעציהונגען זענען איצט בעציהונגען פון אייגענטימער און נישט-אייגענטימער.

נאָכאַמאָל: דער פּראָצעס איז אַ לעבעדיגער פּראָצעס. די געזעלשאַפטלי־כע מאַכט, וואָס טרייבט אונז, איז נישט קיין טויטער פּאַטום, קיין קנויל מאַטעריע, איבער וועלכען מען קאָן קיין דעה נישט האָבען. זי איז די גע־זעלשאַפט, זי איז אַ לעבעדיגע קראַפט.

אמת, מיר מוזען געהן אין דער ריכטונג, אין וועלכער זי געהט. דער אַרבייטס־פּראָצעס טרייבט אונז אין אַ ריכטונג, וואָס מיר בעשטימען נישט אליין. מיר מאַכען די געשיכטע נישט פון קאָפּ אַרויס

אָבער... מיר מאַכען זי.

איהר, אַרבייטער, איהר זענט נישט דורך דעם בלינדען גורל, נאָר דורך דער לעבעדיגער געזעלשאַפט בעשטימט, צו ברענגען דעם סאָציאַליזם.

איהר, אַלס קלאַס, קענט עס נישט אַנדערש. איהר מוזט וועלען אַ הע־כערען לויהן, אַ מעהר גליקליך לעבען, מעהר אָברוה. איהר מוזט בעקעמפען די מלוכה, איהר מוזט בעקומען אין אייערע הענד די פּאָליטישע מאַכט, איהר מוזט זיגען. די פּראָדוקציע, די לעבעדיגע אַרבייט וויל עס.

אָבער צידען הענגט עס דאַן נישט אָב אויך פון אייך פערזענליך, ווי שנעל, ווי גוט, ווי ריכטיג דאָס קומט־פּאָר, דאָכט זיך דווקא דער־פּאַר, ווייל איהר מוזט עס טוהן אַלס אַ לעבעדיגער כח, הענגט עס אָב פון אייך, לעבעדיגע יחידים, לעבעדיגע מענער, פרויען און קינדער—נישט אַז, נאָר ווי דאָס זאָל געהן!

דאָס הענגט־אָב פון אייער קערפּער און פון אייער גייסט.

קערפּערליך קרעפטיגע, גייסטיג שטאַרקע פּראָלעטאַריער וועלען פער־ווירקליכען דאָס הערליכסטע, דאָס גרעסטע, וואָס די וועלט האָט ווען־עס־איז געזעהן, בעסער איידער שוואַכע.

עס ליעגט נישט אין אייערע הענד צו זיין אונטער דעם קאַפּיטאַליזם קערפּערליך אַזוי געזונד און ווידערשטאַנדספעהיג, ווי איהר דאַרפט עס האָ־בען. די גרייס פון׳ם לויהן, די אַרבייטס־צייט, דער וואוינונגס־צושטאַנד הענ־גען נישט אָב פון אייך אַליין. אָבער אין אַ פיל העכערער מאָס הענגט עס אָב פון אייך, ווי ווייט איהר זאָלט גייסטיג געזונד זיין. איהר קאָנט אַריינ־נעהמען אין אייער גייסט די מאַכט פון׳ם אמת, פון דעם סאָציאַליסטישען געזעלשאַפטליכען אמת פולשטענדיג, ביז׳ן גרונד, אפילו ווען אייער קערפּער איז נישט אַזוי אינגאַנצען קרעפטיג.

עס איז אַן׳אייגענאַרטיגע מעשה מיט׳ן גייסט. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען בעהערשט איהם אַזוי, אַז ער קאָן זיין פּחדנות׳דיג, מאַט, ערשעפּט צום טויט, אַז ער זאָל מעהר קיין אייגענע בעוועגונג נישט האָבען.

לאָז אָבער די טעכניק איהם וועקען, לאָז זי איהם ווייזען אויפ׳ן האָ־ריזאָנט אַ ליכט־פּונקט, אַ גליק, אַ ציל. לאָז אַ קלאַס זעהן, אַז דורך דאָס גע־זעלשאַפטליכע לעבען ווינקט צו איהם אַ זיג, דאַן ווערט דער גייסט ביים

מיטגליד פונ׳ם דאָזיגען קלאַס אַ זאַך, וואָס קומט אין בעוועגונג; דאַן פלאַקערט ער אויף, דאַן לעבט און שטרעבט און ווירקט ער, דאַן ווערט אַנ׳אמת דאָס וואָרט, אַז דער גייסט בעהערשט דעם קערפּער; מעג זיין דער קערפּער שוואַך, קנאַפּ ערנעהרט, בלוט-אָרים, אין טויזענד צרות און דאַגות, דער גייסט ווערט מעכטיג, דער גייסט ווערט פריי.

דער גייסט פונ׳ם אַרבייטער קאָן שוין איצט אונטער׳ן קאַפּיטאַליזם פריי ווערען. דער פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס קאָן דעם אַרבייטער שוין איצט גייסטיג פריי מאַכען. דער אַרבייטער קאָן זיך שוין איצט בעפרייען פונ׳ם גייסטיגען שקלאַפען-יאָך פון דער בורזשואַזיע. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם לערנט איהם דעם צוזאַמענהאַנג פון נאַטור און מענשען, ער לערנט איהם, אַז עס איז נאָהענט די צייט, אין וועלכער די מענשהייט וועט בעהערשען נישט בלויז די נאַטור, נאָר אויך זיך אַליין. ער לערנט איהם, אַז ער איז עס בעשטימט דערצו, די דאָזיגע צייט צו ברענגען. ווער עס פערשטעהט עס און האַנדעלט לויט דער דאָזיגער השגה דער איז גייסטיג פריי. **בלויז דער קאָן מיט זיין אינדיווידועלער קראַפט צום בעסטען מיטהעלפען דערצו, אַז זיין קלאַס זאָל דערגרייכען דיזייע געזעלשאַפט.**

דער גייסט מוז ווערען רעוואָלוציאָניזירט. דער פאָראורטייל, די פחדנות מוזען אויסגעראָט ווערען. גייסטיגע פּראָפּאַגאַנדע, דאָס איז דאָס אַלערוויכטיגסטע. קענטעניש, גייסטיגע מאַכט איז דאָס אַלערערשטע, דאָס אַלערנויטווענדיגסטע.

קענטעניש אַליין שאַפט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע, אַ גוטע פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג, די ריכטיגע פּאָליטיק און דערמיט פערבעסערונגען אויפ׳ן עקאָנאָמישען און פּאָליטישען געביט.

קיין שום וואוילזיין איז נישט מעגליך, וויפאַנג עס עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליזם.

ערשט דער סאָציאַליזם ברענגט דאָס וואוילזיין.

און דער סאָציאַליזם קאָן דערגרייכט ווערען, דער שווערער קאַמף דערפאַר קאָן געקעמפט ווערען נור דורך גייסטיג שטאַרקע, וועלכע האָבען זיך גייסטיג בעפרייט.

צוערשט שטאַרק מאַכען דעם אייגענעם גייסט און דאַן דעם גייסט פון די חברים, דערין בעשטעהט די גרויסע, די איינציגע קראַפט פונ׳ם יחיד, פונ׳ם אינדיווידואום, דורך וועלכער ער קאָן זיך די צוקונפט ברענגען.

פּרובט עס, שעפט פון דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען, וועלכע איהר האָט פאַר די אויגען, וועלכע איהר האָט גאָר אין אייערע הענד, דאָס וואָס איהר האָט דערין צו געפינען: דעם נייעם אמת, די סאָציאַליסטישע וועלט-אַנשויאונג. און פּראָפּאַגירט זי!

צוזאץ

קארל קאוטסקי׳ס פאָרוואָרט צו דער דייטשער איבערזעצונג פון גאָרטער׳ס „היסט. מאט.“

דאָס ווערק פון מיין פריינד הערמאַן גאָרטער האָט זיך פערשפרייט צווישען די אַרבייטער פון האָלאַנד און וועט זיך פערשפרייטען אויך צווישען די פּראָלעטאַריער וואָס רעדען דייטש, אָהן רעקאָמענדאַציעס.

נאָר אויב איך שרייב דאָ צו אַ פּאָר שורות אַלס אַ פאָררעדע, איז עס דערפאַר, וואָס איך אַ געוויסען זין בין איך דער חייב, וואָס גאָרטער איז דורך איינעם פון זיינע קריטיקער בעשולדיגט געוואָרען, אַז ער פערשטעהט גאָר נישט דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם.

אין יאָהר 1903 האָב איך אין אַנ׳אַרטיקעל פון דער „נייער צייט“ אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז ביזאַהער האָבען אין דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג געגאָלטען די געבאָטען פון דער מאָראַל אונבעגרענצט בלויז אין די ראַהמען פון דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, נאַציאָן אָדער קלאַס, צו וועלכער מען האָט געהערט, אַז די דאָזיגע געבאָטען זענען נישט געווען אונבעדינגט אַ חיוב אין בעציהונג צום פיינד פונ׳ם קלאַס אָדער פון דער נאַציאָן. ביז היינט נאָך ווערט מיט חשק אויסגענוצט די קאָנסטאַטירונג פון דעם דאָזיגען פאַקט געגען מיר און מיין פּאַרטיי, בעזונדערס דורך קאַטוילישע גלחים. מיט זייער בעוואוסטער ליבע צום אמת פערדרעהען זיי דאָס וואָס איך האָב קאָנסטאַטירט, פעסטגעשטעלט, אַ פאַקט, וועלכען מען בעמערקט זינט פיל טויזענדער יאָהרען, זינט דעם אָנהויב פון דער מענשהייטס ענטוויקלונג ביי אַלע קלאַסען און נאַציאָנען, און זיי שטעלען עס פאָר אַלס אַ פאָדערונג צו מיינע פּאַרטיי-חברים, מען זאָל נישט אַכטען די עקזיסטירענדע מיינונגען וועגען מאָראַל און טאָמער פאָדערט עס דער אינטערעס פון דער פּאַרטיי זאָל מען די פאָלקס-מאַסען אָהן שום חרפה און בושה גענאַרען. חוץ אַלעם איז נאָך פאַרהאַן צו לאַכען פון דער מעשה, ווייל מיינע מיינונגען זענען געשטאַנען אין אַנ׳אַרטיקעל, וואָס איז געווען אַ פּאָלע-

מיק געגען דעם אַמאָליגען רעוויזיאָניסט און איצטיגען עקס־סאָציאַל־דע־מאָקראַט ג. בערנהאַרדט, דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די מיינונג, אַז די „העכער שטעהענדיגע" פּאַרטיי־חברים מעגען האָבען דאָס רעכט צו גענאַרען די פאָלקס־מאַסע.

גאָרטער האָט שפּעטער געמאַכט די אייגענע קאָנסטאַטירונג, נאָר דער־ביי האָט ער געהאַט נאָך אַנ׳ערגערען פּסק פאַר מיר. ער איז צוליב דעם אַטאַקירט געוואָרען נישט פון געגנער, נאָר פון חברים. מען האָט אים אויפגעוואָרפען, אַז ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטעהן דעם מאַרקסיזם, אַז מאַרקס אַליין זאָל זיך האָבען אויסגעדריקט גאָר אַנדערש ווי גאָרטער.

אַלס באַווייז האָט מען אָנגעוויזען אויף די סטאַטוטען פונ׳ם אינטער־נאַציאָנאַל, וואו עס געפינט זיך דער זאַץ:

„די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער־אַסאָציאַציע, אויך אַלע געזעלשאַפטען און איינצעלנע פערזאָנען וואָס שטעהען־צו צו איר, אָנערקענען אמת, גערעכטיקייט און מאָראַל אַלס כללים פון זייער בעציהונג איינע צו די אַנדערע און צו אַלע מענשען, אָהן שום אונטערשייד פון פארב, גלויבען און נאַציאָנאַליטעט".

דער דאָזיקער זאַץ לאָזט זיך נישט צונויפפּאָרען מיט גאָרטערס ווער־טער. ער שטאַמט דאָך אָבער פון מאַרקסן, דעם פערפאַסער פון די סטאַ־טוטען פון אינטערנאַציאָנאַל.

דערויף איז קודם־כל פאַרהאַן צו באַמערקען, אַז דער דאָזיקער זאַץ האָט מיט גאָרטער׳ס ווערטער גאָרנישט צו טהון. גאָרטער שטעלט פעסט אַ זאַך, וואָס איז ביז אַהער געשעהן אומעדום פון קדמונים־אָן; דאַגעגען אין די סטאַטוטען ווערען נישט פעסטגעשטעלט קיין היסטאָרישע פאַקטען. נאָר דאָרט ווערען פאָרמולירט פאָדערונגען צו די מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל.

מען קאָן אָבער פון דעסטוועגען נישט זאָגען, אַז די דאָזיקע פאָדערונ־גען זענען פאָרמולירט בעזודערס גערעכטען און קלאָר. וואָרן וואָס איז אַזוינס אמת, וואָס איז אַזוינס גערעכטיגקייט און מאָראַל? צי האָט דען נישט יעדער קלאַס זיינע בעזונדערע מיינונגען איבער גערעכטיגקייט און מאָראַל? געהערט דען נישט די סאָלידאַריטעט צו דער פּראָלעטאַרישער מאָראַל? קאָנען מיר דען אויסשפּרייטען די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט אונבעגרענעצט אויך אויף די קאַפּיטאַליסטען? געוויס זענען פאַרהאַן אַסאַך סיטואַציעס, וואו קאַפּיטאַליס־טען און פּראָלעטאַריער שטעהען איינע אַנטקעגען די אַנדערע מיט גלייכע אינטערעסען; אין אַזעלכע פאַלען וועט דער פּראָלעטאַריאַט פערווירקלעכן די סאָלידאַריטעט, וואָס איז געפאָדערט דורך זיין מאָראַל, אַסך גיכער נאָך, איי־דער די קאַפּיטאַליסטען. נאָך דער ערדציטערניש פון מעסינאַ האָבען די פּראָ־לעטאַריער, וואָס האָבען געאיילט צו הילף, נישט געפרעגט, צו די פערשיטע זענען רייכע אָדער אָרימע; זיי האָבען געזוכט מענשען צו ראַטעווען, וויפיל זיי האָבען געקאָנט. דוקא נישט קיין פּראָלעטאַרישע, נאָר קאַפּיטאַליס־טישע מאַטיווען האָבען דאָ יאָ געשטערט די רעטונגס־אַקציע, ווייל אויפ׳ן

ערשטען פלאַן האָבען זיי זיך געריסען אַוועקצושטעלען די רעטונג פון אייגענטום.

אָבער דאָרט וואו עס שטעהען נישט מענשען אַנטקעגען דער נאַטור, נאָר קאַפּיטאַליסטען און פּראָלעטאַריער אַלס אַזעלכע שטעהען אין דער געזעלשאַפט איינע אַנטקעגען די אַנדערע, דאָ איז שוין נישט מעגליך צו רעדען וועגען אַ סאָלידאַריטעט צווישען זיי; דאָ שטרעבט דער איינער צו דריקען די לוינען און דער אַנדערער שטרעבט זיי צו הויבען. סיי דאָס איינע סיי דאָס אַנדערע קאָן געשעהן בלויז ווען איינער פון די ביידע צדדים זאָל האָבען אַנ'עולה.

און דאָרט וואו פּראָלעטאַריער שטויסען זיך אָן אויף די געגנערשאַפט פון קאַפּיטאַליסטען, זענען זיי אויך נישט מחויב צו געהן דורכאויס מיט'ן אמת אין בעציהונג צו זיי. וועמען וועט עס איינפאַלען צו פערלאַנגען פון שטרייקענדע אַרבייטער, אַז זיי זאָלען אויסזאָגען די קאַפּיטאַליסטען דעם גאַנצען אמת וועגען דעם שטאַנד פון זייער שטרייק-קאַסע? פאַר אַ בעוואוסטזיניגען פּראָלעטאַריער קאָן זיין אונטער געוויסע אומשטענדען דווקא אַ מאָראַלישע פליכט, אָבצונאַרען וועגען דעם די פיינדליכע קאַפּיטאַליסטען.

אמת, דאָס דאָזיגע אָרט אין די סטאַטוטען פון אינטערנאַציאָנאַל ענטהאַלט אַ זעהר ריכטיגען קערען. מיר מוזען אָנערקענען אמת, גערעכטיקייט און מאָראַל אַלס כללים פון אונזערע בעציהונגען צווישען זיך. צווישען אַלע קעמפּפער פון אַנ'אַרמעע מוז הערשען דער אמת; מיר טאָרען אונזערע חברים נישט זאָגען קיין ליגען אַפילו דעמאָלט, ווען מיר מיינען, אַז דאָס ליעגט אינ'ם אינטערעס פון דער פּאַרטיי. אַזוי האָב איך געזאָגט אין דעם שוין דערמאָהנטען אַרטיקעל פון דער „נייער צייט" אין יאָהר 1903:

„אַזוי ווי עס זענען פאַרהאַן עקאָנאָמישע געזעצען, וועלכע גילטען פאַר יעדער געזעלשאַפטליכער פאָרם, אַזוי זענען אויך פאַרהאַן מאָראַלישע פּרינציפּען, פון וועלכע קיינער קאָן נישט פטור זיין. איינער פון די וויכטיגסטע אונטער די דאָזיקע פּרינציפּען איז די פליכט פון אמת'דיגקייט אין בעציהונג צום חבר. אין בעציהונג צום שונא האָט מען די דאָזיגע פליכט קיינמאָל נישט אָנערקענט, דאַגעגען קאָן נישט געמאָלט זיין אָהן איהר קיין דויערהאַפטיגע צוזאַמענווירקונג פון גלייכע חברים. די דאָזיקע פליכט גילט פאַר יעדער געזעלשאַפט אָהן קלאַסן-געגענזאַצען, און אין די ראַהמען פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז פול מיט קלאַסן-געגנזאַצען גילט זי פאַר יעדער באַזונדערער פאַרטיי פון קלאַסען-חברים. אָבנאַרען די פאַרטיי-חברים האָט מען ביז אַהער געהאַלטען פאַר אַן ערלויבטע זאַך בלויז אין אַזעלכע פאַרטייען, וואו עס האָבען צוזאַמענגעאַרבעט צוויי קלאַסן, וואָס איינער פון זיי האָט זיך געהברט מיטן אַנדערן, כדי אויסצונוצען פאַר זיך יענעמס קראַפט. דאָס איז געווען די פאַרטיי-מאָראַל פונם יעזואיטיזם, בכלל פון די גלחים".

ווען די סטאַטוטען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל האָבען די דאָזיקע יעזואיטישע מאָראַל בפירוש אָבגעוואָרפען, איז דאָס געווען אַ גאַנץ ריכטיקע זאַך.

דאָס איינציגע מאָל, ווען מאַרקס האָט אויף וויפּיל איך ווייס זיך פּער־רופען אויף דעם דאָזיגען זאַץ פון די סטאַטוטען, האָט ער עס אויך געטהון אין דעם זין, וואָס ער האָט געפונען פאַר נישט ריכטיג צו געבאַרען די חברים. ער האָט זיך געווענדעט געגען די באַקוניסטען, דערפאַר וואָס זיי האָבען געשאַפען אינ׳ם אינטערנאַציאָנאַל גופא אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע „האָט געמאַכט אַלס ערשטע פליכט פאַר איהרע אייגענע מענשען צו געבאַרען די פשוטע מיטגלידער פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל בנוגע די עקזיסטענץ פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע, בנוגע די מאָטיווען און אפילו די צוועקען גופא פון זייערע ווערטער און האַנדלונגען״ *).

אָהן געגענזייטיגער אמת׳דיגקייט, אָהן געגענזייטיגען צוטרוי פון איהרע מיטגלידער איז פאַר אַ דעמאָקראַטישער פּאַרטיי נישט מעגליך צו פיהרען אַן ענערגישען קאַמף.

אָבער עס האַלט דאָך נישט דערביי, אַז מען זאָל מאַכען פאַר אַ חוב צו זיין אמת׳דיג אין בעציהונג צו אַלע מענשען אונטער אַלע אומשטענדען, אפשר אויך אין בעציהונג צו פּאָליציי־לייט, וואָס פערפאָלגען די פריינד אונזערע.

עלהאָ אויב דאָס דערמאָהנטע אָרט אין די סטאַטוטען פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל שטאַמט פון מאַרקס׳ן, וואָלט מען מוזען זאָגען, אַז דער זאַץ איז איהם נישט איבריגס געראָטען און אַז אַ וויכטיגער געדאַנק האָט ביי איהם בעקומען אַ קרומע פאָרם. אמת, דווקא ביי אַ מאַרקס וואָלט עס שטאַרק איבעררעשען. נאָר די זאַך איז די, אַז מאַרקס האָט גאָר דעם דאָזיגען זאַץ נישט אויפגעשטעלט. אויף וויפּיל איך ווייס האָט דערויף דער ערשטער אָנגעוויזען יעק אין זיין געשיכטע פון אינטערנאַציאָנאַל. איך בין אויך געקומען צו דערזעלבער מיינונג און זי ווערט מיר בעשטעטיגט דורך מאַרקס׳ענס טאָכטער, חבר׳טע לאַורא לאַפאַרג.

מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז מאַרקס איז נישט געווען קיין זעלבסט־הערשער אינ׳ם אינטערנאַציאָנאַל. אין די אינטערעסען פון אחדות אינ׳ם פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף האָט ער געמוזט אָננעהמען אַמאָל דעם אָדער יענעם בעשלוס, פון וועלכען ער איז כלל נישט ענטציקט געווען.

די סטאַטוטען פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל זענען נישט פערפאַסט געווען פון איהם אַליין. עס האָבען מיטגעאַרבייט ביי זיי אויך פּרודאָניסטען און מאַציניסטען. ווייל מען מאַכען מאַרקס׳ן פערענטוואָרטליך פאַר דעם דאָזיגען זאַץ, דערפאַר וואָס ער איז געשטאַנען אין די סטאַטוטען פון אינטערנאַציאָנאַל, דעמאָלט וואָלט ער דאָך מיטשולדיג געווען אויך אין דעם זאַץ, וועלכער שטעהט אין די סטאַטוטען גלייך נאָך יענעם און איז סטיליסטיש און לאָגיש איין זאַך מיט איהם. די ביידע זאַצען צוזאַמען קלינגען אַזוי:

*) אַ קאָמפּלאָט געגען אינטערנאַציאָנאַל, 1874. ז׳ 33.

„די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער־אַסאָציאַציע, אויך אַלע געזעלשאַפטען און איינצעלנע פערזאָנען, וואָס שטעהען־צו צו איהר, אָנערקענען אמת, גערעכטיגקייט און מאָראַל אַלס כללים פון זייער בעציהונג איינע צו די אַנדערע און צו אַלע מענשען, אָהן שום אונטערשייד פון פאַרב, גלויבען אָדער נאַציאָנאַליטעט.

„זי בעטראַכט אַלס אַ פליכט פון יעדען איינעם צו פאָדערן בירגער־און מענשען־רעכט נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר יעדען איינעם, וועלכער טוהט זיין פליכט. קיין שום רעכט אָהן פליכטען, קיין שום פליכטען אָהן רעכט".

ווער עס קען נאָך האָבען אַ ספק, צי דער זאַץ וועגען אמת און רעכט שטאַמט פון מאַרקס'ן, ביי דעם מוז דער ספק פערשווינדען, ווען ער זעהט, אַז דער זאַץ שטעהט אינ'ם ענגסטען צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווייטערדיגען, וועלכער פאָדערט בירגער־רעכט בלויז פאַר יענע, וואָס „טוהען זייער פליכט". דאָ האָבען מיר ממש אַ לעכערליכע בעשטימונג. וואָרן וועלכער אויטאָריטעט זאָל דען בעשטימען, ווער עס טוהט זיין פליכט און פערדינט דערום צו האָבען בירגער־רעכט? נישט בלויז בורזשויען און אַרבייטער האָבען געהאַט זעהר פערשידענע מיינונגען וועגען די פליכטען פונ'ם מלוכה־בירגער; צווישען די אַרבייטער גופא זענען נאָך געווען אין דער צייט פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל גרויסע חילוקי־דעות דעריבער. זיי זענען דאָך דעמאָלט שטאַרק געשוואומען אינ'ם פאַהרוואַסער פון בירגערליכע מיינונגען. ביי די פרודאָניסטען האָט דאָס וואַרפען די אַרבייט געגאָלטען אַלס אַ נישט־ערפילונג פון דער פליכט. אַלזאָ נידער מיט'ן וואַהל־רעכט פון שטרייקענדע! מאַרקס'ן וואָלט עס נאַטירליך קיינמאָל נישט איינגעפאַלען, צו פאָדערן דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט בלויז פאַר יענע, „וואָס ערפילען זייער פליכט".

פערשטעהט זיך, אַז אָפיציעל האָט מאַרקס נישט געקאָנט אַרויסטרעטען געגען די ביידע זאַצען פונ'ם סטאַטוט, וואָס ער האָט מיטגעווירקט ביים צונויפשטעלען איהם און וועלכען ער האָט אַלס גאַנצעס אַקצעפּטירט. אָבער פּריוואַט האָט ער אויסגעדריקט, ווי מען האָט מיר צוויסען געטוהן פון אַ בעגלויבטער זייט, זיין אונצופרידענהייט מיט די דאָזיגע זאַצען. עס איז אָבער פאַרהאַן אויך אַ סימן פון דער דאָזיגער אונצופרידענהייט, וועלכער איז אָנגעקומען צו דער עפענטליכקייט.

די ערשטע פערעפענטליכונג פון די פּראָוויזאָרישע סטאַטוטען איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן אין יאָהר 1864. אין אַפּריל 1866 זענען די דאָזיגע סטאַטוטען פערעפענטליכט געוואָרען אויף דייטש אין דעם גענפער „פאָרבאָטע" פון זשאַן פיליפּ בעקער. ד אָ ר ט ע ן פ ע ה ל ע ן א י נ ג אַ נ צ ע ן ד י ב י י ד ע ז אַ צ ע ן. אָננעהמען, אַז זשאַן פיליפּ בעקער האָט מיט זיין אייגענער דעה זיי אַרויסגעוואָרפען דערפאַר וואָס זיי זענען איהם נישט געפעלען, קאָן מען נישט: טעאָרעטישע פראַגען האָבען איהם זעלטען עפּעס געאַרט.

אפשר האָט מ אַ ר ק ס געווירקט, אַז זיי זאָלען אַרויסגעוואָרפען ווערען פון דעם פּראָוויזאָרישען סטאַטוט? טאַקי צוליב דעם, וואָס די דאָזיגע ביידע

זאַצן האָבן געפעהלט אין דער דייטשער פערעפענטליכונג פונ'ם סטאַטוט, בין איך צום ערשטן מאָל, אומאָבהענגיג פון יעק'ן, אויפמערקזאַם געוואָרען דערויף, אַז ביים אויפשטעלן די סטאַטוטן זענען געווען חילוקי-דעות און אַז די ביידע זאַצן האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשפּרוך.

אַז אינ'ם סטאַטוט זענען דורך די פּרודאָניסטן אַריינגעשטעלט געוואָרען געוויסע זאַצן, וואָס האָבן געמוזט זיין פאַר מאַרקס'ן אַ גרויל, זעהט מען אַרויס פונ'ם פאָלגענדען. די פּראָוויזאָרישע סטאַטוטן האָבן אין פּונקט 9 ענטהאַלטן די בעשטימונג:

„יעדער מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָציאַציע וועט ביים פאַריבערפאָהרען פון איין לאַנד אינ'ם אַנדערען בעקומען די ברידערליכע שטיצע פון די פעראייניגטע אַרבייטער".

דאָס איז צו קנאַפּ געווען פאַר דער פּראָגראַם-קאָמיסיע און מאַר'ן פּלענום פון גענפער קאָנגרעס, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט די דעפיניטיווע סטאַטוטען, און ער האָט צוגעגעבן:

„די דאָזיגע שטיצע בעשטעהט:

א. אינ'ם רעכט אויף אויסקונפט איבער אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו זיין פּראָפעסיע אין יענעם אָרט, וואוהין ער פאָהרט אַרויס;

ב. אינ'ם רעכט אויף קרעדיט לויט די בעדינגונגען, וואָס זענען בעשטימט אין דעם רעגלאַמענט פון זיין סעקציע, און אויף דער סומע וואָס איז דורך איהר גאַראַנטירט".

דאָ ווייזט זיך קלאָר אַרויס די קוועלע פון די אַריינגעשטעלטע ווערטער. דאָס איז דער קליינבירגערליכער פּרודאָניזם, וועלכער האָט געוואָלט עמאַנציפּירען דעם פּראָלעטאַריאַט מיט זיינע טויש-בענק און דעם בחינם'דיגען געגענזייטיגען קרעדיט. פּונקט אַזוי ווי ער האָט געטרוימט וועגען אַנ'אייביגער גערעכטיגקייט, וואָס פערוואַנדעלט דאָס פּריוואַט-אייגענטום פון אַנ'אורזאַך פון עבאָאיזם אין אַנ'אידעאַלע אינסטיטוציע.

דער פּרודאָניזם בעהערשט דעם גאַנצן קאָנגרעס פון יאָהר 1866. די רעזאָלוציע איבער די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, וואָס דער גענעראַל־ראַט [illegible] פאָרגעלעגט און וועלכע גילט נאָך היינט פאַר אַ מוסטער, אינטערעסירט איהם קוים. די דעבאַטען וועגען דעם זענען געווען קורץ. דערפאַר איז מיט גרויס היץ דיסקוטירט און איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען די פאָלגענדע רעזאָלוציע, וועלכע איז פאָרגעלעגט געוואָרען פון די פּאַריזער דעלעגאַטען:

„אָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלע קרעדיט־אַנשטאַלטען:

1. דער קאָנגרעס רעקאָמענדירט אַלע סעקציעס, צו בעקענען זיך מיט די ענינים פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קרעדיט און אַריינשיקען די אַרבייט וועגן דעם צום גענעראַל־ראַט, וועלכער וועט זיי צוזאַמענ[illegible] אַלע חברים אין זיינע „מיטטיילונגען", אַזוי אַז אויף דעם קומענדיגען קאָנגרעס זאָלען קאָנען אָנגענומען

ווערען וועגען דעם באַשטימטע באַשלוסן.

2) דער קאָנגרעס רעקאָמענדירט, תיכף צו ערלעדיגען די אידעע פון אַ גענאָסענשאַפטליכער פעראייניגונג פון אַלע אַרבעטער־קרעדיט־אַנשטאַלטען, וואָס זענען שוין געגרינדעט און דאַרפען נאָך געגרינדעט ווערען, אין אַ צענטראַל־באַנק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָציאַציע".

און נאָך איין רעזאָלוציע, כדי צו כאַראַקטעריזירען דעם גענפער קאָנגרעס, זי האָט אַ שייכות צו דער פראַגע פון פרויען־אַרבייט. וואָרלען און בורדאָן האָבען פאָרגעלעגט צו ערקלערען:

„מאַנגעל אין ערציהונג, צו פיל אַרבייט, צו קנאַפּ באַלוינונג און שלעכטע היגיענישע צושטאַנדען אין די פאַבריקען זענען היינט פאַר די פרויען, וואָס אַרבייטען דאָרט, די אורזאַכען פון פיזישער און מאָראַלישער דעגענערירונג. די דאָזיגע אורזאַכען קאָנען אָפּגעשאַפט ווערען דורך אַ בעסערע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבייט, דאָס הייסט דורך קאָאָפּעראַציע. מען מוז קלעהרען וועגען דעם, אַז די אַרבייט, וואָס די פרוי דאַרף טוהן כדי צו דערהאַלטען איהר לעבען, זאָל זיין צוגעפאַסט צו איהרע כוחות, אָבער נישט מען זאָל די אַרבייט אינגאַנצען אוועקנעמען ביי איהר".

די דאָזיגע טרעפליכע רעזאָלוציע איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען, דאַגעגען איז אָנגענומען געוואָרען די פאָלגענדע, וועלכע שטאַמט פון די פרודאָניסטען שמאַל, טאָלען און פריבור:

„אין פיזישער, מאָראַלישער און סאָציאַלער בעציהונג דאַרף די פרויען־אַרבייט אויסגעמיטען ווערען אַלס אַן אורזאַך פון דעגענערירונג (פון די אַרבייטער?) און אַלס איינס פון די שפּרינגפעדערס פון דער דעמאָראַליזאַציע פונם קאַפּיטאַליסטען־קלאַס.

„די פרוי האָט פון דער נאַטור באַקומען באַשטימטע אויפגאַבען איר פּלאַץ איז אין דער פאַמיליע"; איר אויפגאַבע בעשטעהט דערין, צו ערציהען די קינדער, געוועהנען דעם מאַן צו אָרדענונג, בעל־הבתיש'קייט און מילדערע זיטען. „דאָס זעגען די דינסטען, וואָס די פרוי האָט צו ערפילען, די אַרבייטען, וואָס זי האָט צו פעררישטען; אַוועקוואַרפען איהר אַנדערע אַרבייטען איז אַ שלעכטע זאַך.

אויך דער דאָזיגער בעגריף וועגען פרויען־אַרבייט, וועלכער איז בורזשואַזיש־שבורזשואַזיש, איז עכט פרודאָניסטיש.

מען קומט אַלזאָ צו די משונה'דיגסטע מיינונגען, ווען מען זאָל נעהמען פשוט און אַרויפשרייבען אויף מאַרקס'ענס חשבון אַלע ערקלערונגען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל. פיל פון זיי זענען דוקא געשאַפען געוואָרען דורך מאַרקס־פיינדליכע עלעמענטען. ווער עס וויל זיך פעררופען אויף ערקלערונגען פון אינטערנאַציאָנאַל, כדי צו כאַראַקטעריזירען מאַרקס'ענס דענקען, מוז קודם האָבען קלאָר תופס געווען דאָס דאָזיגע דענקען און דעם חילוק צווישען אים מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע שולען פון דער צייט פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל.

מען קאָן זיין זעהר אַ גוטער מאַרקסיסט, גוט בעגרייפען דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם און פונדעסטוועגען שטעהן אין ווידער־שפּרוך צו געוויסע בעשלוסען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל און געוויסע זאַצען פון זיינע סטאַ-

טוטען.

קודם-כל גילט עס פאַר אַזעלכע זאַצען, וואָס שטאַמען נישט פון מאַרקס'ן. אָבער עס וואָלט חוץ דעם זיין זעהר נישט-מאַרקסיסטיש, ווען מיר וואָלטען האָבען בדעה אפילו ביי מאַרקס'ענס אייגענע זאַצען זיך-אָבשטעלען און בייגען זיך פאַר זיי ווי פאַר ווערטער, וועלכע מען טאָר נישט קריטיקירען. נאָר פערשטעהט זיך, אז בחינם וועט קיינער נישט סתם אין דער וועלט אַריין שטעלען זיך געגען אַזאַ קאָנסעקווענטען דענקער, געגען אַזאַ גייסטיגען ריז ווי מאַרקס, וויבאַלד מען האָט זיך נור איינמאָל ארויפגעאַרבייט צו זיין שיטה. אין דעם איצטיגען פאַל איז דאָס אויך נישט נויטיג. אָבער וויפיל איך ווייס, איז גאָרטער'ס ווידערשפרוך צו די סטאַטוטען פון אינטערנאַציאָנאַל די איינציגע טענה, וואָס מען האָט געגען גאָרטער'ן, אַז ער פערשטעהט נישט דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם.

ק. קאוטסקי.